STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00540

# GETO IN FLAMEN

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Joseph I. Graf*
*in honor of*
*his mother, Rae Graf, who came with him to the NYBC dedication*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# גערטאָ און פלאַמען
# זאַמלבוך

# געטאָ
# אין פלאַמען

## זאַמלבוך

אַרויסגעגעבן פֿון
דער אמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אין פּוילן
ניו־יאָרק
1944

*Published by*
American Representation of the General
Jewish Workers' Union in Poland
175 East Broadway, New York 2, N. Y.

129

*Printed in U. S. A.*

# אינהאַלט:


די יידיש־דייטשע מלחמה — ל. האַדעס ........................ 7
פּליטים־קינדער — ז. שניאור ........................ 54
דער אונטערערדישער „בונד" — ש. הערץ ........................ 60
דער נס פון אויפשטאַנד — יעקב פּאַט ........................ 82
יידישע באַלאַדע — אַ. לעיעלעס ........................ 96
די יוגנט־דיוויזיע ביי „געטאָגראַד" — ח. ש. קאַזדאַן ........................ 29
אין דעם ניינצנטן אַפּריל — י. אַפּאַטאָשו ........................ 106
וואַרשע און די יידישע ליטעראַטור — י. י. טרונק ........................ 111
שמואל זיגעלבוים — עמנואל נאָוואָגרודזקי ........................ 114
מיין רייזע דורכן נאַצישן גיהנום — ז. אַרטור ........................ 140
די טאַט — ש. מענדעלסאָן ........................ 156
שמואל זיגעלבוימס לעצטע געזעגענונגס־בריוו ........................ 161
די געטאָ־העלדן — י האַרט ........................ 164
מעסעדזשעס ........................ 195

## ל. האָדעס

# די יידיש־דייטשע מלחמה

### װעגן דער געשיכטע פון אויפשטאַנד

עס איז נאָך נישט געקומען די צייט צו שרייבן די געשיכטע פון דער יידיש־דייטשער מלחמה. מיר פאַרמאָגן נאָך דערװייל נישט דאָ אין אויסלאַנד קיין פול בילד פון אָט דעם דראַמאַטישסטן קאַמף פון פיל צייטן און דורות און קיינער אין אויסלאַנד איז אויך נישט באַרופן צו שרייבן אָט די געשיכטע. עס װעלן נאָכן זיג קומען מענטשן פון פוילן גופא, װאָס זיי אַליין װעלן זיין ראוי צו שילדערן די העכסטע שטאַפּלען פון מענטשלעכער גרויסקייט, צו װעלכער עס האָבן זיך דערהויבן די קעמפער אין די געטאָס. עס װעלן קומען מענטשן, װאָס האָבן חדשים פריער געגרייט דעם װאַרשעװער אויפשטאַנד, פיבער־האַפט געזוכט געװער, געשמידט דעם קאַמפס־װילן און געשטאַרקט דעם גייסט דורך אייגענעם ביישפיל פון גרענעצלאָזער קרבנות־גרייט־קייט און מסירת־נפש; עס װעלן קומען מענטשן, װאָס האָבן מיט געװער אין דער האַנט זיך אַרויסגעריסן פון די אונטערערדישע באַ־פעסטיקונגען פון געטאָ, האָבן זיך דערנאָך געבלאָנקעט איבער װעל־דער אָדער געזעסן פאַרשטעקט אין גריבער און לעכער, כדי צו קאָ־נען שפּעטער טראָגן איבער דער װעלט דעם רום פון די געפאַלענע; עס װעלן קומען מענטשן, װעמענס פּנימער זיינען מעת־לעתן גאַנצע אָן איבעררייס געװען באַלויכטן דורכן אימהדיקן רויטן אָפּגלאַנץ פון די העלישע שריפות, אין װעלכע עס זיינען פאַרברענט געװאָרן טויזנ־טער יידן; און אין די אויגן און נשמות פון אָט די צוזעער פון די שרפות האָט דער פלאַמען־ים מסתמא איבערגעלאָזט שטענדיקע שפּורן. זיי װעלן קומען אָט די אַלע און װעלן מיט פּשוטע װערטער דערציילן, װאָס זיי האָבן געהערט און געזען, און די מגילה פון זייערע יסורים װעט פאַרבלייבן דער װייטיקדיקסטער איכה־געזאַנג אין דער מענטשלעכער שפּראַך; זייער עדות־זאָגן װעגן די מערדער װעט װערן דער בזיונות־

דיקער שאַנד־דאָקומענט פונעם מענטשלעכן מין; און פון זייערע אייג־פאַכע שילדערונגען פון אויפשטאַנד וועט אויפגעטורעמט ווערן אַ דענק־מאָל, וואָס זיין שפּיץ וועט גרייכן אין די העכסטע הויכקייטן און וואָס וועט אייביק שימערירן און גלאַנצן מיט די פיינסטע איידלשטיינער פון מענטשלעכן גייסט.

ביז עס וועלן קומען אָט די כראָניקער פון אויפשטאַנד, וואָס וועלן דערציילן זיין געטריע געשיכטע, פאַרבלייבט איבער צו מאַכן דעם פּרואוו איבערצודערציילן און ברענגען אין אַ געוויסער אָרדענונג די מאַטעריאַלן וועגן אויפשטאַנד, וועלכע זיינען שוין ביז היינט גע־קומען פון פוילן גופא.

## דער ערשטער פּעריאָד פון ווידערשטאַנד

ווען האָבן זיך אָנגעמערקט די ערשטע סימנים פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד — דאָס איז דערווייל שווער פעסטצושטעלן מיט דער פולער פּינקטלעכקייט. שווער כאָטש דערפאַר אַליין — וואָס דער באַ־וואָפנטער ווידערשטאַנד איז געקומען נישט פּלוצלונג. ער איז רייף געוואָרן דורך יאָרן פון קאַמף און דורכן גייסט פון ווידערשטאַנד בכלל, וואָס האָט פולסירט אין די יידישע קוואַרטאַלן זייט דעם ערשטן טאָג פון דער היטלערישער אָקופּאַציע. ער איז געוואָרן דער המשך פון דער העראָאישער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע אין סעפּטעמבער 1939, אין וועלכער יידישע אַרבעטער, אונטער דער אָנפירונג פון „בונד" האָבן געשפּילט זייער אַן אָנגעזעענע ראָל. דער אויסדריקער פון אָט דעם גייסט פון בונט און ווידערשפּעניקייט צו די אָקופּאַנטן איז געווען דער אומפאַרגעסלעכער שמואל זיגעלבוים, ווען ער האָט אויף אַן עפנטלעכער גאַסן־פאַרזאַמלונג אין וואַרשע דעם 7 נאָוועמבער 1939, גערופן די פאַרזאַמלטע יידישע מאַסן צו שטאַנדהאַפטיקייט און האָט געפאָדערט פונעם קהילה־ראַט נישט צוצולייגן קיין האַנט צו דער זאַך פון איינפירן אַ געטאָ. דער דאָזיקער גייסט האָט הייס געגליט אין צענדליקער אונטערערדישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס די יידישע אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט סיסטעמאַטיש אַרויס־געגעבן, ער האָט געשוועבט איבער דער הייליקער תּליה אין לובלין וואו די נאַציס האָבן אין 1941 אויפגעהאָנגען אַ יונגען בונדיסט פאַר „שאַרפע אַנטינאַצישע אַקטיוויטעטן", ער האָט געלעבט אין די הערצער פון די הונדערטער אַרבעטער־פירער, וואָס זיינען פאַרפייניקט גע־וואָרן אין היטלערס תּפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ער איז גע־

ווען טיף פאַרוואָרצלט אין די נשמות פון הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן אין באַדינגונגען פון די אוממענטשלעכסטע יסורים נישט פאַר־לוירן זייער קאַמפּסלוסט, ווירדע און גלויבן. דער גייסט פון אַנט־קעגנשטעלן זיך און די קאַמפּסגרייטקייט האָבן אין 1943 דערגרייכט זייער העכסטן פּונקט און האָבן זיך אויסגעגאָסן אין אַ גאַנצע רייע באַוואָפנטע אויפשטאַנדן.

די יידישע אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז געווען טעטיק און געפירט זייער אַ פאַרצווייגטע אַרבעט זייט דעם ערשטן טאָג פון היטלערס אָקופּאַציע, האָט ביז זומער 1942 נישט געשטעלט די פראַגע וועגן אַ סעפּאַראַטן יידישן באַוואָפנטן אויפשטאַנד. זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אין געהיים שטערן דעם שונא, — שטערן זיינע אַרבעטן פאַרן קריג, דורך מעטאָדן פון אומלעגאַלן קאַמף, זי האָט געהויבן דעם מוט פון פאָלק, פאַרשפּרייט ידיעות וועגן דעם שונאס מפּלות, אונטערגעהאַלטן דעם גלויבן אין זיג, געזאַמלט כוחות פאַרן לעצטן קלאַפּ, און ביז יענער צייט געשטעלט זיך פאַר אַ ציל אויפ־צוהאַלטן די פיזישע און גייסטיקע כוחות פונעם פאָלק.

## דער טויט־אורטייל

היטלער האָט דעם יידישן פאָלק דערקלערט מלחמה. זיין גאַנצן קראַנקהאַפטן האַס צו יידן האָט ער באַשלאָסן אויסצוגיסן אויף די קעפּ פון יענע גרויסע מאַסן פון יידישן פאָלק, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין זיינע רוצחישע הענט. אין שיין פון דער געשיכטלעכער דערפאַרונג זעט מען היינט קלאָר, אַז היטלערס געלע לאַטע, מגן דוד און ענדלעך, געטאָ, מיט וועלכע מען האָט אויסגעטיילט די יידן אונטער היטלערס הערשאַפט, זיינען נישט געווען געמיינט נאָר אויף צו דערנידעריקן די יידן, ווי מאַנכע האָבן עס לכתחילה געטראַכט. די אַלע צייכנס זיינען געווען פליגלען פון טויט, וואָס האָבן געפאָכעט איבער די קעפּ פון דריי מיליאָן פאַראורטיילטע. היטלער האָט געהייסן פאַרמערקן מיט ספּעציע־לע צייכנס און אָפּזונדערן פון די אַנדערע די יעניקע, איבער וועלכע ער האָט אין זיין קראַנקהאַפטער פאַנטאַזיע אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל.

אין אָקטאָבער 1939 איז שוין געשאַפן געוואָרן דער לאָדזשער געטאָ. אין נאָוועמבער 1939 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע פאַראָרדענונג וועגן וואַרשעווער געטאָ. דער יידישער ווידערשטאַנד האָט דעמאָלט באַאיינפלוסט די דייטשע מיליטער־מאַכט פון וואַרשע,

און די גזירה איז אָפּגעלייגט געוואָרן. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין אָק־טאָבער, 1940, איז די גזירה אין וואַרשע באַנייט געוואָרן, און מיט אַ חודש שפּעטער אַריינגעפירט געוואָרן אין לעבן. ווינטער 1940 איז פאַרענדיקט געוואָרן דער פּראָצעס פון אָפּזונדערן אַלע יידן, ווי אויך אָפּשטאַמיקע פון יידן אין אָפּגעצוימטע געטאָס. מען האָט דערביי פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך און קליינע ישובים געצוואונגען צונויפ־ברענגען אַלע יידן אָדער אין עטלעכע גרויסע געטאָס, דער עיקר קיין וואַרשע, אָדער — ווי דאָס איז געווען לכתחילה — אין לובלינער רעזערוואַט. די פאַראורטיילטע זיינען געווען צונויפגענומען צוזאַמען. די מערדער האָבן בלויז געדאַרפט קומען און שעכטן.

אין די האַרבסט־חדשים פון 1941, האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־מאָרדן איבער יידן. מען האָט אויסגעמאָרדעט די גרעסטע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווילנע, ראָוונע, לעמבערג, קאָוועל, סטאַניסלאַוואָוו, טאַרנאָפּאָל, סטרי און פיל אַנדערע שטעט, דער עיקר פון די מזרח־געביטן פון פוילן. מען האָט די קרבנות געוויינלעך פאַר־זאַמלט אין אויסגעשאָסן פון מאַשין־געווער. גלייכצייטיק האָט מען אין צווייטן עק פון פוילן — אין געביטן, וואָס זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דייטשן רייך, דורכגעפירט די ערשטע פּרוּוון פון נייע אופנים פון מאָרד. אין אָקטאָבער 1941 האָט מען גענומען אַרויספירן די באַפעלקערונג פון קאָנינער פּאָוויאַט און טיילווייז אויך פון לאָדזשער געטאָ אין אַן „אומבאַשטימטער ריכטונג". די אַרויסגעפירטע פלעגן פאַרשווינדן אָן אַ שפּור. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די אַרויסגעפירטע פלעגט מען אומברענגען אין ספּעציעלע גאַז־קאַמערן, וואָס זיינען פאַר דער ציל איינגעריכטעט געוואָרן אין כעלמנאָ (קויאַווער). די מאַשין פון מאָרד האָט געקלאַפּט מיט דער פולער פּאַרע, און די מאָרד־כוואַליע האָט זיך פון ביידע זייטן דערנענטערט צום גרעסטן יידישן קיבוץ — צום האַלבמיליאָניקן געטאָ אין וואַרשע.

## די ערשטע פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד

שוין אין דער ערשטע סטאַדיע פון מאַסן־מאָרד האָבן די מערדער דאָ אָדער דאָרטן אָנגעטראָפן אויף אַן אַקטיוון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" פון 31 אוי־גוסט 1942 ווערט דערציילט, אַז עס זענען געווען פאַרשידענע פאַר־איינצלטע פאַלן פון ווידערשטאַנד, ווען מען האָט זיך פאַרבאַריקאַ־דירט אין הייזער און געקעמפט. עס ווערט דערמאָנט ניעסוויזש

וואו עס זיינען פאָרגעקומען באַוואָפנטע קאַמפן. עס איז פאַראַן אַ ידיעה וועגן באַוואָפנטע קאַמפן אויך אין יידישן גאַרבער שטעטל קרינקי, נעבן גראָדנע. ליידער, זענען אין די באַריכטן נישט דער־מאָנט די אַלע אַנדערע ערשטע פונקטן פון באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. זיי קומט פאַראייביקט צו ווערן. דער נאָמען פונם קליין שטעטעלע ניעסוויזש אויף די מזרח־געביטן פון פוילן ווערט אַ גע־שיכטלעכער נאָמען. און מיר וועלן זיך מסתמא מיט דער צייט דערוויסן, וועלכע פונקטן טיילן מיט ניעסוויזש און קרינקי דעם כבוד פון פאָרגייער פונם העלדישן ווידערשטאַנד.

אַלענפאַלס, איז באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין דער ערשטער סטאַדיע פונעם דייטשן מאַסן־מאָרד נישט געווען קיין צו אָפטע דער־שיינונג. דערצו האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט פאַרשיידענע סיבות.

## פאַרוואָס האָט פון אָנהויב געפעלט אַלגעמיינער אַקטיווער ווידערשטאַנד

קודם־כל האָבן די דייטשן זייערע ערשטע מאַסן־שחיטות פון יידן דורכגעפירט אויף געביטן, וואָס זיי האָבן נור־וואָס פאַרנומען פון דער רויטער אַרמיי. צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי זענען וואַרשיינלעך אַוועק די פיזיש שטאַרקערע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דערצו נאָך, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, — אין דער מערהייט פון די אויסגערעכנטע שטעט זיינען די אַלע שחיטות דורכ־געפירט געוואָרן כמעט ווי אין פייער פון קריג דורך אַן אַנגרייפנדיקער מעכטיקער אַרמיי איבער אַ הילפלאָזער טעראָריזירטער באַפעלקערונג. כמעט אומעטום איז אָנגעווענדעט געוואָרן דאָס סיסטעם פון פלוצלינג צונויפיאָגן די יידן, פאַרטרייבן זיי הינטער דער שטאָט און דאָרטן אויסשיסן. אָט די טאַקטיק פון שונא האָט נישט איבערגעלאָזט קיין געלעגנהייטן צו אָרגאַניזירן זיך און צונויפזאַמלען די מעגלעכע כוחות פון ווידערשטאַנד.

אָבער אויך אין די גרענעץ־געביטן פון אַמאָליקן דייטשלאַנד, וואו עס זיינען כמעט אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען מאַסן־שחיטות„ איז נישט געווען קיין אַקטיווער ווידערשטאַנד, — און דאָס צוליב אַ נ ד ע ר ע ס י ב ו ת. זייערע ערשטע עקס־פערימענטן פון מ אַ ס ן ־ מ אָ ר ד דורך נייע „וויסנשאַפטלע־כע מעטאָדן״, וואָס די היטלערישע חיות האָבן צוערשט דורכגעפירט

אין כעלמנא נעבן קאָלאָ, זענען געווען אַרומגערינגלט מיט דער גרעסטער געהיימניש. דער באַריכט וועגן די גאַז־עקזעקוציעס דער־ציילט מיט דערשיטערנדיקער פשטות, ווי זייט אָקטאָבער 1941 האָבן אין קאָנינער געגנט געגומען פאַרשווינדן אָן אַ שפּור טויזנטער אַרויס־געפירטע יידן. די דייטשן האָבן געמאַכט אַ טיפן סוד פון זייערע מאָרד־אַרבעט. כדי צו פאַרווישן די שפורן פון מאָרד, פלעגט די דייטשן דורכפירן פריער אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג אויף כלומרשט פעסטצושטעלן צי די קרבנות זענען צוגעפּאַסט פאַר דער אַרבעט, אויף וועלכער זיי ווערן גענומען. די יידן פלעגן אײַנצאָלן רייזע־הוצאות און די קאָסטן פון דער אונטערזוכונג. „די געגנט פון שלאָס (אין כעלמנאָ) — זאָגט דער באַריכט — איז געווען זייער גערדיכט באַזעצט דורך אַ גרויסער צאָל זשאַנדאַרמען און עס האָט נישט געטראָפן קיין איין פאַל, אַז קרבנות פון צוויי פאַרשיידענע טראַנספּאָרטן זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען".

„די אָנגעקומענע — דערציילט ווייטער דער באַריכט — פלעגט מען, על פי כלל, טראַקטירן זייער העפלעך און מילד. מען פלעגט זיי העלפן אַראָפּגיין פון וואָגן א. א. וו. אַ ספּעציעלע סימפּאַטיע פלעגט דערוועקן צו זיך אַן עלטערער דייטש אין ציווילער קליידונג (אַן ערך 60 יאָר אַלט)" און ווייטער: „אין איינעם פון די קעלערס פלעגט דער דערמאָנטער אַלטער דייטש... האַלטן אַ רעדע צו די געבראַכטע יידן". „ער פלעגט זיי אָנזאָגן, אַז דער גאַנצער טראַנספּאָרט וועט ווערן אַריבערגעשיקט אין געטאָ אין לאָדזש. אַז די מענער וועלן ווערן באַ־שעפטיקט אין די פאַבריקן, אין מלאכה און האַנדל, די פרויען וועלן קריגן אַרבעט אין הויז־ווירטשאַפט, די קינדער וועט מען שיקן אין שולן, אָבער איידער זיי פאָרן אַהין, מוזן זיי זיך אויסבאָדן אין דער אָרטיקער באָד, דורכגיין אַ דעזינפעקציע און אויך לאָזן דעזינפעק־צירן זייערע בגדים".

„נאָך דער דאָזיקער רעדע פלעגט מען הייסן זיך אויסטון... ענד־לעך פלעגט מען אַלעמען דורך די שטיגן אַראָפּפירן אונטן אין דער „באָד", פאַקטיש אָבער דורך אַ פּראָסטיקן קאָרידאָר צו דער ראַמ־פּע. דאָרטן פלעגט זיך מיט אַמאָל דאָס פאַרהאַלטן פון די דייטשן ענדערן. מיט בייטשען און מיט העגטלעך פון די ביקסן פלעגט מען די יידן אַרייַנטרייבן אין אַן עקזעקוציע־אויטאָ".

מיר האָבן אָפּגעפרישט אין זכרון אַזאַ לאַנגע ציטאַטע פונעם ערשטן באַריכט וועגן די גאַז־עקזעקוציעס, ווייל זי שפּיגלט אָפּ צום גרינט־

לעכסטן די אַטמאָספער פֿון די ערשטע מאַסן־מאָרדן אין צענטראַל־ און מערב־פּוילן. זי באַווייזט נישט נאָר די ראַפינירטע בעסטיאַליש־ קייט און קראַנקהאַפטע נויגונגען פון די מערדער, וואָס הייסן די קרבנות צאָלן פאַר דער רייזע צום גאַז־וואָגן און באַרויקן זיי און שלעפערן איין זייער אויפמערקזאַמקייט מיט זיסע רייד און מילדער באַציאונג, כדי שפעטער קאָנען בעסער הנאה האָבן פון זייער פלוצלינג־ דיקן טויט־שרעק. די טייוולאַנישע שפּיל איז צוגעטראַכט געוואָרן נישט בלויז אויף צו באַפרידיקן די סאַדיסטישע אינסטינקטן פון חיות אין מענטשן־געשטאַלט, — זי האָט געהאַט אַ טיפערע כוונה: צו מאַכן פון דער מאָרד־אַקציע אַ נישט דורכדרינגלעכע געהיימניש. אין באַריכט ווערט ווייטער דערציילט, אַז מען האָט איין מאָל אין גאַז־וואָגן דער־ שטיקט איינעם פון די דייטשע אַרבעטער, וואָס איז אַריין רייניקן דעם וואָגן, און דער באַריכט גיט צו: „מעגלעך, אַז אויף דעם אופן האָט מען באַוואוסטזיניק באַזייטיקט אַן עדות". אין אַ שפּעטערדיקן באַ־ ריכט פון אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט געזען די מאָרד־פאַבריק אין בעלזשיץ, ווערט דערציילט, אַז דאָרטן האָבן די דייטשן אויסגעהרגעט אַלע אוקראַינישע פאַשיסטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער מאָרד־ אַרבעט. אויך דאָרטן איז דאָס געוויס געטון געוואָרן מיטן ציל צו באַ־ זייטיקן אַלע עדות פונעם פאַרברעכן.

אַזוי האָבן די דייטשן דורך טאָטאַלן מאָרד, דורך אויסשעכטן אַלע עדות פון פאַרברעכן, דורך הערמעטישן אַפּשלוס פון זייערע מאָרד־ פאַבריקן פון דער גאַנצער אַרומיקער סביבה, געקאָנט לאַנגע חדשים מאָרדן און האַלטן עס אַ סוד נישט נור פאַר דער ברייטער וועלט, נור אויך פאַר דער נאָענטער סביבה פון די געמאָרדעטע. דאָס איז די אַט־ מאָספער, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די דייטשן צו פירן דורך לאַנגע חדשים אַ סיסטעמאַטישע מאָרד־אַרבעט און נישט אָנטרעפן אויף קיין אַקטיוון ווידערשטאַנד.

די רוצחישע האַנט האָט שוין פאַרשניטן הונדערטער טויזנטער יידישע לעבנס אין די מזרח־און מערב־קאַנטן פון פוילן. דער טויט האָט ווי אַ גיגאַנטישע שלאַנג שטיל זיך געשלייכט צום האַרץ פונעם יידישן לעבן אין פוילן, — צו וואַרשע, און די לעבן פאַרבליבענע יידי־ שע באַפעלקערונג האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט וועגן טויט־אור־ טייל, וואָס ליגט אונטערגעשריבן אויף איר אין היטלערס רעגירונגס־ אַפּיסעס.

## „זאָרג און אומגלויבן"

די חדשים פון פרילינג און זומער 1942 זענען געווען איבער־ברוך־חדשים אין היטלערס מאָרד־אַרבעט לגבי די יידן. דער מאַסן־מאָרד האָט אָנגענומען אַזאַ ברייטן פאַרנעם, אַז מען האָט זיך מיט אים שוין מער נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. אין מאַי, יוני, יולי, 1942 האָט מען דעפּאָרטירט צענטליקער טויזנטער יידן פון בעלגיע, פראַנקרייך, גריכנלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, א. א. קיין אויסלאַנד איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז היטלער האָט אין יענע חדשים אנגענומען דעם פּלאַן פון זיין מיניסטער פאַר עקאָנאָמישע ענינים הערמאַן באַקע צונויפצוברענגען אַלע יידן פון איירָאָפּע אויף באַשטימטע פּלעצער אין פּוילן און דאָרטן פאַרניכטן זיי אַלעמען מיט איין קלאַפּ. ווי אַ לעצטער טערמין ווען איירָאָפּע האָט געזאָלט ווערן „יידן־ריין" האָט מען אָנגע־רופן דעצעמבער 1942.

מען קאָן צווייפלען, צי אָט די ווערסיע וואָס איז דערגאַנגען דאַ־מאָלסט קיין אויסלאַנד איז געווען אַ פּינקטלעכע — עס איז מער וואַר־שיינלעך, אַז די מאָרד־פּלענער לגבי יידן זענען אין היטלערס סביבה שוין לאַנג געווען פאַרטיקע און באַשטימטע. דאָס זעט מען פון דער גרינטלעכקייט מיט וועלכער מען האָט פריער אין 1940 דורכגעפירט די אַרבעט פון אָפּזונדערן די יידן, פון דער סיסטעמאַטישקייט, מיט וועלכער די מאָרד־אַרבעט האָט זיך געפירט שוין זייט האַרבסט 1941, און פון דער פולער גרייטקייט פון אַ מאָרד־אַפּאַראַט און טויט־פאַב־ריקן, וועלכע זענען מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט פאַרטיק גע־מאַכט געוואָרן פון פריער ביז די מינדסטע קלייניקייטן. וואַרשיינלעך איז די ידיעה, אַז די נאַציס אַליין שטרייטן צווישן זיך וועגן דעם וואָס צו טון מיט די יידן, געווען בכיוון צעבלאָזן, כּדי אונטערצוהאַלטן אין די אומגליקלעכע פאַרמשפּטע די האָפענונג אויף מעגלעכער רעטונג.

אין וואַרשע האָט די יידישע באַפעלקערונג אַ לאַנגע צייט גע־לעבט אונטערן איינדרוק, אַז היטלער וויל אויסזויגן פון איר ביז צום לעצטן טראָפּן פון איר אַרבעטס־קראַפט, און מען האָט געטריבן פון זיך די געשפּענסטלעכע ידיעות וועגן מאָרד־צוגרייטונגען. מען האָט געלעבט אונטערן בייטש פון לאַנגזאַמער גסיסה, פאַרשפּאַרט אין די ענגסטע, שמוציקסטע געסלעך, דורך מויערן אָפּגעצוימט פון דער אַרו־מיקער וועלט. מען האָט געלעבט אין קראַנקהייט און ענגשאַפט צו 8, 10 און אַפילו 12 פּערזאָן אין אַ צימער. מען האָט געקראָגן ברויט־פּאָר־ציעס אַ דריטל פון דעם וואָס עס האָבן געקראָגן פּאָליאַקן און אַ פערטל

פון די פאַרציעס, וואָס עס האָט געקראָגן די באַפעלקערונג אין איראָ־פּע. מען האָט געזען די בפירושע כוונה פון בלוטיקן אָקופּאַנט, צו דער־שטיקן די יידן אין ענגשאַפט, אומברענגען זיי פון הונגער און עפּידע־מיעס. מענטשן זיינען אויף די געסלעך פון וואַרשעווער געטאָ געפאַלן ווי פליגן, געשוואָלענע פון הונגער, פאַרשניטענע פון מגפות. דאָס האָט צווישן יידן געבוירן אַ טראַטציקייט, אַ הייסן באַגער צו לעבן און איבערלעבן דעם שונא. עס האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט ריזיקע גייס־טיקע כוחות און לעבנס־ענערגיע; עס האָט זיך צעוואַקסן אַ געזעל־שאַפטלעכע זעלבסטהילף, מען האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן, מיטן לעצטן שטיקל קויל צו דערוואַרימען דאָס לייב, מיטן לעצטן ביסל רפואה קעגן די מגפות.

מען האָט געזען ענדלאָזע רשעות פונם אָקופּאַנט. אָבער דאָך האָט מען זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַפילו ער איז פעיק אויף יענער בעסטיאַלישקייט, וועגן וועלכער עס האָבן דערציילט די קלאַנגען. דער באַריכט פון דער פּוילישער רעגירונג וועגן דער אויסראָטונג־אַקציע דערציילט, אַז קיין וואַרשע זענען „אין האַרבסט 1941 דערגאַנגען ידיעות פון הינטערן בוג, אַז אין שטעט און שטעטלעך פון מזרח־פּוילן זענען פאַרגעקומען מאַסן־דערשיסונגען פון יידן". „מען האָט — גיט צו דער באַריכט — אָט די ידיעות אויפגענומען מיט זאָרג און אומ־גלויבן", מיט זאָרג און אומגלויבן — ווייל די שוואַרצסטע פאַנטאַזיע האָט זיך דאָך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מענטשן־קינדער זאָלן זיין פעיק אויף אַזויפיל שרעקלעכע בייז. אָבער קיין וואַרשע האָבן גענומען קו־מען פון הינטערן בוג עדות פון די מערדערייען, און אין מערץ האָט די וואַרשעווער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געהאַט דעם באַריכט פון דריי אַנטלאָפענע יידישע קברנים פון כעלמנאָ, וואָס האָבן אויפגעדעקט דעם סוד פון פאַרשוואונדענע יידן פון גאַנצע געגענטן, — דעם סוד פון די גאַז־קאַמערן. וואַרשע האָט דערפילט דעם אָטעם פון טויט, זי האָט דערזען איבערן קאָפּ דעם גזר־דין פון פאַרמשפטקייט.

## דער ערשטער ס. אָ. ס.

עס איז דאַמאָלסט אַוועק אין דער וועלט דער ערשטער ס. אָ. ס., דער ערשטער הילפס־רוף. עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן אונ־טערערדישן „בונד" דער באַריכט וועגן די גאַז־עקזעקוציעס און אַ חשבון פון אויסגעשלאַכטעטע 700 טויזנט יידן. די געמאָרדעטע האָבן דאַמאָלסט נאָך נישט געהאַט די טרויעריקע דערפאַרונג פון שפּע־

טער, אַז זייער רוף צו דער וועלט קלינגט ווי אַ שטים אין דער וויס־טעניש, און זיי האָבן געוואָרט אויף רעזולטאַטן. צי האָבן זיי זיך ווען עס־איז דערוואוסט, די טראַגיש־געמאָרדעטע, אַז זייער חשבון וועגן זיבן הונדערט טויזנט אויסגעשאָכטענע יידן האָט דאַמאָלסט קוים זוכה געווען צו געפינען אַ קליין ווינקעלע אויף די שפּאַלטן פון דער גרויסער וועלט־פּרעסע, און אַז דער באַריכט וועגן די גאַזן־עקזעקוציעס, וואָס איז מיט מסירת־נפש געשמוגלט געוואָרן, און האָט געשילדערט די אויסטערלישסטע מענטשלעכע רשעות, וואָס די וועלט האָט מסתמא ביז היינט קיין גלייכן צו דעם נישט געזען, האָט צו דעם אויך נישט זוכה געווען? אויסער דער יידישער פּרעסע האָט דעם באַריכט וועגן די גאַזן־עקזעקוציעס קיין איין גרויסע צייטונג ביז היינט נישט אָפּגע־דרוקט...

## צווישן פאַרצווייפלונג און האָפענונג

אין די חדשים מערץ — יולי 1942 האָט דער האַלבמיליאָניקער יידישער קבוץ פון וואַרשע אומענדלעך געפּלאָטערט צווישן טראַגישער פאַרצווייפלונג און אויפבליצן פון האָפענונג. עס איז געקומען אַ ידיעה, אַז עס איז געשאָפן געוואָרן אַ נייער טויטן־לאַגער אין סאָביבאָר (וולאָדאַווער פּאָוויאַט). הימלער האָט באַזוכט דעם גענעראַל־גאָווערנ־מענט, און מען האָט גערעדט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן מאָרד־באַפעלן; אין אַפּריל 1942 האָט פון די הייזער אין וואַרשעווער געטאָ אַרויס־געשלעפּט צענטליקער מענטשן און דערשאָסן, — דאָס זענען אַלץ גע־ווען סימנים פון אַ בלוטיקן געוויטער, וואָס גרייט זיך אויסצוגיסן אויפן געטאָ. אָבער עס זענען געווען אויך אַנדערע סימנים: גראָד אין אַפּריל 1942 האָבן די דייטשן דערלויבט דעם יידנראָט אין וואַרשע צו עפע־נען נייע פאָלקס־שולן, פאַך־קורסן, קינדער־גערטנער און אַרבעטס־וואַרשטאַטן. דאָס האָט געדינט ווי אַ באַוויז, אַז די נאַציס זענען גאָר נישט אויסן קיין שלעכטס לגבי דעם כלל וואַרשעווער יידן. אין יוני האָט מען דעם געטאָ פאַרקלענערט. די וואַרשעווער יידן האָבן אַפילו אויך דעם פאַקט אויסגעטייטשט צום גוטן. אויב מען שאַפט נייע גרע־ניצען פון געטאָ, איז אַ „קלאָרער באַוויז", אַז מען גייט אים נישט ליקווידירן. היינט איז קלאָר, אַז די אַלע שריט זענען געווען טיילן פון אַ גוט־צוגעגרייטן סטראַטעגישן פּלאַן, ווי אַזוי אָפּצונאַרן די וואַר־שעווער יידן. קינדער־גערטנער, פאָלקס־שולן און אַרבעטס־וואַרשטאַטן פאַר די יעניקע, פאַר וועמען עס זענען שוין דאַמאָלסט געשטאַנען

גרייט אין טרעמבלינקע ריזיקע עלעקטרישע גראָב־מאַשינען אויף גראָבן פּאַר זיי מאַסן־קברים, — דאָס איז געווען אין ברייטן מאָס־שטאַב אַ וואַריאַנט פון דער ליבלעכקייט און העפלעכקייט פונעם ס. ס. אָפּיציר אין כעלמנאָ, וואָס איז געווען צוקער־זיס צו זיינע קרבנות ביז צום סאַמע מאָמענט, ווען ער האָט געהייסן זיי יאָגן מיט בייטשן אין גאַז־וואַגן. די דייטשן איז זייער פּאָליטיק פון באַשווינדלען, צעטומלען און אָפּנאַרן די צום טויט־פאַראורטיילטע— געלונגען. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס קיין פּרוואוון פון אַן אויפשטאַנד זיינען נישט געמאַכט געוואָרן אין יולי אָדער אויגוסט 1942, ווען אין וואַרשע האָבן נאָך גע־לעבט הונדערטער טויזנטער יידן און ווען די מלחמה וואָלט געקאָנט אָננעמען נאָך פיל ברייטערע פּראָפּאָרציעס. די הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען אויסגעשלאָכטעט געוואָרן ווי פּי, האָט נישט געפעלט קיין העראָיזם און קאַמפּס־לוסט. זיי זענען אַרויסגענאַרט געוואָרן פון שטאָט דורך אַ נידערטרעכטיקן שונא, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר אַן אָפענעם קאַמף, און וואָס האָט באַוואוסטזיניק געשפּרייט פאַלשע האָפענונגען, בכדי צו קאָנען שפּעטער אויסאיבן זיינע חיהשע מאָרד־געלוסטן אויף אַ שוצלאָזער הילפסלאָזער מאַסע.

## בלוטיקער טעראָר און פריינדלעכע צוזאָגן

ווען דער 22טען יולי 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די מערדערישע ליקווידאַציע פונעם וואַרשעווער געטאָ, איז די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע געווען צעמישט און צעטומלט. די אָקופּאַנטן האָבן באַוויזן דעם קונץ צונויפצופּאָרן דעם גרויזאַמסטן בלוטיקן טעראָר מיט „פריינטלעכע״ צוזאָגן. דעם 21טען יולי האָט מען אַלס איינלייטונג צו דער מאָרגנדיקער פאַראָרדענונג אַ גאַנצן טאָג הפקרדיק געשאָסן אין יידן. אָבער דאָך איז די דייטשן געלונגען צו געווינען די מיטאַרבעט פון יידן־ראַט פאַר זייערע דעפּאָרטאַציע־פּלענער. דאָס האָט פאַרגרע־סערט די צעמישונג און געשפּייזט די אילוזיעס פון די, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אַן דער שטרויעלע פון האָפענונג, אַז דעפּאָרטאַציע מיינט בלויז שקלאַפן־אַרבעט ערגעץ־וואו נעענטער צום פראָנט, אָבער נישט תיכפדיקע פיזישע פאַרניכטונג.

די קהילה אָדער „יידן־ראַט״, וואָס האָט געאַרבעט אונטערן קאָנ־טראָל פון די דייטשן און איז אין אַ גרויסן טייל באַשטאַנען פון גאָ־מינירטע פּאָרשטייער, האָט זיך צווישן די ערשטע געלאָזט איינרעדן, אַז עס האַנדלט זיך זיך טאַקע וועגן אַן אומשולדיקער „דעפּאָרטאַציע אויף

מזרח" און האָט אָנגעהייבן מיטצואַרבעטן מיטן „קאָמיסאַר פאַר איבערזידלונגס־ענינים". די נאַציס אַליין האָבן אין די ערשטע טעג די גאַנצע אַרבעט פון צוזאַמענשטעלן די רשימות פאַר דעפּאָרטאַציע אַרויפגעלייגט אויפן יידן־ראַט. די ערשטע קאָנטינגענטן פאַר דעפּאָרטאַציע האָט מען צונויפגעשטעלט פון הייזער, וואָס זענען געווען באַהערשט פון עפּידעמיעס, אין די קוואַרטאַלן פון דער גרעסטער אָרעמקייט, אַרעסטאַנטן, יתומים, צוגעפּאַרענע אד"גל. די צונויפשטעלער פון די רשימות האָבן געגלויבט, אַז אויב מען וועט אויף אַזאַ אופן אַנזעטיקן דעם מולך פון „דעפּאָרטאַציע", וועט ער זיך סוף כל סוף באַרויקן. אַט די מיטאַרבעט האָט זיך איינגעשטעלט, ווען דער פריערדיקער פאַרזיצער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אינזשעניער טשערניאַקאָוו, איז באַגאַנגען זיין העראָישן אַקט פון זעלבסטמאָרד און אויף זיין אָרט איז דורך די דייטשן נאָמינירט געוואָרן אינזשעניער ליכטענבוים.

## די מודעה פון יידן־ראַט

דער קהילה־ראַט האָט אין יענע טעג פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע מודעה, וואָס איז געווען נוצלעך פאַר די דייטשן אין זייער טייוולאַנישער שפּיל אָפּצונאַרן די וואַרשעווער יידן:

מ ו ד ע ה

"1. אַזוי ווי צווישן די יידן אין וואַרשע גייען אַרום פאַלשע קלאַנגען אין שייכות מיט דער דעפּאָרטירונג, איז דער קהילה־ראַט באַפולמעכטיקט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט מודיע צו זיין, אַז דאָס אַרויספירן נישט־פּראָדוקטיווע יידן פון וואַרשע באַדייט ווירקלעך באַזעצן זיי אויף מזרח־געביטן".

„2.. די איבערזידלונג־אַקציע מוז פאַרענדיקט ווערן צום אָנגעוויזענעם טערמין. דער קהילה־ראַט פאָדערט דעריבער אויף די פּערזאָנען, וואָס דאַרפן דעפּאָרטירט ווערן אַז זיי זאָלן זיך נישט אויסבאַהאַלטן, וואָס וואָלט געקאָנט בלויז שווערער מאַכן די אויפגאַבע".

„3. דער ריכטיק פאַרשטאַנענער אינטערעס פון דער יידישער באַפעלקערונג פון וואַרשע פאָדערט, אַז די פּערזאָנען וואָס דאַרפן איבערגעשיקט ווערן זאָלן זיך מעלדן פרייוויליק אויפן זאַמלפּונקט סטאַווקי 6]2".

„לויט די געקראָגענע צוזאָגן וועלן די פאַמיליעס פון די, וואָס וועלן זיך מעלדן פרייוויליק, נישט צעטיילט ווערן.
24סטן יולי, 1942".

„ראַט פון דער יידישער קהילה.

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי ס'האָט געווירקט אַזאַ מודעה פון דער יידישער קהילה, וואָס האָט גערופן „נישט אויסצובאַהאַלטן זיך" און „זיך צו מעלדן פרייוויליק". זי איז מסוגל געווען אַריינצו־ברענגען צעמישונג און האָט בלויז אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אויסברוך פון מאַסן־ווידערשטאַנד.

פון דער דעפּאָרטאַציע זענען אין די ערשטע טעג געווען באַפרייט שאָפּ־אַרבעטער, וואָס טוען נוצלעכע אַרבעט פאַר דער דייטשער קריגס־מאַשין. דאָס איז ווידער געווען אַן אויסגערעכנטע טייוולאָנישע שפּיל מצד די דייטשע הענקער אויף צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז מען גייט בלויז באַפרייען דעם געטאָ פונעם אומפּראָדוקטיוון באַלאַסט.

## די ערשטע פּלענער וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד

צווישן אַלע ריכטונגען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט זע־נען געווען טיילן, וואָס האָבן גלייך פון די ערשטע טעג פאַרשטאַנען און ריכטיק אָפּגעשאַצט ווי גרויס עס איז די געפאַר. קיין שום ספקות האָט וועגן דער לאַגע נישט געהאַט די יידישע אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג. פון אירע רייען זענען באַלד פון אָנהייב געקומען צו דער ברייטערער יידישער געזעלשאַפט פּלענער וועגן אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד איז אין יענע טעג נישט דער־גאַנגען. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן אין זיין באַריכט פון 31סטן אויגוסט, 1942.

„דאָ און דאָרט זענען געווען פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. הייזער זענען פאַרטיידיקט געוואָרן דורך באַריקאַדן, און אין געווי־סע שטעט, למשל ניעסוויעזש, איז אַפילו געשטעלט געוואָרן אַ באַ־וואָפנטער ווידערשטאַנד. די דאָזיקע פאַריינצלטע פאַלן זיינען אָבער פאַרענדיקט געוואָרן דורך אַ תיכפדיקער ליקווידאַציע פון דער באַ־פעלקערונג און צוליב דעם זענען די פאַלן פון ווידערשטאַנד פאַר־בליבן בלויז ספּאָראַדישע דערשיינונגען. אַ מאַסן־ווידערשטאַנד איז נישט געווען און איז נישטאָ.

די סיבה פאַר וואָס עס איז נישטאָ אַזאַ מאַסן־ווידערשטאַנד איז, וואָס די אומגליקלעכע ווילן זיך איינריידן, אַז די „עוואַקואַציע" באַ־דייט בלויז דאָס אַריבערפירן אין אַנדערע פּלעצער. די דאָזיקע אילוזיע ווערט באַוואוסטזיניק געשפּייזט דורך די מאַכט־אָרגאַנען, כּדי אויסצולעשן יעדן ווילן צו קאַמף און ווידערשטאַנד. עס ווירקט אויך דער פאַקט, וואָס געוויסע שיכטן (מיטגלידער פון יידן־ראַט און זייערע משפּחות) ריידן זיך איין, אַז די „עוואַקואַציע" וועט זיי נישט אָנרירן. די צווייטע סיבה פון פעלן פון אַ מאַסן־ווידערשטאַנד איז, וואָס די ברייטע יידישע מאַסן האָבן דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז די נאַצי־באַנדיטן וועדן אָן אין אַלע ענלעכע פאַלן דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס איז דעריבער פאַר זיי קלאָר, אַז ווידערשטאַנד וואָלט תּיכּף געבראַכט צו אַן אַלגעמיינער עקזעקוציע. די יעניקע, וואָס ווילן שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד, זענען געשטעלט געוואָרן פאַר דעם טראַגישן אויסוואַל: צי האָבן זיי דאָס רעכט אויסצושטעלן אויף אַ זיכערן טויט אַנדערע, וועלכע האָבן אפשר דאָך אַ וועלכן עס איז שאַנס זיך צו ראַטעווען. עס ווירקט אויך דער באַוואוסטזיין, אַז ווידערשטאַנד־אַקטן וועלן נישט אַרויסרופן קיין אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד, און — דער עיקר — אַז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג אויף הילף מחוץ די געטאָ־מויערן. דאָס זענען די מאָטיוון, וועלכע ברענגען דערצו, אַז מאַסן מענטשן גייען אַוועק פון דער וועלט אָן אַ פּרוואו צו שטעלן זיך אַנטקעגן.

דערשלאָגן און פאַרצווייפלט, צעבראָכן דורך די גרויזאַמע דייטשע געזעצן, אונטער וועלכע זיי זענען געווען געצוואונגען צו לעבן במשך פון די לעצטע דריי יאָר, איינגעשלאָסן אין די תּפיסה־מויערן פון זייערע געטאָס, געהיט דורך דער פּאָליציי, זעלנער און זשאַנדאַרמען, אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון קוילנוואָרפער אין דער אַטמאָספער פון הפקרות, שוידער און טויט, אָן דער האָפענונג צו באַקומען הילף פון ערגעץ־וואו — קומען אום די יידישע מאַסן. דער באַוואוסטזיניקער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט און אינטע־ליגענץ האָט קלאָר פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַ באַוואָפנטן ווי־דערשטאַנד, נישט געקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס דאָס וואָלט נישט געהאַט קיין שאַנסן אנצונעמען אַ ברייטערן פאַרנעם צוליב דער אַט־מאָספער, וואָס איז בכּיוון געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשן אין געטאָ און מחוץ דעם געטאָ. אָבער די מער קאָנסערוואַטיווע שיכטן ביי די יידן זענען געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם געדאַנק פון אַזאַ ווידער־

שטאַנד, פאַררופנדיק זיך דערויף, אַז דאָס באַדייט די תּיכפּדיקע פאַרניכטונג פון די יידן, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער נקמה מצד דער דייטשער מאַכט. פאַר דעם גאַנצן ישוב וואָלט דאָס געהאַט קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן. דעריבער טאַקע איז יעדער ווידער־שטאַנד־ווילן פּאַראַליזירט געוואָרן, כּדי דער טייל פון דער יידי־שער באַפעלקערונג, וואָס וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, זאָל נישט ציען אויף זיך די אחריות פאַר אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס די היטלעריסטישע באַנדעס וואָלט געקאָנט אַלס שטראָף דורכפירן".

### פּאַסיווער ווידערשטאַנד

אָבער אויב אין די ערשטע טעג פון דעפּאָרטאַציע האָט מען נישט געקאָנט געפינען קיין איינהייט אין דער יידישער געזעלשאַפט וועגן דער פראַגע פון באַוואָפנטן אַרויסטריט, איז די גאַנצע יידישע גע־זעלשאַפטלעכקייט געווען איינהייטלעך וועגן דער נויטיקייט פון אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. מען איז געקומען באַלד ביים אָנהויב פון דער דעפּאָר־טאַציע־אַקציע צו אַ הסכּם, אַז מען דאַרף נישט צושטעלן דער דע־פּאָרטאַציע מאַכט קיין ליסטעס און מיט אַלע מעגלעכקייטן שטערן דער אַקציע.

אַזאַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד האָבן טאַקע אַרויסגעוויזן אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אויסער דעם יודן־ראַט. דער באַ־פעלמעכטיקטער פאַר דעפּאָרטאַציע־ענינים האָט אַפילו פאַראָרדנט, אַז די באַאַמטע פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס ווי „זעלבסטהילף", קאָאָפּעראַטיווער באַנק, האַנטווערקער־פאַריין, גע־זונטהייט־געזעלשאַפט א. א. זאָלן פריי זיין פון אַרויסגעשיקט צו ווערן און דערפאַר זאָלן זיי מיטאַרבעטן מיט דער דייטשער מאַכט אין ענינים פון דעפּאָרטאַציע, אָבער אַלן אָן אויסנאַם געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס און זייערע באַאַמטע האָבן די דעפּאָרטאַציע פאַראָרדנונגען באָיקאָטירט. דעם באָיקאָט האָבן געשטיצט אויך די קהילה־באַאַמטע, און דאָרט האָבן די אַרבעט פון צונויפשטעלן די ליסטעס געטון פריש אַריינגעזעצטע מענטשן פון דער געשטאַפּאָ.

### ליגנס און פעלשונגען

דאָס זענען די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס האָט זיך אָנגעהייבן די אַקציע פון פּאַקן יעדן טאָג טויזנטער מענער, פרויען און קינדער אין

משא־וואָגנס און אָפּשיקן זיי צו דער שחיטה. און די דייטשן האָבן נאָך דורך אַ רייע טעג זיך באַשיצט פון מעגלעכן ווידערשטאַנד דורך אַלץ נייע און נייע ליגנס. ווען קיין וואַרשע האָבן גענומען גרייכן די ערש־טע ידיעות פון טרעמבלינקע, האָבן די געניטע אין הלכות אָפּנאַרעריי און פעלשונגען געשטאַפּא־מענטשן פאַרפאַסט בריוו פון „אַרויסגעשיק־טע", אַז זיי לעבט זיך גוט ערגעץ־וואו אין אַרבעטס־לאַגערן, און די בריוו האָבן געקרייזט איבער וואַרשע און באַרויקט די איבערגעשראָ־קענע. די דייטשע מאַכט האָט אַפילו דערגרייכט, אַז טויזנטער זאָלן אין אַ געוויסן טאָג (29טען יולי) זיך מעלדן פרייוויליק צום „אומשלאַג־פּלאַץ". די דייטשן האָבן אין געוויסן טעג פּאַר פרייוויליק זיך מעלדן אויסגעטיילט ברויט מיט מאַרמעלאַד, (ווי זיי האָבן אַליין געמאָלדן, האָבן זיי פאַר דעם ציל באַשטימט 180,000 קילאָ ברויט און 36,000 קילאָ מאַרמעלאַד). זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז מיטגלידער פון צעשיידטע פאַמיליעס, וועלכע וועלן זיך מעלדן פרייוויליק, וועלן צוריק פאַרייניקט ווערן מיט זייערע פאַמיליעס.

דאָס זענען געווען די באַדינגונגען, ביי וועלכע די אידעע וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וואָס איז געקומען אין דער ערשטער רייע פון דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך אין יענע טעג אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוג רייף אויף צו באַהערשן אַלע מוחות און הערצער פונעם יידישן כלל.

פון איין זייט זענען געווען ראַפינירטע שווינדלער און פאַרפירער, וואָס האָבן געוואָלט מאָרדן נישט אין אָפענעם קאַמף, נור פחדנותדיק פון הינטער הערמעטיש געשלאָסענע וואָגנס און עלעקטרישע אויוונס, פון דער צווייטער זייט — אַ פאַרפייניקטע און אויסגעהונגערטע מאַ־סע, וואָס האָט אַזוי געגאַרט צו לעבן און צו קלאַמערן זיך אָן יעדער פאַרפירערישער אילוזיע פון קאָנען בלייבן לעבן; פון איין זייט אַ מעכ־טיקער מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום מיט־לען פון פאַלשקייט און שווינדל, פון דער צווייטער זייט — אַ מאַסע, וואָס האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט גלויבן, אַז מענטשן, — מעגן זיי אַפילו רופן זיך נאַציס — קאָנען דערגיין צו אַזעלכע תהומען פון פאַרברעכן. דאָס זענען געווען די אומשטענדן, ביי וועלכע פאַסיווער ווידערשטאַנד איז געווען דער מאַקסימום, וואָס די יידישע געזעלשאַפט־לעכקייט אין וואַרשע האָט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך. די דייטשן איז געלונגען זייער פאַרשווערונג פון אָפּנאַרעריי און ליגן. ביז וואַנען די יידישע באַפעלקערונג פון וואַרשע האָט דערוואוסט דעם גאַנצן אמת פון

דער דעפּאָרטאַציע, זענען שוין פיל צענטליקער טויזנטער יידן געווען אויסגעשלאָכטעט אין די טויט־פאַבריקן.

## דריי הויפּט־סיבות

אין דעם אויבן־ציטירטן באַריכט פון דער אונטערערדישע אַר־בעטער־באַוועגונג ווערן געגעני אויסגערעכנט און אויפגעקלערט דריי הויפּט־סיבות, וועלכע האָבן אין דער ערשטע סטאַדיע פון דעם מאָרד־אַרבעט פּאַראַליזירט דעם ווילן צו ווידערשטאַנד: איין סיבה איז די אָפּגעאָרעריי פון די דייטשן, אָט די סיבה איז געגעני באַהאַנדלט געוואָרן פריער; די צווייטע, — דאָס געפיל פון אחריות פאַרן גאַנצן קאָלעק־טיוו, וואָס האָט געלעבט צווישן די אָנהענגער פון אַקטיוון ווידער־שטאַנד. זיי האָבן נישט געוואָלט טראָגן די שולד פאַר דער מעגלעכער אויסראָטונג פון גאַנצן כּלל, בפרט, אַז באַדייטנדיקע טיילן פון דער באַ־פעלקערונג האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי קאָנען זיך ראַטעווען; די דריטע סיבה — די פולשטענדיקע איזאָלירטקייט פון געטאָ און די גלייכגילטיקייט פון דער וועלט צו די גיהנום־ליידן פון די יידן דאָרטן. אָט די גלייכגילטיקייט האָט געגעבן אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז אַפילו קנאַלן פון האַרמאַטן, וועלן נישט צעטרייסלען די רויקע קאַלטקייט פון דער וועלט לגבי די בעסטיאַלישע רציחות, און אַז דער שווערסטער קרבן וועט נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די טראַגישע איבערלעבונגען פון די יעניקע, וואָס האָבן צוגעזען ווי מען שעכט אויס זייערע נאָענטסטע און זיינען נישט אַרויס אין קאַמף, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַבסאָלוט נויטיק, אויסשליסלעך בכדי צו שוינען די אילוזיע פון טיילן פון פאָלק, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי זיך ראַטעווען פון אומקום. און אָט די טראַגישע איבערלעבונגען זענען געווען פילפאַך שווערער צוליב די געפילן פון עלנטקייט און פאַרלאָזענקייט. יאָ, דער גורל האָט די מאַרטירער פון די געטאָס נישט געשפּאָרט קיין ווייטיק און פּיין.

## אַ נייע צייטונג — „שטורעם"

די יידישע אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין אָט די באַדינגונגען געשטעלט זיך פאַר אַ ציל צו איבערצייגן די יידישע באַ־פעלקערונג, אַז זי מוז גיין אויפן וועג פון פונאַנדערוויקלען די פאָן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו געווינען פאַר אָט דער אידעע די גרעסטע מערהייט פונעם יידישן פאָלק, און זי

האָט אין אירע אונטערערדישע אויסגאַבן נישט אויפגעהערט צו פּרע־דיקן דעם געדאַנק פון אויפשטאַנד.

דער באַריכט פון אונטערערדישן „בונד“ פון 22טען יוני דער־ציילט:

„אין דער צייט פון דער אַקציע צו ליקווידירן דעם געטאָ האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ אַרויסגעגעבן אַ נומער פון דער צייטונג „שטורעם“, רופנדיק די מאַסן צו ווידערשטאַנד“.

די עצם ידיעה ווי אויך דער נאָמען פון דער צייטונג זענען פּיל־זאַגנדיק. פריער האָט די בונדישע אונטערערדישע באַוועגונג אַרויסגע־געבן אַכט אונטערערדישע צייטונגען און זשורנאַלן יעדן חודש. מיט אַ חודש פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין יוני 1942 האָבן די גע־שטאַפּאָ־הענקער אַרויסגעפירט פון זייערע וואוינונגען 52 יידישע זע־צער און זיי דערשאָסן אינמיטן גאַס, אָפּט ביי די טויערן פון די הייזער וואו זיי האָבן געוואוינט. די געשטאַפּאָ האט געמיינט, אַז זי האָט שוין דערמיט אויסגעוואָרצלט דעם גייסט פון ווידערשפּעניקייט און דער־טרונקען אין בלוט די אונטערערדישע פּרעסע. מיט איין חודש שפּע־טער באַוויזט זיך אַ נייע צייטונג, און איר נאָמען איז „שטורעם“. זי רופט צום קאַמף, צום אַקטיוון ווידערשטאַנד, זי גרייט דעם „שטורעם“, וועמענס דערפרישנדיקער אָטעם וועט שפּעטער זיך לאָזן פילן אין דער גאַנצער וועלט.

## די ערשטע פאַלן פון ווידערשטאַנד

דער שטורעם נעמט זיך טאַקע צייטיקן. אין אויגוסט קומען אָן פון די אַרויסגעשיקטע זיכערע ידיעות וועגן דעם וואָס די דעפּאָרטאַציע מיינט. עס זענען פאַראַן אַנטלאָפענע, וואָס האָבן זיך מיט אַ נס געראַ־טעוועט. מען דערוויסט זיך וואָס עס קומט פאָר אין די פאַרשיקונגס־לאַגערן, און אַז דאָס זענען פאַקטיש טויט־פאַבריקן. די דייטשן אַליין מאַכן שוין נישט קיין גרויסן סוד וועגן גורל פון די אַרויסגעשיקטע. זיי האַלטן ,אַז די יידן זענען שוין צעבראָכן פיזיש און מאָראַליש און נישט פעיק אויף ווידערשטאַנד. די נאַציס גייט איצט בלויז אין איין זאַך, אַז קיין אויסלאַנד זאָלן נישט דערגיין קיין קלאַנגען וועגן טרעמבלינקע. וועגן באַרויקן די יידן אין וואַרשע גופא זאָרגן זיי שוין נישט. דער רוף צו ווידערשטאַנד טרעפט שוין אָן אויף אַ פּיל גינסטיקערן באָדן. אין צווייטן העלפט אויגוסט זענען שוין געווען ביי הונדערט פאַלן פון אונטערצינדן דייטשע אָביעקטן אין וואַרשע אַלס ענטפער אויף די דע־

פּאַרטאַציעס. עס ווערן דורכגעפירט עטלעכע אינדיווידועלע טעראָר־אַקטן (אויפן אַמט פאַר איבערזידלונגס־ענינים, זשעלאַזנע 103, און אויף איינעם פון די צומערסטן פאַרהאַסטע פאַרשטייער פון דער יידי־שער פּאָליציי שערינסקי). די אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעהייבן אַ סיסטעמאַטישע אויפקלערונג אַרבעט וועגן דעם זין פון דער דעפּאָרטאַציע, זי לאָזט אַרויס פלאַמיקע אַפּילן צו ווידערשטאַנד. די אַגיטאַציע, ווי אויך די אַלע טעראָר, סאַבאָטאַזש־און אונטערצינדונג־אַקטן אויפן באַדן פון געטאָ זענען פּאַקטיש געווען דער אַריינפיר צום באַוואָפנטן קאַמף פון מיט 5 און 8 חדשים שפּעטער. דעם 31טען אוי־גוסט, 1942, ווען דער „בונד״ שיקט אַרויס אויפקלערונגען, פאַרוואָס עס איז ביז דעמאָלסט נישט געווען קיין מאַסן־ווידערשטאַנד, און, צוזאַמען מיט דעם, איינעם פון די אָרדנטלעכע אַפּילן פון די געשאָכטענע וועגן הילף, זענען אין וואַרשע שוין פאַרבליבן בלויז 150 טויזנט יידן. דאָס איז אַ מאַסע, וואָס די גרעסטע מערהייט פון איר האָט שוין נישט קיין אילוזיעס, זי לעבט אונטערן שאָטן פון פאַרמשפּטקייט און זעט ניט קיין הילף און קיין רעטונג; זי ווייס שוין, אַז עס איז נישטאָ קיין אכזריות, אויף וועלכע אירע פייניקער זאָלן נישט זיין פעיק. און דאָס געפיל פון קלאַמערן זיך אין לעבן ווערט ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן דורך אַן אַנדער געפיל: גליענדיקן האַס צו דער מערדער, פלאַמיקן נקמה־דורשט. דאָס איז דער באָדן, אויף וועלכן עס וועט אינגיכן אויפ־גיין דער הייליקער פאַרזיי פון די ערשטע קאַמפּס־צורופן.

## וואָכן פון איבערברוך

ווען איז דער וואַרשעווער געטאָ רייף געוואָרן פאַר זיין גרויסן געשיכטלעכן אַקט פאַרן מאַסנהאַפטן קדוש־השם? — וועגן דעם זענען ־ערווייל קיין גענויע ידיעות נישטאָ. פאַראַן אָבער מאַטעריאַלן וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט אומגעפער פעסטצושטעלן די וואָכן פון איבערברוך.

אין דער פריער ציטירטער ווענדונג קיין אויסלאַנד פאַררופט מען זיך אויף דער קעגנערשאַפט פון אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי אויך איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין אַקטיווער מאַסן־ווידערשטאַנד. אָט די ווענדונג איז אַרויסגעשיקט גע־וואָרן פון וואַרשע דעם 31טען אויגוסט 1942. מיט אַנדערהאַלבן חדשים שפּעטער איז אַרויס אַ שליח פון פוילן קיין אויסלאַנד. ער האָט גע־בראַכט אַ שליחות פון „בונד״ צום ח׳ אַרטור זיגעלבוים און דורך אים צו אַלע יידן — זיי זאָלן אויפרודערן די וועלט און פאָדערן מעשים.

אין באַריכט וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן פון די רייד פון שליח ווערט געזאָגט: „מיר האָבן אַ טענה, וועלכע מיר וועלן קיין מאָל נישט מוחל זיין: מיר האָבן זיך געווענדעט מען זאָל אונז געבן געווער צו אָרגאַני־זירן אַ ווידערשטאַנד, מיטן צוועק וויניקסטנס צו קאָנען שטאַרבן ווי מענטשן מיט געווער אין האַנט. מען האָט־אונז אָפּגעזאָגט, און קיין געווער נישט געגעבן". דער „בונד" דערמאָנט שוין מיט קיין איין וואָרט נישט די אַלע אַנדערע מניעות וועגן וועלכע ער האָט געשריבן אומגעפּער מיט זעקס וואָכן פריער. איצטער רעדט ער בלויז וועגן איין מניעה: דער אָנפירער פון דעם פּוילישן אונטערערדישן מיליטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצוטיילן געווער פאַר אָט דעם צוועק, און דער „בונד"־פאַרשטייער רעדט וועגן דעם מיט פאַרביטערונג. דאַרף מען אָננעמען, אַז אומגעפּער אין סעפּטעמבער 1942 איז דער געדאַנק וועגן ווידער־שטאַנד רייף געוואָרן אין אַלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט. וואַרשיינלעך זענען די חדשים סעפּטעמבער אָדער אָקטאָבער 1942 אויך יענע חדשים, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָרדינירן־קאָמיסיע פון צוויי צדדים, פון דער אונטערערדישער אַרבעטער באַוועגונג, וואָס האָט דורך די גאַנצע יאָרן פון אקופּאַציע פאַרגעזעצט די קאַמפּס־טראַדיציע פון פאַר־מלחמהדיקן „בונד", און דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס האָט צונויפגעשלאָסן אַלע ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס, מיטן אויסנאַם פון די רעוויזיאָניסטן. אין דעם זייער אויספירלעכן באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" פון 31טען אויגוסט 1942 רעדט זיך געגנוי וועגן די פאַרהעלטענישן אין דער יידישער גע־זעלשאַפט, אָבער עס ווערט דאָרטן מיט קיין איין וואָרט נישט דער־מאָנט וועגן אַ קאָאָרדיניר־קאָמיסיע. אין דעם באַריכט פון 22טען יוני 1942 ווערט דערציילט, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ קאָאָרדיניר־קאָמיסיע. דער באַריכט נעמט אַרום די צייט פון 1טען סעפּטעמבער 1942 ביז 22טען יוני 1943. מען דאַרף אָננעמען פאַר מער אָדער ווי־ניקער זיכער, אַז די קאָאָרדיניר־קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן גראָד אין די ערשטע חדשים פון דעם דערמאָנטן באַריכט־פּעריאָד, ווייל אין מיטן ווינטער 1942 האָט זי זיך שוין פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד.

די דייטשן האָבן דערווייל פאַרגעזעצט זייער פאַרניכטונגס־אַר־בעט. זיי שפּילן מער נישט אין באַהעלטעניש, זיי פירן יעדן טאָג אָפן און ברוטאַל נייע טויזנטער צו דער שחיטה. סוף אָקטאָבער זענען אין וואַרשע פאַרבליבן צווישן 40 און 50 טויזנט יידן (לויט אַנדערע

קוועלן ביי 80 טויזנט).ביידע צדדים אין דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט אַ קאָנטאַקט, גרייטן קאָמפּס־קאַדרען; עס ווערט מיט געמיינזאַמע כּוחות געשאַפן די יידישע קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער טרוים איז צו „שטאַרבן ווי מענער מיט געווער אין האַנט״. די ערשטע ווענדונג וועגן געווער איז נישט באַפרידיקט געוואָרן. און די גאַנצע גייסטיקע ענערגיע, די גאַנצע שעפערישע איניציאַטיוו ווערט צוגעשמידט צו איין פּונקט: וואו נעמט מען געווער?

## דער געטאָ באַוואָפנט זיך

אין העלפט דעצעמבער 1942 האָבן די לאָנדאָנער און ניו־יאָרקער קרייזן פון די אויסלענדישע פאָרטרעטער פונעם אונטערערדישן „בונד״ אין פּוילן געקראָגן גענויערע ידיעות וועגן דעם אָפּזאָג צו געבן די געטאָס געווער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פאָרשטייער פון אונטערערדישן פּוילשן מיליטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן געווער, ווייל זיי האָבן געהאַלטן די צייט פאַר נישט פּאַסיק פאַר אַן אַלגעמיינעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין לאַנד און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז קאַמפן אין געטאָ קאָנען זיך פונאַנדערוואַקסן אין אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. אַזאַ פריצייטיקער אויפשטאַנד, האָבן זיי געהאַלטן, וועט פירן בלויז צו אַ בלוט־באָד, און זיי האָבן, ווייזט אויס, זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די יידישע קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע וועט זיין פעיק אַליין אָנהייבן אַ מלחמה קעגן דעם מעכטיקן נאַצי־אָקופּאַנט. די זאַך איז לויט דער פאָדערונג פון ח׳ שמואל זיגעלבוים געקומען צו אַ געהיימער זיצונג פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט. פּראָטאָקאָלן פון דער זיצונג וועלן מסתּמא ווען־עס־איז פאַרעפנטלעכט ווערן, און דאַמאָלסט וועט מען וויסן גענויער פאַרשידענע פּרטים פון די צוגרייטונגען. מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס חבר זיגעלבוים האָט פאַרלאַנגט אויף אָט דער געהיימער זיצונג. די פראַגע וועגן געווער איז גענוי אַרומגערעדט געוואָרן אין אויסלאַנד, אָבער דער עיקר האָבן נישט גערוט די טוער אין לאַנד גופא. עס זענען פאָרגעקומען — (ווי עס דערציילן די באַריכטן פון „בונד״ פון 22סטן יוני און 15טן נאָוועמבער 1943) אַ רייע קאָנפערענצן צווישן פאָרשטייער פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע, טייל־מאָל פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, מיט פאַרטרעטער פון אונטערערדישן פּוילישן מיליטער. (אין אָט די קאָנפערענצן פלעגן פון יידישן צד געווײנלעך זיך באַטייליקן צוויי פאָרשטייער: איינער פון „בונד״, און איינער פונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט). אומגעפער

סוף דעצעמבער 1942 אָדער אָנהויב יאַנואַר 1943 איז די פראַגע פון געווער געוואָרן דערליידיקט. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געקראָגן וואָפן. זי וועט באַלד קאָנען רעדן מיט די דייטשע הענקער אויף דער איינציקער שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען.

די פאַרשטייער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן אַ רייע וואָכן נישט אויפגעהערט צו פאָדערן געווער ביי די פּוילישע מיליטערישע קרייזן. אָבער זיי זענען דורך דער צייט אַליין אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. עס זענען געווען נאָך צוויי קוואַלן, פון וואַנען די קעמפער פון געטאָ האָבן געקראָגן געווער. איינער איז געווען פאַר געלט. מען האָט געקויפט געווער ביי דייטשן, וועלכע פלעגן צוליב פאַרדינסט־וועגן גנבענען עס פון זייערע אַמוניציע־לאַגערן. אָפטמאָל פלעגן די פאַרמיטלער אין אַזעלכע פאַלן זיין פאַליאַקן, וועלכע פלעגן קויפן געווער ביי דייטשן און אויסליפערן עס דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די מיטלען אויף אָט די אַיינקויפן האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע קוואַלן. צו די וויכטיקערע קוואַלן האָבן געהערט סומען וואָס דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק האָט געשיקט אויף אונטערערדישע אַרבעט. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אָבער אויך אויפן אָרט גופא געשאַפן געוויסע מיטלען אויף געווער. עס זענען געווען אַפילו פאַלן, ווען מען האָט נייע יידישע מלחמה־גבירים (אויך אַזעלכע זענען געווען!), וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, דורך דראָאונגען געצוואונגען אַיינצוצאָלן באַדייטנדיקע סומען פאַר דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אָבער דורך אַיינקויפן געגנבעטע געווער האָט מען פאַרט געקאָנט אַיינשאַפן בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם ריזיקן סכום, וואָס איז נויטיק געווען פאַר אַ וואָכנלאַנגען קריג מיט די דייטשן.

אַ צווייטער צוגאַב־קוואַל, וואָס האָט געשפּילט אַ פּיל גרעסערע ראָל, איז געווען די אייגענע פּראָדוקציע פון געווער, ספּעציעל, פון אויפרייס־מאַטעריאַלן. עס קלינגט ממש פאַנטאַסטיש: יידישע פאַבריקן פון געווער אין די גיהנום־באַדינגונגען פון געטאָ אונטערן אויג פון שטענדיק וואָכזאַמען און אַלמעכטיקן געשטאַפּאָ! אָבער צווישן די פאַנטאַסטישע וואונדער פון דעם אויסטערליש־העלדישן קאַמף איז דאָס בלויז מיט איין וואונדער מער. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם דער באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" פון 22סטן יוני:

„זייער אַ גרויסער צושטייער (צו דער באַוואָפענונג) איז פון אונזער זייט געווען דאָס באַזאָרגן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע



מיכאַל קלעפּפּיש

מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן און דאָס פּראָדוצירן אַמוניציע אין געטאָ גופא און אויסערן געטאָ״.

דער באַריכט טיילט ווייטער מיט, אַז חבר מיכאַל קלעפּפּיש, וועלכער איז שפּעטער געפאַלן אין קאַמף, לויטן פאַך אַן אינזשעניער, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון אָט דער אַרבעט. צי זענען דען פאַראַן ווערטער צו שילדערן דעם שטאָלענעם מוט פון יענע, וואָס האָבן דורך חדשים אין פינסטערע ענגע געטאָ־קעלערן, אין שטיקעניש פון אויפפרעסנדיקע גאַזן, אויסגעשפּירט פון טויזנטער מלאך־המות אויגן, געגרייט דינאַמיט, באָמבעס און האַנט־גראַנאַטן, פאַר דעם קאַמף, פון וועלכן זיי האָבן זיך געגרייט אָפּצוגעבן זייערע לעבנס, — פאַר דעם קאַמף, וואָס וועט אײַנגיכן מיט זיין געוואַגטקייט און דערהויבנקייט איבערראַשן די גאַנצע וועלט! פון דריי קוועלן האָבן די קעמפער פון די געטאָס געקראָגן געווער. אָבער קיין צו־גרויסע

זאַפּאָסן געווער האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פונדעסטוועגן נישט געהאַט. און אפשר האָט דער ריזיקער פּאַרנעם פון די שלאַכטן איבערגעשטיגן די דערוואַרטונגען פון די אָנפירער פון די קאַמפן גופא. ווי דאָס זאָל נישט זיין — האָט שוין נאָך די ערשטע עטלעכע טעג קאַמפן — ווי מיר וועלן דאָס זען ווייטער — אויסגעפעלט אַמוניציע. אָבער דאָס וועט זיין שפּעטער. דערוויל אין נאָוועמבער, דעצעמבער און אָנהויב יאַנואַר פיבערט דער געטאָ מיטן אָטעם פון די צוגרייטונגען צום נקמה־געוויטער, וואָס דאַרף אינגיכן אויסברעכן.

## ווידער דעפּאָרטאַציעס

עס גרייט זיך דער אויפרייס. אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1942 זענען דערשינען צוויי פרישע נומערן פון דער אונטערערדישער צייטונג „שטורעם". קיין אויסלאַנד איז, צום באַדויערן, נישט דערגאַנגען קיין איין נומער פון אָט די הייליקע בלעטלעך, וואו אין יעדן אות האָט מסתמא שטורעמדיק געפלאַטערט די נשמה פון אַ פאָלק, וואָס איז גרייט צו זיין גרעסטן געשיכטלעכן טאַט.

די לופט אין געטאָ איז געווען אָנגעלאָדן מיט אויפרייס־שטאָף. דער ערשטער אויסברוך קומט אין יאַנואַר 1943.

די דייטשן מאַכן אַ פּרואוו צו ליקווידירן די רעשטלעך פונעם געטאָ. זיי ווילן דורכפירן דעם לעצטן אַקט פון זייער בלוטיקן שפּיל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פ א ר נ י כ ט ו נ ג פונעם יידישן ישוב אין וואַרשע. דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט איז שוין אָפּגעטון. אומגעפער ניין צענטל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון וואַרשע איז שוין אַרויסגעפירט, פאַרברענט, דערשאָסן, דערשטיקט אָדער פאַרסמט. עס זענען פאַרבליבן די שטאַרקסטע און געזינטסטע, וועמענס קרעפטן די נאַציס האָבן נאָך געוואָלט נוצן פאַר זייער קריגס־מאַשין. וואַרשיינלעך האָט די ליקווידאַציע פון די לעצטע רעשטלעך פון געטאָ אַפילו נישט באַדייט נאָך תיכפדיקע אויסמאָרדונג. די דייטשן האָבן בלויז נישט געוואָלט מער האָבן קיין יידן אין וואַרשע. זיי האָבן זייערע אַרבעטס־שקלאַפן געוואָלט פאַרשפּאַרן אין תפיסות־לאַגערן און דאָרטן זויגן פון זיי זייער חיות. אָבער דער געטאָ האָט מער נישט געוואָלט וואַרפן זיך הילפלאָז אין נעץ פון די נאַציס. דער צעברויזטער געטאָ איז געווען אָנטשלאָסן אויף קאַמף. און דער קאַמף האָט אויסגעבראָכן.

## דער ערשטער אויפשטאַנד

די דייטשן האָבן וואַרשיינלעך געוואוסט וועגן קאַמף־גייסט פון געטאָ. זיי האָבן נישט אָנפּאַרטרויט דעם נייעם פּרוּוו פון דעפּאָרטאַציע, די געוויינלעכע דעפּאָרטאַציע־קאָלאָנען. „דעם 18טען יאַנואַר פּאַרטאָג *) — אַזוי דערציילט די אונטערערדישע זשעטשפּאָספּאָליטאַ פּאָלסקאַ״ פון 25סטן יאַנואַר — האָבן שטאַרקע אָפּטיילונגען פֿון ס. ס., פון דייטשע פּאָליציי און פון לעטישע פאָרמאַציעס אַריינגעמאַרשירט אין געטאָ. זיי האָבן אָנגעטראָפן עפּעס אַזוינס אויף וואָס זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געריכט. אַ טייל יידן האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין זייערע הייזער. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביסענער קאַמף. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט אָנגעגרייט געווער און אַמוניציע. די קאַמפן האָבן געדויערט פיל טעג. שבת דעם 23סטן יאַנואַר זיינען דייטשע טאַנקן אַריין אין געטאָ. עס זיינען פאַרברענט געוואָרן אַ געוויסע צאָל הייזער״.

די אונטערערדישע צייטונג „פּזשעז וואַלקען דאָ זוויטשענסטוואַ״ האָט וועגן די זעלבע קאַמפן געשריבן דעם 20סטן יאַנואַר:

„מיר מוזן אונטערשטרייכן און אויסדריקן אונדזער אָנערקענונג פאַר דער קאַפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט בעת דער לעצטער ליקווידאַציע באַגעגנט די געסטאַפּאָ מיט געווער אין האַנט. עס איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט צו אַן אמתער שלאַכט אויף זאַמענהאָף גאַס, פון וואַנען די דייטשע געסטאַפּאָ־אַגענטן און פּאָליציי האָבן געמוזט אַנטלויפן. זיי זיינען צוריקגעקומען מיט פאַרשטאַרקונגען. צוואַנציק געסטאַפּאָ־אַגענטן און פּאָליציאַנטן זיינען געפאַלן טויט און פיל מער פאַרוואונדעט״.

די דייטשן האָבן זיך נוקם געווען און דורכגעפירט אַ שחיטה. זיי האָבן געכאַפּט און פאַרשלעפּט ערגעץ־וואו עטלעכע טויזנט יידן. אָבער די קאַמפן האָבן געהאַט אַ פּעולה: די נאַציס האָבן מיט שרעק

---

* אין באַריכט פֿון אונטערערדישן „בונד״ פֿון 22סטן יוני ווערט געזאָגט אַז די יאַנואַר־קאַמפֿן האָבן געדויערט פֿון 19טן יאַנואַר ביז דעם 23סטן; די אונטערערדישע „זשעטשפּאָספּאָליטאַ״ און אַנדערע אויסגאַבן פֿון יענע טעג רופֿן אָן דעם 18טן יאַנואַר אַלס דעם אָנהויב פֿון די קאַמפֿן. עס לאָזט זיך משער זיין, אַז גיכער איז דער טעות אין אַ טאָג אינעם באַריכט, וואָס איז געשריבן געוואָרן מסתמא על־פּי זכרון מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, איידער אין די צייטונגען וואָס זיינען דערשינען אין דער זעלבער וואָך.

דערזען, אַז די געטראָטענע און דערנידעריקטע געטאָס קאָנען „שפּייען צוריק מיט בליי".

## די ווירקונג פונעם ערשטן פּאַרמעסט

די ערשטע ידיעה וועגן ווידערשטאַנד איז קיין אויסלאַנד דער־גאַנגען פון דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט זיך געלייענט אַזוי:

„אין יאַנואַר האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו ליקווידירן די רעשטלעך פון וואַרשעווער געטאָ. די יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט. צענטליקער פון די דייטשן און אַ פּאָר הונדערט יידן זענען דערביי דערהרגעט געוואָרן. צווישן די אומגעקומענע געפינען זיך מירמעל־שטיין, כאַלאַדענקאָ און גוטערמאַן. נאָך דריי טעג האָבן די דייטשן אָפּגעשטעלט זייער אַקציע און אָוועקגעשלעפּט זעקס טויזנט יידן.

איבער גאַנץ פּוילן ווערט פאַרטגעזעצט די ליקווידאַציע פון די יידן. די נאַציס פּלאַנעווען צו פאַרענדיקן די ליקווידאַציע פון די רעשטלעך פון דעם וואַרשעווער געטאָ אינמיטן מאָנאַט פעברואַר.

אַלאַרמירט די וועלט! אַפּעלירט צום פּויפּסט ער זאָל זיך אָפּי־ציעל אַריינמישן און אַפּעלירט צו די עלאַיס זיי זאָלן גלייך אָנווענדן אויסערגעוויינטלעכע שריט קעגן די דייטשן, וואָס געפינען זיך אין די לענדער פון די עלאַיס.

מירליידן שרעקלעך. די איבערגעבליבענע עטלעכע הונדערט טויזנט יידן געפינען זיך אין געפאַר באַלד פאַרניכטעט צו ווערן. נאָר איר קאָנט אונז ראַטעווען. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גע־שיכטע ליגט אויף אייך".

ווי מען זעט פון דער דעפּעשע, האָבן זיך די אונטערערדישע טוער געטרייסט, אַז דער אָפּקלאַנג פון זייערע באַוואָפנטע קאַמפן וועט צו־שמידן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט צום טראַגישן גורל פון די יידישע מאַסן און זייערע אוממענטשלעכע ליידן.

איצטער ווייסן מיר, אַז די וועלט איז נישט אַלאַרמירט געוואָרן, עס האָט געשוויגן דער פּויבסט, און עס האָבן קיין שום מיטלען נישט אָנגעווענדעט די עלאַיס. עס האָבן געשוויגן פיל נעענטערע ווי דער פּויבסט, עס האָט זיך נישט געטרייסלט פון ווייטיק און צאַרן די יידישע וועלט.

אָבער אויב לגבי דעם אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד האָבן די העלדישן קעמפער פון די געטאָס נאָך די יאַנואַר־קאַמפן געדאַרפט איבערלעבן

נישט די ערשטע און נישט די לעצטע אַנטוישונג, — איז אין פוילן גופא דער אײַנדרוק פון די ערשטע קאַמפן געווען זייער שטאַרק.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן שרייבט אין באַריכט פון 22סטן יוני: „די יאַנואַר קאַמפן צווישן דײַטשע זשאַנדאַרמען און ס. ס. לײַט, פון איין זײַט, און דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל, פון דער צווייטער זײַט, האָבן פאַראויסגעזאָגט די קאַמפס־אָפּטיילונגען אַ גרויסן שוואונג אין דער צוקונפט און זענען געווען פאַר די דײַטשן אַ קאָמפּראָמיטירנדיקער סיורפּרייז — אַ פּרעלודיע פון די שפּעטערדיקע קאַמפן".

די יידישע קעמפער זענען פון ערשטן פאַרמעסט אַרויס דערמוטיקטע. צום ערשטן מאָל האָבן זיי געזען די אַנגעבלאָזענע מיט גאוה ברוטאַלע פייניקער זייערע אַנטלויפן אין פּאַניק און חרפה פון די יידישע געטאָ־געסלעך. און נאָך ברענענדיקער איז געוואָרן דער דורשט צו פאַרמעסטן זיך אין אָפענעם קאַמף מיט די פּחדנותדיקע הענקער.

## דער געטאָ שלאָפט נישט

דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון יאַנואַר 1943 האָט די דײַטשן שטאַרק צעטומלט. זיי פּילן זיך געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון זייער פּלאַן צו מאַכן וואַרשע יידן־ריין ביז אינמיטן פעברואַר. אָבער זיי קאָנען ביי זיך נישט פועלן אָפּצוזאָגן זיך פונעם פּלאַן אינגאַנצן. אין קאַן שטייט דער כבוד פון די „וועלט־זיגער", און דער פּלאַן גופא איז נישט קיין קאַפּריז פון אַרטיקע סאַטראַפּן, ער שטאַמט פון הימלערן און אפשר פון „פירער" אַליין, און ער מוז דורכגעפירט ווערן. אָבער די דײַטשן ווייסן, אַז אין געטאָ קאָן מען שוין נישט אַריינפירן צעיושעטע באַנדעס ס. ס., צי אוקראַינישע, לעטישע אָדער ליטווישע שיסער, וואָס זאָלן דאָרטן אומבאַשטראָפט פּראַווען מאַרד־וואַקכאַנאַליעס. מיטן געטאָ מוז מען פירן אַ בלוטיקע מלחמה, און די דײַטשן גרייטן זיך צו אָט דעם קריג.

אָבער אויך די פירער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע ווייסן, אַז זייער ערשטע דערגרייכונג איז בלויז אַ צײַטווײַליקע. די דײַטשן וועלן קומען צוריק מיט פייער און שטאָל און מען מוז זיין גרייט זיי אויפצונעמען.

עס הויבן זיך אָן וואָכן פון פיבערהאַפטע צוגרייטונגען: מען מען מאַגאַזינירט אַמוניציע, מען גראָבט אונטערערדישע באַפעסטיקונ־

גען („בונקערס׳) מען גראָבט ברונימס אויפן פאַל טאָמער וועט דער שונא אָפּשניידן דאָס וואַסער, מען ברייטערט אויס די אונ־טערערדישע קאַנאַלן, מען גראָבט דורכגאַנגען, מען אָרגאַניזירט סאַני־טאַרע הילף, עס אַרבעטן מיט דער פולער פּאַרע די אונטערערדישע פאַבריקען פון אויפרייס־מאַטעריאַלן. מאָדנע שאָטנס שלייכן זיך שטיל אין די נעכט אונטער די פינסטער־אומעטיקע געטאָ הימלען פון די וואַרשעווער געסלעך און הויפן, געשיצט דורכן מאָנאָטאָנעם גערויש פון פוילישע סוף־ווינטער רעגנס. אומהיימלעכע קלאַנגען רייסן זיך אין נעכט אַדורך דורכן מעלאַנכאָלישן פייפן פון ערב־פרילינג ווינט, דורכן חוצפהדיקן געקלאַנג פון די מיט־אייזן געקאָוועטע אָפּצאַסן פון די נאַצישע היטער פון אָרדענונג. דעם בלוטיקן אָקופּאַנט פאַלט אפשר גאָרנישט איין, אַז וואַרשע שלאָפט נישט, אַז די יידישע יוגנט פון געטאָ געפינט אין זיך אַזאַ אומגלויבלעכע גייסטיקע קראַפט און זעלבסט־דיסציפּלין, אַז נאָך אַ טאָג פון אויסזויגנדיקער שקלאַפן־אַרבעט אין היטלערס פּאַבריקן, שלייפט זי דורך נעכט געווער, גראָבט ערד, נייט באַנדאַזשן און איבט זיך אין מלחמה־פירונג. דאָס קאָן קיינעם נישט איינפאַלן. אָבער די אומהיימלעכע שאָרכן און קלאַנגען מוזן פאָרט אָנ־פילן דאָס האַרץ פונם אָקופּאַנט מיט אומרו. ווייל ווער עס האָט אויערן — הערט אין זיי נישט בלויז דעם פאַרשטיקטן געוויין פון אַ געשאָכטן פאָלק, נאָר אויך דעם הייליקן פלאַטער פון הערצער, וואָס דורשטן נאָך נקמה.

## די מלחמה־דערקלערונג

אָבער די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד האָבן אָנגענומען אַזאַ ריי־זיקן פאָרנעם, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרבלייבן ביזן סאַמע סוף אַ סוד פאַר די דייטשן. אין מיטן מערץ ריכט מען זיך, אַז אָט־אָט וועלן זיך ווידער אָנהייבן דעפּאָרטאַציעס. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע טרעט דאַמאָלט אַרויס מיט אַן אָפענער מלחמה־דערקלערונג. אין דער נאַכט פון 14 אויף 15טען מערץ ווערן די מויערן פון געטאָ געדיכט באַקלעפּט מיט אַן אויפרוף פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. זי רופט נישט צו פאָלגן די דעפּאָרטאַציע פאַראָרדענונגען און נישט צו שטעלן זיך אויפן דעפּאָרטאַציע־פּלאַץ; זי רופט צום קאַמף, צו באַ־וואָפנטן ווידערשטאַנד.

די דייטשן ווילן אויסמיידן דעם קאַמף. זיי מאַכן אַ פּרואוו צוריק־צוקערן זיך צו זייער אַמאָליקער סטראַטעגיע: דורך זיסע רייד אַרויס־

באַרן די קעמפער פון וואַרשע. דער דייטשער קאָמענדאַנט פאַר אינ־דוסטריעלער איבערזידלונג וואַלטער טעבענס טרעט אַריין אין אַן אָפענער פּאָלעמיק מיט דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. וואָס פאַר אַן איראָניע פון גורל: אַ ריין־אַרישער געטער־מענטש מיט די העכ־סטע טיטולן טרעט אַריין אין אַ ווערטער־שטרייט מיט יידישע אומלע־גאַלע קעמפער...

מיט דער אונטערשריפט פון וואַלטער טעבענס איז דעם 20טען מערץ פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אַן אויפרוף — אַן ענטפער דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אָט איז דער טעקסט פונעם אויפרוף:

„צו די יידישע אינדוסטריעלע אַרבעטער פונעם יידישן דיס־טריקט וואַרשע:

אין דער נאַכט פון 15טען מערץ האָט די קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פונאַנדערגעקלעפּט אַן אויפרוף, וועלכן איך וויל ריכטיקשטעלן.

יידישע אינדוסטריע אַרבעטער! גלויבט נישט די וואָס ווילן אייך צעטומלען. זיי ווילן אייך אויפרייצן און דערפירן צו פאָלגן, וועלכע וועלן זיין אומפאַרמיידלעך. עס איז קיין שום זיכערהייט ניש־טאָ אין אַלע זייערע שוץ־קעלערן און לעבן דאָרטן איז אוממעגלעך, פונקט אַזוי ווי יידן קאָנען נישט לעבן אינם אַרישן דיסטריקט. אומ־זיכערהייט און אומטעטיקייט וועלן בלויז מאָראַליש צעברעכן די יע־ניקע, וועלכע זענען געוואוינט געוואָרן צו אַרבעטן.

יידישע אַרבעטער! פאָרט קיין טראַוווניקי, פאָרט קיין פּאָניאַ־טאָוו, דאָרטן וועט איר קאָנען לעבן און דורכהאַלטן דעם קריג. נעמט מיט אייערע פרויען און קינדער, ווייל אויך וועגן זיי וועט געזאָרגט ווערן".

אַ חודש צייט האָט געדויערט דער ווערטער־דועל אויף די ווענט פון געטאָ צווישן טעבענסן און דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. טע־בענסעס צביעותדיקע רייד האָבן בלויז געהייבן די קאַמפּס־טעמפּעראַ־טור.

## „קיין שום געלט, קיין איין מאַן!"

אינטערעסאַנט איז, אַז די אויסגעוווייקטע אין בלוט מערדער האָבן אַפּעלירט צו די יידישע אַרבעטער נישט צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד אויך אין נאָמען פון דעם וואָס עס איז אַ שאָד אומזיסט צו... פאַרגיסן מענטשלעך בלוט.

אַזוי, למשל, לייענען מיר אין אומלעגאַלן „ראַבאַטניק״ פון 20סטן יוני אונטערן קעפּל „דער געטאָ האָט געקעמפט אונטער דער אנפירונג פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט״ פאַלגנדיקעס:

„אַ קאָנפערענץ פון אַלע פירמעס, וואָס באַשעפטיקן יידישע אַר־בעטער איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פּאָר וואָכן פאַר דעם „לעצטן פאַרמעסט״. אויף יענער קאָנפערענץ האָט מען געמאָלדן, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט וואַרשע ווערן יידן־ריין. די פאַשיסטישע קולטור־טרעגער האָבן זייער יידישע קרבנות באַפוילן זיך צו האַלטן אַזוי, אַז מען זאָל אויסמיידן „איבעריקע בלוט־פאַרגיסונג״. דאָס הייסט, אַז דעמאָלסט, שטעלט פעסט דער „ראַבאַטניק״, האָט מען שוין געוואוסט וועגן דער צוגרייטונג צום ווידערשטאַנד״.

די דייטשן, וואָס זענען פלוצלונג געוואָרן אַזוי ציטעריק איבער מענטשלעך בלוט און אַזוי פאַרזאָרגט וועגן די יידן, אַז זיי זאָלן האָבן זיכערהייט און רו, האָבן מיט זייערע זיסע רייד קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט.

דער געטאָ זעצט פאָר זיינע פיבערהאַפטע צוגרייטונגען צו מל־חמה. די דייטשן זעען די צוגרייטונגען. זיי גרייטן זיך פון זייער זייט. זיי זוכן די אָנפירער. זיי שטרעבן צו ווירקן דורכן יידן־ראַט. זיי זוכן אין דער יידישער געזעלשאַפט שוואַכערע טיילן, וועמען ס׳זאָל געלינגען באַ־איינפלוסן אָפּצוזאָגן זיך פון ווידערשטאַנד. דער יידן־ראַט, וואָס אַר־בעט־מיט מיט די דייטשן, — דערציילט אַן אונטערערדישער באַריכט — זוכט אַ פשרה. ער פרוּווט איבעררעדן: אפשר זיך אויסקויפן מיט געלט, אפשר מסכּים זיין אויף דעפּאָרטירן אַ טייל, בכדי אַנדערע זאָלן פאַרבלייבן. „קיין שום געלט, קיין איין מאַן!״ פאַלט דאַמאָלסט אַ רוף פון אַ באַקאַנטן פירער פון די יידישע אַרבעטער. דאָס ווערט דער סלאָ־גאַן. וואַרשע קלינגט מיט דעם דאָזיקן רוף.

אין אַפּריל 1943 דערשיינט דער לעצטער אין וואַרשעווער געטאָ נומער פון דער צייטונג „שטורעם״. די לופט איז געדיכט געלאָדן מיט עלעקטריציטעט, באַלד וועט אויסברעכן דער שטורעם.

## דער 19טער אַפּריל 1943

אין געטאָ האָט מען געוואוסט, אַז די דייטשן גרייטן זיך אויפן 19־טען אַפּריל. דעם טאָג האָבן זיי באַשטימט פאַרן טאָג פון אָנהייבן דעם אָנגריף אויפן געטאָ.

דאָס איז געווען מאָנטיק אין טאָג פֿון יידישן ערב פּסח. די שטאָט האָט פֿון די סאַמע באַגינען שעהן געקראָגן אַ נישט געוויינלעכן אויסזען. פֿון אַלע פּאַרקאַנעס, מויערן און ווענט האָבן מיט גרויסע אותיות אַראָפּגעשריען געדרוקטע אָדער פּאַרשריבענע מיט קרייט אָדער מיט פֿאַרב די ווערטער: „פּאַלן מיט כבוד!” באַלד איז דער געוויינלעכער וואָכעדיקער גערודער ווי אָפּגעווישט געוואָרן פֿון די גאַסן פֿון וואַרשעווער געטאָ. די גאַסן זיינען געוואָרן כמעט ווי אויסגעליידיקט. די שטאָט איז געבליבן טויט־שטיל ווי פּאַרטאַיעט.

דורך צוויי טויערן אויף נאַלעווקי און סטאַווקי זענען קיין געטאָ אַריינגעפּאָרן באַוואָפֿנטע דייטשע שטורם־אָפּטיילונגען (ס. ס.). דער גאַנצער געטאָ איז פֿון אַלע זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט מיליטער. אויף סטאַווקי, ביים אומשלאַג־פּלאַץ, וואו עס זענען מיט אַ האַלב יאָר פֿריער פּאַרפּאַקט געוואָרן אין וואַגאָנעס און אָפּגעשיקט געוואָרן צו דער שחיטה ביי 400 טויזנט יידן, זענען געשטאַנען צוגעגרייט לאַנגע טראַנספּאָרטן מיט ליידיקע וואָגנס פֿאַר די אָנגעמערקטע צו דעפּאָרטאַציע. די ס. ס. לייט האָבן גענומען כאַפּן זייערע ערשטע קרבנות. דער „ראָבאָטניק” פֿון (20טען יוני) דערציילט, אַז די ערשטע צוזאַמענשטויסן האָבן זיך אָנגעהייבן אין דער געגנט פֿון ניזקע־דזשיקע־סטאַווקי צווישן די ס. ס. אָפּטיילונגען און אַ גרופּע יידישע טראַנספּאָרט־אַרבעטער.

”אַ ג ר ו פּ ע  ט ר אַ נ ס פּ אָ ר ט ־ אַ ר ב ע ט ע ר, — דערציילט דער „ראָבאָטניק” — וואָס איז פּאַרטשעפּעט געוואָרן, האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. מצד די דייטשן זענען געפֿאַלן קרבנות. די יידישע אַרבעטער האָבן דאַן ביי די דייטשן צוגענומען געווער, אָבער ביי נישט גלייכע כוחות זענען זיי געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן:. כדי מען זאָל זיי נישט כאַפּן ביים אַנטלויפֿן, זענען זיי געלאָפֿן דורך חורבות, דורך וועגן וואָס זענען נאָר זיי געווען באַקאַנט, און דערביי געמאַכט די ערשטע לאָקאַלע שרפֿות צו פֿאַרטיידיקונג־צוועקן. דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געוואונען געוואָרן”.

אָבער די שלאַכט צעפֿלאַקערט זיך אין זעלבן טאָג ערשט שפּעטער, ווען עס שטראָמען דורך די טויערן פֿון סטאַווקי און נאַלעווקי קיין געטאָ נייע אָפּטיילונגען פֿון ס. ס., זשאַנדאַרמען, לעטישע און אוקראַאינישע פֿאַשיסטן. די ס. ס. לייט יאָגן זיך אויף מאָטאָסיקלען איבער די ליידיקע גאַסן און אַ פּנים, בכדי זיך אַליין צוצוגעבן מוט, שיסן זיי אויף רעכטס און לינקס אין דער ריכטונג פֿון די הייזער אויף די פּוסט געוואָרענע גאַסן.

אָבער אָט טרעטן אַרויס אויף דער סצענע די הויפּט־כּוחות פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אָט ווי עס באַשרייבט דעם דאָזיקן מאָמענט די אונטערערדישע צייטונג „פּאָלסקאַ" פון 29טען אַפּריל:

„אָבער אָט איז פון די כּלומרשט פּוסטע הייזער געקומען אַ האָגל קוילן און האַנט־גראַנאַטן. דעכער און בוידימער האָבן אָנגע־הויבן צו שפּייען מיט פייער און זייען טויט צווישן דער דייטשער פּאָליציי. היטלערס משרתים איז באַפאַלן אַ שרעק און זיי זענען אַנ־טלאָפן אין גרויסער בהלה.

עס איז אַלאַרמירט געוואָרן די ס. ס. מער פּאָליציי איז מאָבילי־זירט געוואָרן. די געטאָ־ווענט זענען אַרומגערינגעלט געוואָרן. פון הינטער די דאָזיקע ווענט איז געקומען אַ נייע שיסעריי.

די דייטשן האָבן געברענגט 4 טאַנקען, וועלכע זענען געפאָרן אויף די גאַסן פון געטאָ און כאַאָטיש געשאָסן אין די הייזער אַריין. מער קוילן און מער האַנט־גראַנאַטן זענען געקומען אַלס ענטפער דע־רויף פון נייע צענטערן פון ווידערשטאַנד.

די דייטשן האָבן געמוזט אָפּטרעטן. זיי האָבן די פעסטונג נישט געקאָנט מנצח זיין. איידער האָבן זיי אַרויסגעפירט די צעשטערטע טאַנקען".

אומגעפער דאָס זעלבע בילד ברענגט וועגן אָנהויב פון שלאַכט די אומלעגאַלע „וו. ר. נ."

„די דייטשן — שרייבט די „וו. ר. נ." — האָבן זיך באַמיט צו ברעכן דעם יידישן ווידערשטאַנד. זיי האָבן אויף די גאַסן פון געטאָ אַרויסגעשיקט אַן אָפּטיילונג פון ס. ס. לייט אויף מאָטאָציקלען, וועל־כע האָבן געשאָסן אויף די גאַסן יעדן איינעם, וועמען זיי האָבן נור דערזען. באַלד זענען אָבער די דאָזיקע ס. ס. לייט באַשאָטן געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן און זיינען דורך באַוואָפנטע יידן אַטאַקירט געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן.

זיי האָבן געליטן פאַרלוסטן אין טויטע און פאַרוואונדעטע און זענען געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן. דאַן זענען אַריין אין געטאָ גוט באַוואָפנטע פּאָליציי און טאַנקען. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שלאַכט, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה און האָט זיך געענדיקט מיט דער פולשטענדיקער מפּלה פון די דייטשן. צוריקציענדיק זיך האָט דער שונא מיטגענומען אַ באַדייטנדיקע צאָל דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע".

אין „ביולעטין אינפאָרמאַציני" פון 29טען אַפּריל געפינען מיר וועגן אנהויב פון קאַמף פאָלגנדיקע שורות:

„מאָנטאָג דעם 19טען ה"ה האָט די דייטשע פּאָליציי, באַוואָפנט מיט קוילנוואַרפער געדיכט אַרומגערינגעלט דעם וואַרשעווער געטאָ. אין דער פרי זענען פון צוויי זייטן, פון די נאַלעווקעס און פון סטאַווקי־גאַס, אַריינגעפאָרן אויף אויטאָס עטלעכע הונדערט ס. ס.־לייט. זייער אויפגאַבע איז געווען פולשטענדיק צו ליקווידירן דעם גרויסן געטאָ, וואָס האָט געציילט (אָפיציעל) 40 טויזנט יידן, און צוזאַמען מיט די נישט־רעגיסטרירטע — בערך 80 טויזנט.

ווען אויף דער זייטיקער באַן־ליניע אויף סטאַווקי־גאַס האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ צוג און די ס. ס.־לייט האָבן אָנגעהויבן צו זאַמלען דעם ערשטען טראַנספּאָרט יידן — האָבן זיך דערהערט שאָסן און אויפרייסן פון גראַנאַטן. די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן די פאַרטיידיקונג פון געטאָ. אין אָנהויב אַן אינדיווידועלער אָפּוועך, האָט זי אָנגעהויבן אָנצונעמען די פאָרם פון אַן אָרגאַניזירטער קאָלעקטיווער פאַרטיידיקונג".

מיר האָבן געבראַכט פיר שילדערונגען פונעם ערשטן טאָג פון קאַמף פון צייטונגען פון פאַרשידענע און קעגנזעצלעכע ריכטונגען. (פּאָלסקאַ" — אַ רעכט — רעאַקציאָנערע גרופּע, „ביול. אינפ." — אַ רעגירונג־צייטונג; „ראַבאָטניק" און „וו. ר. נ." — פון סאָציאַליסטישן לאַגער). אַלע צוזאַמען שילדערן זיי מער אָדער ווייניקער דעם זעלבן בילד פון קאַמף.

די קעמפער פון געטאָ האָבן זיך שוין אין ערשטן טאָג פון קאַמף פאַרמאָסטן מיט די שלאָגפערטיקסטע טיילן פון דייטשן מיליטער — מיט די שטורם־אָפּטיילונגען, זיי האָבן געהאַט קעגן זיך טאַנקען, מאָדערנסטן וואָפן, און זיי האָבן די שלאַכט געוואונען. דורך שווערע און פיינפולע חדשים עדות פון די שוידערלעכסטע גיהנום־בילדער, האָבן מסתמא די קעמפער פון געטאָ לאַנג פאַרגעסן וואָס עס הייסט פרייען זיך פון גאַנצן האַרצן. מאָנטיק אין אָוונט איז אפשר דאָס געווען די ערשטע אמתע פרייד, וואָס האָט געכוואַליעט אין זייער געמיט; דאָס אומגלויבלעכע איז געשען: — מען האָט דעם שונא געשלאָגן און פאַריאָגט. אָבער ער שטייט נאָך הינטער די טויערן, און עס איז נישטאָ קיין צייט פאַר טריאומפן. עס וואַרטן הייסע און שווערע טעג.

## האַרמאַטן קעגן געטאָ

לאַנג איז אויף אַ נייעם אַנגריף פון די דייטשן נישט אויסגעקומען צו וואַרטן. די דייטשן האָבן שוין מאַנטיק אין אָוונט גענומען אַנווענדן אַ נייע קריגס־טאַקטיק. זיי האָבן אויף קראַשינסקי־פּלאַץ און אויף באָני־פראַטן־גאַס אָוועקגעשטעלט פעלד־אַרטילעריע און גענומען באַשיסן דעם געטאָ.

„פון די דונערן פון די האַרמאַטן — שרייבט אַ פּוילישע אונטער־ערדישע צייטונג — האָבן זיך געטרייסלט די מויערן אין גאַנץ וואַר־שע. די שויבן פון אַלט־שטאָט זענען געפאַלן פון די פענסטער. מיט אַ טויזנטפאַכיקן עכאָ האָבן די שאָסן אָפּגעקלונגען אין די אויערן פון אַלע וואַרשעווער איינוואוינער".

די אונטערערדישע צייטונג דערציילט ווייטער, אַז קעגן באַנוצן פעלד־האַרמאַטן האָט שטאַרק פּראָטעסטירט די דייטשע ציווילע מאַכט. מען האָט מורא געהאַט, אַז צוליב די אויפטרייסלונגען פון דער לופט פון די שיסערייען זאָלן נישט איינפאַלן הייזער אין די קריסטלעכע געגנטן, וואו פיל הייזער האַלטן זיך קוים זייט דער באָמבאַרדירונג פון וואַר־שע אין 1939. די דייטשע באַפעלקערונג איז געווען באַהערשט דורך אַ פּאַניק. די פּראָטעסטן האָבן געווירקט. פון דינסטיק דעם 20טען האָט די מיליטערישע אָנפירונג באַשלאָסן אָנצווענדן אויפן פראָנט פון דער יידישער מלחמה אַ נייע טאַקטיק: מען האָט באַשלאָסן צו שיסן נישט מיט אויפרייס־קוילן נור מיט צינד־קוילן.

## דער ים פון פלאַמען.

לאָמיר ווידער לאָזן דערציילן וועגן דער דאָזיקער סטאַדיע פון קאַמף אַן עדות פון דער זייט, דער מיטאַרבעטער פון דער אונטערער־דישער צייטונג „ביולעטין אינפאָרמאַציני":

„דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג האָבן די קאַמפן אָנגעג־האַלטן. די דייטשן, אָפּערירנדיק פאָרזיכטיקער, האָבן אַריינגעפירט אין קאַמף אַ נישט גרויסע צאָל טאַנקען, פעלד־אַרטילעריע און אַנטי־טאַנק־האַרמאַטן. זיי האָבן זיך אַפילו באַנוצט מיט אָבסערוואַציע־אַעראָפּלאַנען.

די דייטשע פּאָליציי האָט זיך באַמיט צו צעקלאַפּן די פּאַרטיי־דיקער אויף לויזע גרופּעס און אָפּווער־פּונקטן. אַלס מיטל צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד, האָבן די דייטשן אָנגעווענדט אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב — אונטערצינדונגען. מען האָט אָפּגעשטעלט דעם צופלוס

פון וואַסער אין געטאָ אַריין. די יידן פון זייער זייט האָבן אָנגעהויבן צו ברענען די לאַגערן פון רוי־שטאָפן און סחורות, פאַבריקן און גאַרבערייען. זיי האָבן אַוועקגעלאָזט מיטן רויך אַ ריזיקן, ווערטפולן פאַר די דייטשן פאַרמעגן, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין געטאָ. פייערפלאַמען און קנוילן רויך האָבן באַדעקט דעם געטאָ. די שרפות דויערן אָן איבעררייס ביזן היינטיקן טאָג". (געדרוקט דעם 29טען אַפּריל).

אין פלאַמען פייער און זיילן שטיקענדיקן רויך, אין געקנאַל פון אײַנפלנדיקע הייזער האָבן די געטאָ־קעמפער אומגעפער אַ וואָך צייט איינגעהאַלטן זייערע קאַמפּס־פּאָזיציעס. אַלע פּוילישע אונטערערדישע צייטונגען באַשטעטיקן אײַנשטימיק, אַז די פיל רעקלאַמירטע דייטשע העלדן האָבן זיך געהאַלטן ווי פּחדנים און זיי האָבן מורא געהאַט צו שטעלן זיך אויג אויף אויג מיט די העלדנמוטיקע יידישע קעמפער. עס האָבן געברענט הונדערטער הייזער אויף נאַלעווקע, קאַרמעליצקע, מי־לע, מוראַנאָווער פּלאַץ און סמאַטשע. די היץ איז געווען איבער מענטש־לעכע כוחות. הייזער זענען איינגעפאַלן מיט אַ געקנאַל, אָבער פון חורבות און קעלערן פלעגן ביי יעדן פּרווו פון די דייטשן אַריינצודרינ־גען אין געטאָ זיך באַווייזן יידישע קאַמפּס־אָפּטיילונגען, זיך וואַרפן אויף די דייטשן און פאַריאָגן זיי מיט חרפּה.

די דייטשן האָבן אין זייער אָנגריף אויפן געטאָ אַרויסגעוויזן זיי־ער געוויינעכע ריקזיכטלאָזיקייט, ווען אַן אָפּטיילונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרפעסטיקט אויף ראָג לעשנאָ און פּזשעיאַזד האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דעם בנין פון דער אַמאָליקער סינאַגאָגע אויף טלומאַצקע, בכדי צו האָבן מער פרייען פּלאַץ פון וואַנען צו פירן דעם אָנגריף. זיי האָבן אויך אונטערגעצונדען אַ רייע הייזער אויסערן געטאָ (אויף דלוגע גאַס), כדי צו קאָנען פאַרנעמען בעסערע סטראַטעגישע פּאָזיציעס.

## די ערשטע סטאַדיע פון קאַמף

אַ פּוילישער אונטערערדישער באַריכט, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע אין מאַי 1943 שילדערט אויף פאָלגנדיקן אופן די ערשטע סטאַדיע פון קאַמף:

„דער ערשטער פּעריאָד פון ווידערשטאַנד האָט געדויערט אַ וואָך צייט. דאַן זיינען די יידישע קעמפער געווען אָרגאַני־

זירט ווי איין געשלאָסענע איינהייט, וואָס נעמט אַרום כמעט דעם גאַנצן שטח פון געטאָ. דער יידישער ווידערשטאַנד איז געווען אויס־געצייכנט פּלאַנירט. דעריבער האָט ער געגעבן גוטע רעזולטאַטן, הגם די דייטשן האָבן געהאַט אַ גרויסע איבערגעוויכט פון כוחות און געווער.

אין די ערשטע טעג פון קאַמף האָבן די דייטשן געליטן פּיל־בּאַרע פאַרלוסטן. זיי האָבן געצאָלט מיט הונדערטער געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. אַ פּאָר מאָל זענען די דייטשן אַרויסגעשטויסן גע־וואָרן פון געטאָ. אין דער ערשטער וואָך האָט די אַקציע געהאַט אַ כאַראַקטער פון רעגולערע קריג־אָפּעראַציעס. פון געטאָ האָט מען כסדר געהערט אַ גוואַלטיקע קאַנאַנאַדע.

צוליב די פּילבּאַרע פאַרלוסטן, וואָס די דייטשן האָבן געליטן אין די ערשטע טעג פון די שלאַכטן, האָבן זיי דעם 21טען אַפּריל גע־ביטן די טאַקטיק. זיי האָבן אָנגעהויבן שטופנווייז באַקעמפן די ווי־דערשטאַנד־פּונקטן מיט דער הילף פון פייערן (זיי האָבן באַנוצט צינד־באָמבעס פון ערעאָפּלאַנען, גראַנאַטן און פלאַמען־וואַרפער). מען האָט אויך באַנוצט אַ באַדייטנדן סכום אַרטילעריע. מחמת דער דאָזיקער טאַקטיק האָבן אין פאַרשיידענע פּונקטן פון געטאָ זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט שרפות. צוליב סטראַטעגישע טעמים האָבן די דייטשן אויך אונטערגעצונדן 3 אַרישע הייזער אויף לאַנגע גאַס, מחוץ דעם געטאָ. אויף די גאַסן, וואָס רינגלען אַרום דעם געטאָ, האָבן די דייטשן אַוועקגעשטעלט אַ סך האַרמאַטן. אויף די דעכער פון די שכנישע הייזער זענען געשטאַנען שווערע קוילנוואַרפער. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי גוואַלטיק אַטאַקירט די באַלאַגערטע יידן.

אויפן שטח פון געטאָ גופא זענען די דייטשע אָפּטיילונגען אַריין נאָר בייטאָג. אין די נעכט האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אויסער די ווענט פון געטאָ. זיי האָבן זיך דאַן באַגנוגנט מיט אַ גענויער אָב־סערוואַציע און כסדרדיקער באַשיסונג.

די יידישע קעמפער האָבן אַדורכגעפירט אַ ריי דערפאָלגרייכע אָנגריפן אויסער זייערע אייגענע פאַרפעסטיקונגען. נאָך אַ פּאָר טעג פון קאַמף האָבן, צוליב דער אומגלייכקייט פון די מיטלען, די כוחות פון די געטאָ־פאַרטיידיקער אָנגעהויבן שוואַכער ווערן. די דייטשן האָבן דאַן אָנגעהויבן פּרוון פאַרניכטן אָדער דעראָבערן פּאַר זיך באַזונדערע הייזער.

דעם 23טען אַפּריל האָבן די דייטשן דעראָבערט אַ טייל פון געטאָ. נאָכדעם האָט דער הויפּט־קאַמף זיך איבערגעטראָגן ווייטער אויף צפון. אָבער אויך אויפן פאַרברענטן און פאַרניכטעטן מיטעלן און אויסערן טייל פון געטאָ האָבן די יידישע קעמפער ווייטער געפירט אַ שאַרפן פּאַרטיזאַנישן קאַמף. די הויפּט־כּוחות פון די קעמפער האָבן זיך דאַן קאָנצענטרירט אויפן שטח נאָענט פון דער אָקאָפּאָווע גאַס און אויפן וועג קיין פּאַוואַנזעק. אויפן דאָזיקן שטח האָבן דייטשע עראָפּלאַנען געוואָרפן צינד־באָמבעס. פון זייער זייט זענען די יידישע קעמפער צוגעטרעטן אונטערצוצינדן די גרויסע פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, און מיליטערישע מאַגאַזינען. דער געטאָ האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געברענט.

נאָך אַ לאַנג־דויערנדער אַקציע פון אַרטילעריע און טאַנקען איז די דייטשן געלונגען זיך אַריינצורייסן אין צפון טייל פון געטאָ".

## די לעצטע באַריקאַדן.

עס קומט פאַר דאַמאָלסט איינער פון די דראַמאַטישסטע מאָמענטן פון דער יידיש־דייטשער מלחמה. די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פאַרטיידיקט אירע לעצטע באַריקאַדן אויף אָקאָפּאָווע און פּאַוואַנזעק אין ווייטסטן צפון־מערב עק פון געטאָ. פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע בלייבן ביים לעבן און פאַרזאַמלט אין איין קאָאָרדינירטן צענטער פון ווידערשטאַנד — ווי עס דערציילט דער באַריכט פון „בונד" — בלויז ביי 200 מאַן. עס איז געפאַלן דער קאָמענדאַנט, דער העלדישער מ. אַרדכע (השומר), עס איז געפאַלן דער זייל פון ווידערשטאַנד ח׳ קלעפּפיש, עס איז געפאַלן דער מיטגליד פון בונדישן צ. ק. בערעק שניידמיל. און דער עיקר, ווי עס דערציילט דער באַריכט, עס פעלט אויס אַמוניציע. די מיטגלידער פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע צעשפּרייטן זיך גרופּעסווייז. אייניקע אָרגאַניזירן נייע נעסטן פון ווידערשטאַנד. אייניקע קעמפן זיך אַ דורך אַ וועג אין די וועלדער. אַנדערע ווי דער מוטיקער ח׳ פרידריך שלאָגט זיך אַדורך אַ וועג כּדי אויסצופירן אַ שליחות פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע צו דער אויסערלעכער וועלט. (נאָכן אויספירן די שליחות ווערט ער מיט זיין גרופּע דורך די דייטשן געכאַפּט אויסער די ווענט פון געטאָ מיט געווער אין האַנט און דערשאָסן).

אָבער די קאַמפן אין געטאָ האָבן נישט אויפגעהערט. עס לעבן נאָך פיל הונדערטער קעמפער אין די שעלטערס, אונטער די חורבות פון די

הייזער, אין די אונטערערדישע דורכגענג, אין באַזונדערע הייזער, וועלכע די דייטשן האָבן נאָך נישט באַוויזן צו פאַרברענען. אַלע זענען זיי טריי זייער הייליקער שבועה צו „פאַלן מיט כבוד!"...

## „אימהדיקע און דערהויבענע טעג"

מען קאָן רעכענען, אַז מיטן אַריינרייסן זיך פון די דייטשן אין צפון־טייל פון געטאָ, וואו די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געהאַלטן צום לענגסטן, ענדיקט זיך די ערשטע סטאַדיע פון ווידערשטאַנד. איר כאַראַקטעריסטישער שטריך איז, וואָס דורך דער צייט פירט די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע די מלחמה ווי אַ געשלאָסענע איינהייט און קאָאָרדינירט פּינקטלעך און מוסטערהאַפט די שלאַכט־אויפגאַבן פון באַזונדערע טיילן, זי האַלט אונטער די פאַרבינדונגען צווישן באַזונדערע טיילן, פאַרעפנטלעכט קריגס־קאָמוניקאַטן, גיט אָן ראַדיאָ־מעלדונגען און ד. ג.

די גראַנדיעזקייט פון אירע דערגרייכונגען וועט ווערן נאָך קלאָרער ווען מען וועט זיך דערמאָנען די באַדינגונגען, אין וועלכע זי האָט געקעמפט. מיר נעמען זיך נישט אונטער אָט די באַדינגונגען צו שילדערן. לאָמיר ציטירן, וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן זיי אין באַריכט פון 22טען יוני:

„... די אומפאַרגעסלעכע אויפטרייסלענדיקע בילדער פון דעם געטאָ, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין פלאַמיקן אָפּגלאַנץ פון שרפות, די זיך קנוילנדיקע איבער אים כמאַרעס רויך, דאָס קנאַקערײ פון מאַשין־געווער, דער געקנאַל פון האַרמאַטן, די ווידערקולן פון דער שווערער אַרטילעריע, די אויפרייסן פון מינעס, דאָס קראַכן פון איינגעפאַלענע הייזער און, צווישן דעם אַלעמען, די מענטשן אונזערע, וואָס האָבן דאָ, אין אָט די באַדינגונגען געלעבט... עס דוכט זיך, אַז קיין שום מייסטער פון פעדער, פּענזל אָדער קלאַנג, וועט נישט קאָנען אויסדריקן יענע גרויסע זאַך, וואָס האָט זיך פאַרלויפן פאַר אונזערע אויגן און נישט דאָס וואָס מיר האָבן דאָ אַלע אין יענע אימהדיקע און דאָך אַזעלכע דערהויבענע טעג איבערגעלעבט".

## נייע פאָרם פון ווידערשטאַנד

דער פריער ציטירטער „ביולעטין אינפאָרמאַציני" שרייבט אין זיין וויטערדיקן באַריכט פון דער יידיש־דייטשער מלחמה:

„אין דער נאַכט פון 22טען אויפן 23טען ד. ח. האָט אַ גרופּע יידן געפּרואווט זיך אַדורכרייסן דורך דער גאַס וואַלנאָשטש (זי גע־

פֿינט זיך צווישן נאָוואָליפּיע און אָקאָפּאָווע, נישט ווייט פֿון יידישן בית־עולם). אַ פייער פון דייטשע מאַשין־ביקסן האָט דאָס אַדורכרייסן זיך אוממעגלעך געמאַכט. לויט נישט קאָנטראָלירטע ידיעות, זענען בעת די קאַמפן דעם 23טען אַפּריל פאַרניכטעט געוואָרן עטלעכע דייטשע טאַנקען.

די צאָל דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע איז געשטיגן פילפאַך. אין אָוונט האָט מען אויף פרעטאַ גאַס געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ דייטשן אויטאָ. עס זענען געהרגעט געוואָרן עטלעכע ס. ס.־לייט און 2 ציווילע.

שבת דעם 24טען ד. ה. איז דער קאָלעקטיוור אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד געבראָכן געוואָרן. מען קעמפט נאָך אין עטלעכע באַזונדערע ווידערשטאַנד־פונקטן אין דער טיף פון געטאָ. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן דאָס צונויפזאַמלען די יידן אויפן „אומשלאַגפלאַץ", כדי זיי אַרויסצופירן".

אָבער די זעלבע צייטונג שרייבט מיט איין וואָך שפּעטער אין איר נומער פון 6טען מאַי:

„אין מאָמענט, ווען מיר שרייבן די ווערטער, דויערט ווייטער דער אָפּגעשוואַכטער, אָבער נאָך אַלץ פאַרביסענער ווידערשטאַנד פון די יידן, וועלכע פאַרטיידיקן זיך. עס פאַרטיידיקן זיך באַזונדערע הייזער און בלאָקן. די דייטשן ברענען ווייטער אויס דעם געטאָ, כדי צו איזאָלירן די באַזונדערע הייזער און צו צווינגען די איינוואוינער אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, צינדן די דייטשן אונטער סיסטעמאַטיש הויז נאָך הויז. גרויסע שרפות האָבן אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך. יידן צינדן אונטער אָביעקטן, וואָס זענען נוצלעך פאַר די דייטשן, ווי למשל, יידישע פאַבריקן, וואָס אַרבעטן פאַרן מיליטער".

פון דעם איז קלאָר, אַז ווען דער קאָלעקטיווער ווידערשטאַנד פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע איז געווען געבראָכן, האָט זיך אָנגעהייבן, מסתמא לויט אַ פריערדיקער פאַרשטענדיקונג צווישן די קעמפער, אַ נייע פאָרם פון ווידערשטאַנד: פאַרטיזאַנישע קאַמפן.

דאָס ווערט נאָך קלאָרער אַרויסגעבראַכט אין איינעם פון די פוילישע אונטערערדישע באַריכטן, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע אומגעפער אין סוף מאַי 1943. אָט וואָס מיר לייענען דאָרטן:

„נאָך אַ וואָך פון מער־ווייניקער רעגולערע קאַמפן האָבן די דייטשן צוליב דער איבערגעוויכט פון כוחות זיך אַריינגעריסן אַלץ טיפער אין געטאָ. די יידישע קעמפער זענען אַריבער צו אַן אַנדער

פאַרם פון אַקציע — צו פאַרטיזאַנישע קאַמפן. ווי גרויס ס'איז געווען דער פאַרנעם פון דער אַקציע בעת די יידן זענען אַריבער צו דער פאַרם פון פאַרטיזאַנישע קאַמפן, קאָן מען זען פון דעם פאַקט, וואָס דעם 28טען אַפּריל האָבן מצד די דייטשן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן 6 טויזנט מאַן, גלענצנד באַוואָפנטע, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט אַ גרויסער צאָל שווערע קוילנוואַרפער, האַרמאַטן, פלאַמען־וואַרפער, געפּאַנצערטע אויטאָס, טאַנקען און אַעראָפּלאַנען.

די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן אַנגעגריפן די דייטשן דער עיקר אין די נעכט. אָפט האָבן זיי דורכגעפירט זייער גרויסע און ערנסטע אַנפאַלן. בייטאָג אָפּערירן זיי בעיקר אין מאָמענטן, ווען די דייטשן פּרוּוון זיך אַריינרייסן אין די באַזונדערע הייזער און יידישע באַהעלטענישן. די דאָזיקע טאַקטיק דויערט אומאויפהערלעך, אַט שטאַרקער און אַט שוואַכער".

## אין דער פינפטער וואָך פון דער יידיש־דייטשער מלחמה

בעת דער באַריכט ווערט געשריבן, — ווערט ווייטער דערציילט אין פריער ציטירטן באַריכט — ביים סוף פון דער 5־טער וואָך פון דער דאָזיקער יידיש־דייטשער מלחמה, האָבן יידן נאָך ניט רעזיגנירט פון פאַרטיזאַנישן ווידערשטאַנד און פירן אים פאַרביסן ווייטער. איינער פון די באַווייזן פון דעם ווייטערדיקן קאַמף זענען די קאַרעטקעס פון רויטן קרייץ, וואָס פירן אָפט פון געטאָ דערהרגעטע אָדער פאַרוואונדעטע דייטשן.

אין דאָזיקן ניט־גלייכן קאַמף רייסט די אויגן די מורא פון די דייטשן, וועלכע איילן זיך ניט אַריינצוגיין אין די הייזער, אויב אַפילו אַ שטאַרקע באַשיסונג רופט ניט אַרויס קיין שום ענטפער פון אינעווייניק. זייער פאַמעלעך, מיט גרויסער פאָרזיכטיקייט, רוקן זיי זיך פאָרויס טיפער אין די גאַסן. צוליבן דאָזיקן טעם ווערט די „פּאַציפיקאַציע" פון געטאָ געפירט אין אַ זייער פאַמעלעכדיקן טעמפּאָ. די „פּאַציפיקאַציע" קומט פאָר אויף פאָלגנדן אופן: מען צינדט אונטער די הייזער, אין וועלכע די יידן באַהאַלטן און פאַרטיידיקן זיך. באַזונדערע הייזער ווערן אויפגעריסן פון מינעס, קעלערן ווערן פאַרגאָסן מיט וואַסער. אין דער איצטיקער סטאַדיע פון קאַמף הערט מען ביינאַכט קאַנאָנאַדעס. דאָס געשעט, ווען די יידישע קעמפער פירן דורך זייערע אַנפאַלן. בייטאָג ווערן אונטערגעצונדן גאַנצע הייזער־בלאָקן."

ביז סוף מאַי האָבן געדויערט אַט די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן.

סוף מאַי האָט דער גאַנצער שטח פון פריערדיקן געטאָ מיט זיך שוין פאָרגעשטעלט „אַ וויסטעניש מיט לעכער און גריבער פון האַר־מאַטן קוילן, צעאַקערט פון מינעס, מיט פּאַרסמאַליעטע קוימענס, רוי־בערנדיקע האַלאָוועשקעס. מיט איין וואָרט אַ גרויסן בית־עלמין", — זאָגט דער באַריכט פון 22סטן יוני, „אין זיינע אונטערערדישע קעלערן — לייענען מיר ווייטער — צאַנקט נאָך מסתמא וואו־נישט־וואו דאָס לע־בנדיקע זיך לעבן פון הונדערטער און אפשר טויזנטער נישט אויסגע־ענדיקטע".

## די לעצטע פּלעמלעך

אין יוני זענען אין די אונטערערדישע „בונקערס", אין די שטאָ־טישע אָפּפלוס־קאַנאַלן און אונטערערדישע דורכגענג נאָך געווען גרו־פּעס קעמפער. דער באַריכט פון „בונד" דערציילט, אַז דעם 20סטן יוני האָט אַ יינגל געבראַכט אַ צעטעלע מיט ידיעות פון דאָרטן, אַרויסגעשיקט דעם 10טן יוני.

נישט איינער פון די פּאַרבליבענע קעמפער האָט געמאַכט פּרואוון אַ דורכצורייסן זיך אין דער דרויסנדיקער וועלט דורך די עפענונגען פון די שטאָטישע אָפּפלוס־קאַנאַלן. אָבער די דייטשן וואָס האָבן וואַכנאַנג נישט געקאָנט באַזיגן עטלעכע טויזנט יידן און געמוזט זיי פּאַרברענען לעבעדיקערהייט צוזאַמען מיט אַ גאַנצן שטאָט־טייל, זענען אויף די חורבות פון געטאָ צוריק געוואָרן „העלדן". זיי האָבן אָוועקגעשטעלט „העלדישע" זשאַנדאַרמען היטן טאָג און נאַכט די אַרויסגאַנגען פון די קאַנאַלן. זיי האָבן באַזאָרגט זייערע מענטשן מיט ראָבער־שיך, כּדי צו קאָנען ווי היגענעס זיך שלייכן שטיל אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט מיט דער האָפענונג אויסצושפּירן און טויטן אַ האַלב גוססדיקן יידישן קעמפער.

דער חודש יוני איז דער חודש פון אָפּקלאַנגען פון קאַמף, ווען די דייטשן מאָרדן אויס די רעשטלעך, „רייניקן אויס" די „בונקערס" און זענען זיך מיט רציחה נוקם פאַר דער חרפּה פון זייערע פריערדיקע מפּלות.

עס צאַנקען נאָך אין יוני חודש פּלעמלעך פון הונדערטער אָדער טויזנטער לעבנס פון יידן אונטערן געוועזענעם געטאָ, און צוזאַמען מיט דעם צאַנקען נאָך פּלעמלעך פונם רומפּולן ווידערשטאַנד. אָט לעשן זיך אויס די לעבנס און אינאיינעם מיט זיי לעשט זיך ענדגילטיק אויס

דער ווידערשטאַנד. זיי לעשן זיך אויס כדי צו פאַרבלייבן לויכטן מיט אַן אייביקן פלאַם.

## די פאַרלוסטן און געווינסן

ווי גרויס איז די צאָל יידישע קרבנות פון די קאַמפן אין געטאָ, וועט מען מסתמא געוויס קיינמאָל נישט וויסן.

ווען די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן, האָבן, לויט אָפיציעלע קוועלן, געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ בערך אַ 40 טויזנט יידישע נפשות. אָבער אייניקע אונטערערדישע קוועלן פאַרזיכערן, אַז כמעט נאָך אַזאַ צאָל האָט געלעבט אין געטאָ נישט פאַררעגיסטרירט אויסבאַהאַלטענדיק זיך פון די דעפאָרטאַציעס.

דעם 29טען אַפּריל האָט מען באַרעכנט, אַז בערך צוויי טויזנט יידן זענען געפאַלן אין קאַמף אָדער דערמאָרדעט געוואָרן אין די דירות און קעלערן, און 3 טויזנט זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין די שרפות. דעפּאָרטירט געוואָרן זיינען נאָכן אויפשטאַנד אומגעפער 3 טויזנט יידן פון קליינעם געטאָ (אַזוי האָט געהייסן דער טייל פון געטאָ וואָס האָט אַרומגענומען די גאַסן צווישן זשעלאַזנע, טוואַרדע און פּראָסטע און וואָס האָט אין די לעצטע חדשים נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיטן גאַנצן געטאָ) און העכער 20 טויזנט פון פאַרניכטעטן געטאָ, — צוזאַמען נאָענט צו 25 טויזנט יידן. ווען מען זאָל אָננעמען, אַז אַ געוויסע צאָל יידן האָט זיך געראַטעוועט אויף פאַרשידענע וועגן, פעלן נאָך אַלץ ידיעות וועגן גורל פון פיל טויזנטער יידן. צי וועט מען גאָר אַ מאָל וויסן, וויפיל הייליקע ביינער האָבן געפונען זייער אייביקן רו אונטער די חורבות און סמאַלענישן פון אַ מאָל רוישנדיקן און פאַרברייכן יידישן וואַרשע?

דאַקעגן ווייס מען יאָ די פאַרלוסטן פון צווייטן צד. די דייטשן האָבן אין די קאַמפן פאַרלוירן העכער טויזנט מענטשן. זיי האָבן פאַרלוירן טאַנקען, געווער און אַמוניציע. זיי האָבן פאַרלוירן ריזיקע מאַטעריאַלן רוי־שטאָפן און לאַגערן מיט סחורות; עס זענען אַוועק מיט פייער אַ גרויסע צאָל פון זייערע קריגס־פאַבריקן. אָבער דאָס וויכטיקסטע, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן, איז אַ זאַך וואָס קאָן נישט געוואויגן ווערן און געמאָסטן ווערן מיט מאָסן און צאָלן. זיי האָבן פאַרלוירן זייער גרויסן פּרעסטיזש וואָס זיי האָבן פריער פאַרמאָגט.

דער באַריכט זאָגט: „עס איז פאַרבלאָסט געוואָרן דער אַרעאָל פון דער אומבאַזיגבאַרער דייטשער אַרמיי. עס איז געוואָרן אויגנשיינלעך פאַר־

דער פוילישער באַפעלקערונג, אַז עס איז מעגלעך צו קעמפן מיטן אָקו־פאַנט".

זייער פיל מענטשן האָבן אין פוילן פאַרשטאַנען און געפילט, אַז די דייטשע „מלחמה מיט געטאָ־גראַד", ווי די פּאָליאַקן האָבן באַצייכנט דעם קריג מיטן יידישן געטאָ, איז פאַר די דייטשן נאָך אַ מער צעשמעטערנ־דיקער קלאַפּ ווי סטאַלינגראַד. אין סטאַלינגראַד האָט דאָך געקעמפט אַרמיי קעגן אַרמיי, ביידע באַוואָפנט מיט מאָדערנסטן וואָפן. אין גע־טאָגראַד האָט די מעכטיקסטע אַרמיי אין דער וועלט נישט געקאָנט דעראָבערן אַ קליינעם שטאָט־טייל מיט אַן אויסגעהונגערטער, אויסגע־צערטער און פאַרפייניקטער באַפעלקערונג. וואָס איר איינציקער פאַר־מעגן איז געווען גייסטיקע גבורה און שטאָלענער קאַמפּס־ווילן.

צו די הויפּט־פאַרלוסטן פון דער דייטשער אַרמיי געהערט דער פאַרלוסט פון פּרעסטיזש. און פונקט אַזוי געהערט צו די געווינסן פון יידישן צד — איין געווינס, וואָס מען קאָן נישט מעסטן און וועגן מיט צאָלן, דאָס איז אַ געווינס פון כבוד און רום, וואָס וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן.

## „וואָפן־ברודערשאַפט"

בכדי צו האָבן אַ פולערן בילד פון וואַרשעווער אויפשטאַנד בלייבט נאָך צו פאַרצייכענען עטלעכע שטריכן.

די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן—ווי עס שרייבט דער באַריכט פון אונטערערדישן „בונד"—אין פולן זין פון וואָרט „אַ וואָפן־ברידערשאַפט" פון די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט. עס האָבן געקעמפט מוטיק און ברידערלעך פלייצע ביי פלייצע בונדיסטן, שומרים און חלוצים. אַלע האָבן זיי מסתמא געפלאַטערט מיטן זעלבן רעוואָלוציאָנערן פלאַם צו פאַרטיידיקן די אייגענע מענטשלעכע וויר־דע, צו נעמען נקמה, צו שלאָגן דעם פאַשיזם און דעם שונא נומער איינס פון יידישן פאָלק, און זייער פיל פון זיי און אפשר אַלע זענען, באַ־וואוסטזיניק צי נישט אָפּגעבנדיק זיך אַליין וועגן דעם קיין חשבון, אַרויסגעטראָטן אין קאַמף פאַר זייערע הייליקע רעכט צו לעבן און שטאַרבן דאָרטן, וואו עס האָבן געלעבט און געשטאָרבן זייערע עלטערן און זיידעס. עס איז אין וואַרשע געשאַפן געוואָרן די איינהייט פון דער־הויבנסטן טאַט, די איינציקע פאָרם פון איינהייט, וואָס איז, סיי מענטש־לעך סיי נאַציאָנאַל, פרוכטבאַר און שעפעריש.

## דער פאָלקס־כאַראַקטער פונעם אויפשטאַנד

אַ צווייטער שטריך וואָס איז זייער וויכטיק פאַרן כאַראַקטער פון אויפשטאַנד, דאָס איז די באַציאונג צו אים פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. צו דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָבן צוליב עלטער, מיליטערישער שולונג, פיזישער צוגעפּאַסטקייט און פיל אַנדע־רע סיבות געקאָנט געהערן בלויז עטלעכע טויזנט מענטשן. אָבער דער אויפשטאַנד וואָלט קיין מאָל נישט געקאָנט געפירט ווערן מיט אַזאַ פאַר־נעם, שוואונג און פאַרמעסט ווען די גאַנצע באַפעלקערונג וואָלט נישט געווען באַזעלט פונעם זעלבן דראַנג וואָס די אַקטיווע קעמפער. יע־דער ייד פון וואַרשע האָט דאָך גוט געוואוסט, אַז — צי ער געהערט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צי נישט — וועט ער אין דער גלייכער מאָס טראָגן די פאָלגן פון אויפשטאַנד און וועט זיין שפּעטער דער גלייכער קרבן פון דייטשע בעסטיאַלישקייטן. מען דאַרף דעריבער האַלטן, אַז הגם די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט געציילט בלויז טויזנטער, האָט דער רוף „פאַלן מיט כבוד!" באַגייסטערט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. אין דעם פּרט האָט דער אויפשטאַנד זיך דערנעענטערט גיכער צו אַן אַלגעמיינעם פאָלקס־אויפשטאַנד. דער באַריכט פון „בונד" לויבט טאַקע זייער שטאַרק „די האַלטונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג", און ער שטרייכט אונטער דעם דיאַמעטראַל וויטן אונטערשייד אין די שטימונ־גען אין 1942 און אין 1943.

## נישט קיין אַקט פון פאַרצווייפלונג

דער דריטער הויפּט־שטריך איז—ווי עס זאָגט דער באַריכט מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ — איז דער פאַקט, וואָס דער אויפשטאַנד איז לחלוטין נישט געווען קיין אַקט פון פאַרצווייפלונג. זייער פיל פון די קעמפער האָבן זיך פערזענלעך געקאָנט ראַטעווען. אָבער פאַר זיי איז דאָס פיזישע ראַטעווען דעם נפש גאָרנישט ווערט געווען, אויב זיי האָבן זיך נישט געקאָנט ראַטעווען גייסטיק. און די גייסטיקע רעטונג פאַר זיי, ווי פאַרן גאַנצן פאַרשקלאַפטן כלל, איז געווען אין דערהוי־בענעם געפיל פון קאַמף מיטן פאַרהאַסטן שונא, און גרייטקייט אויף מסירת־נפש, און דעם דראַנג צו שטאַרבן ווי אַ פרייער מענטש. דאָס מאַכט די גלאָריע פונעם אויפשטאַנד נאָך אומשטערבלעכער, דאָס מאַכט נאָך העכער די ריזן־געשטאַלטן פון די געפאַלענע אין קאַמף.

## מיטן פּנים צו דער דרויסנדיקער וועלט

דער אויפשטאַנד איז אַרויסגעפלאָסן פונעם אינערלעכן דראַנג פון די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ צו שלאָגן זיך פאַר זייער פרייהייט און מענטשלעכער ווירדע. אָבער ער איז צווישן אַנדערן אויך געווען געווענדעט צו דער באַפעלקערונג פון פוילן מחוץ די געטאָס און צו דער ברייטער וועלט.

מיר האָבן פריער ציטירט די דעפּעשע, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער וועלט נאָך די יאַנואַר־קאַמפן.

אויך אין די טעג פון די אַפּריל־קאַמפן זענען געמאַכט געוואָרן אַזעלכע ווענדונגען.

אויפן פינפטן טאָג פון קאַמף האָט די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעשיקט צו די פּאָליאַקן אין דעם אַרישן טייל פון שטאָט פאָלגענדיקן אויפרוף:

„פּאָליאַקן, בירגער, זעלנער פון פרייהייט!

ביים קנאַלן פון האַרמאַטן, פון וועלכע די דייטשע אַרמיי שמעטערט אין אונזערע הייזער, אין די דירות פון אונזערע מאַמעס, קינדער און פרויען; ביים געדודער פון די מאַשין־געווערן, וועלכע מיר דעראָבערן אין קאַמף קעגן די פּחדנותדיקע דייטשע זשאַנדאַרמען און ס. ס. לייט; ביים רויך פון פייער און געשטויב פון בלוט פון געמאָרדעטן וואַרשעווער געטאָ — שיקן מיר אייך, מיר שקלאַפן פון געטאָ, אַ האַרציקן גרוס. מיר ווייסן, אַז מיט האַרציקן וויטאָג און טרערן פון מיטגעפיל, מיט באַוואונדערונג און שרעק קוקט איר זיך צו צום אויסגאַנג פון דעם קריג, וואָס מיר פירן זינט עטלעכע טעג מיט דעם גרויזאַמען אָקופּאַנט.

„אָבער איר זעט דאָך, אַז יעדע שוועל פון געטאָ איז ביז איצט און וועט זיין ווייטער אַ פעסטונג. מיר קענען אַלע אין דאָזיקן קאַמף אומקומען, אָבער מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן. מיר אָטעמען, אַזוי ווי איר, מיטן פאַרלאַנג פון נקמה און שטראָף פאַר אַלע פאַרברעכנס פון דעם געמיינזאַמען שונא.

„עס גייט אַ קאַמף פאַר אונזער און אייער פרייהייט.

„פאַר אייער און אונזער מענטשלעכן, סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן כּבוד און ערע.

„מיר וועלן נקמה נעמען פאַר די פאַרברעכנס פון אָשווענטשים, טרעבלינקא, בעלזשיץ און מאַידאַנעק.

„זאָל לעבן די ברידערלעכקייט פון קאַמף און בלוט פון דעם קעמפנדיקן פוילן.
„זאָל לעבן די פרייהייט.
„טויט די הענקער און תּלינים.
„זאָל לעבן דער קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן אָקופּאַנט!"
„יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע".

די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג האָט אויף דער ווענדונג געענטפערט מיט אַ וואַרימען אויפרוף פון סימפּאַטיע, וואָס האָט גלייכ־צייטיק אַנטהאַלטן אַ רוף צו דער פרייער וועלט צו ראַטעווען און צו העלפן.

אויך די יידישע אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין די זעלבע טעג פאַרעפנטלעכט אַן אַפּיל צו דער דרויסנדיקער וועלט.

דער אַפּיל האָט זיך געלייענט אַזוי:
„איינוואוינער פון וואַרשע!
מיר ווייסן, אַז די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג גיט אָפּ כּבוד די קעמפער פון געטאָ. אָבער בלויז די פאַרייניקטע פעלקער קאָנען געבן תּיכּפדיקן הילף.

אין נאָמען פון מיליאָנען געמאָרדעטע יידן, אין נאָמען פון יענע, וועלכע זענען געוואָרן פאַרברענט, פאַרפּייניקט און געשאָכטן; אין נאָמען פון די, וועלכע קעמפן נאָך העראָאיש, הגם זיי זיינען פאַר־משפּט אויף אַ זיכערן טויט אין אומגלייכן קאַמף — רופן מיר צו דער וועלט זי זאָל אונז היינט הערן.

די פאַרבינדעטע מוזן נעמען נקמה פאַר אונזער טויט און אונזע־רע ליידן. כּדי אַפילו דער בעסטיאַלישער שונא זאָל פאַרשטיין פאַר־וואָס מען באַשטראָפט אים. אונזערע פאַרבינדעטע מוזן סוף כּל סוף באַגרייפן די גרויסע היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס וועט פאַלן אויף יענע, וואָס זיינען געבליבן פּאַסיוו פּנים אל פּנים מיטן ביישפּיללאָזן פאַרברעכן פון די נאַציס קעגן אַ גאַנץ פאָלק, אַ פאַר־ברעכן, וואָס זיין טראַגישער עפּילאָג שפּילט זיך אָפּ היינט.

דער פאַרצווייפלונגס־העראָיזם פון די מענטשן אין געטאָ מוז אויפהייבן די וועלט צו אַן אַקציע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער גרויסקייט פון מאָמענט!"

די אַלע אויפרופן און אַפּילן באַווייזן קלאָר, אַז די פירער פון אויפשטאַנד האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז זייער

טראַגישער העראָיזם וועט מאַכן אויפציטערן די פרייע וועלט און באַוועגן זי צו אַ וועלכע נישט איז מעשים.

## דער נייער סימבאָל — געטאָגראַד

דער אויפשטאַנד האָט נישט געמאַכט אויפציטערן די וועלט, ווי עס האָבן פריער זי נישט אויפגעטרייסלט די ידיעות פון כעלמנא און טרעמבלינקע, די ידיעות וועגן אויסשעכטן אַ גאַנץ פאָלק.

אָבער די קעמפער פון די געטאָס זענען נישט געפאַלן אומזיסט. געטאָגראַד איז געוואָרן אַ נייער סימבאָל. עס האָבן שטאָלץ אויסגעגלייכט די קעפּ עטלעכע הונדערט טויזנט געפייניקטע יידן אונטער היטלערס יאָך. אין באַריכט פון 22סטן יוני ווערט געשריבן: „פון אַלע זייטן פאָדערט מען געווער...‟ עס זענען געקומען די קאַמפן אין טרעמבלינקע און טראַווניקי, אין בענדין און טשענסטאָכאָוו און דער עיקר די וואָכנלאַנגע קאַמפן אין ביאַליסטאָק. דער אָפּקלאַנג פון די קאַמפן אין געטאָגראַד האָט זיך געטראָגן אין אייראָפּעאישן אונטערערד און געוועקט פרישן גלויבן און נייעם מוט. דער אָפּקלאַנג פון די קאַמפן האָט זיך געטראָגן איבער דער וועלט און האָט געמאַכט שטאַרקער פולסירן מיליאָנען יינגע הערצער.

און געטאָגראַד פאַרמאָגט פיל מער ווי אַ פאַריבערגייענדיקן ווערט. ער גיט אַ נייעם אינהאַלט און זין דעם לעבן, ווייל ווען עס איז פינצטער אַרום, ווען דאָס האַרץ קאַרטשעט זיך פון ווייטיק צוליבן גרויסן אומגליק, און עס ברענט די שאַנד, אין וועלכער עס איז אויסגעוואַלגערט די וועלט, — איז פאַראַן אַ וואַרעמער און שטראַלנדיקער פונקט, צו וועלכן מען קאָן אויפהויבן די אויגן: דאָס איז געטאָגראַד.

ז. שניאור

# פליטים־קינדער

פון אַ דראַמאַטישער פּאָעמע

**ערשטע גרופּע** (פון דייטשלאַנד):

— פאַרטאָג האָט מען געבראַכט,
צו אונז אין שטוב, אַ קאַסטן
אַ פאַרחתמעטן.
געהייסן: די מאַמע זאָל באַצאָלן
און ניט עפענען.
האָט די מאַמע, וויינענדיק, באַצאָלט,
געזאָגט אונז: שאַ! עס איז דעם טאַטנס ביינער,
פון אַ דייטשער תפיסה צוגעשיקט.
— מיר האָבן אונזער טאַטן
אַ צייט שוין ניט געזען,
זינט מען האָט אים, אין אַן אַסיען־נאַכט,
אַוועקגעשלעפּט פון בעט...

— די מאַמע אונזערע וויל לויפן,
אַלע צירונג־שטיקער אָפּגעגעבן,
אַבי אַנטלויפן,
מיט אונז צוזאַמען, איבער גרענעצן...
— אָבער וואו ס'איז דאָ אַ „גרענעץ" ווייסט זי ניט,
זי ווייסט מער גאָרנישט ניט.
זי וויינט.

**צווייטע גרופּע** (פון טשעכיען):

— דער טאַטע איז אַוועק,
שטיינער שלעפּט ער פאַר די דייטשן

און עסן עסט ער ניט...
ווי זאָל ער לעבן?
די מאַמע איז אַוועק אים העלפן,
ניט מער צוריקגעקומען...
— די פויערים וואָס האָבן אונז באַהאַלטן
זאָגן: אונזער שול איז אויפגעריסן
די אַלטע פּראַגער שול...
— צעטרעטן איז דער יידישער בית-עלמין,
די מצבות אומגעוואָרפן...
— די נאַציס לאַכן נאָך:
די טויטע יידן וועלן מיר אַרויסוואַרפן,
די לעבעדיקע אַריין טאָן און באַגראָבן...
— אונז קינדער אויך? אונז — אויך?

**דריטע גרופּע** (פון פראַנקרייך):

— די מאַמע האָט זיך, מיט דער קליינער שוועסטערל.
פון באַלקאָן אַראָפּגעוואָרפן אויפן ברוק,
ווען די דייטשן זיינען אָנגעקומען
— זי האָט געוואָלט אונז מיטשלעפּן.
מיר האָבן זיך געקלאַמערט אָן באַלקאָן,
געשריען, ניט געלאָזן זיך,
און זי האָט אונז געשאָלטן, די ציין געשטשירעט
און אַליין געשפּרונגען...
— אין אַ קלויסטער האָט מען אונז אַוועקגעפירט
גויות מיט צלמים האָבן אונז געטרייסט,
געגעבן עסן.
נאָר מיר האָבן מורא.
די צלמים שרעקן אונז...
— מיר שרייען ווען מען רירט אונז אָן,
ווען מען גלעט אונז...
— אונז דוכט זיך אַלץ:
די מאַמע וויל אונז וואַרפן פון באַלקאָן.

**פערטע גרופּע** (פון בעלגיע):

— אונזערע טאַטעס האָבן דימענטן געשליפט,
אין אַנטווערפּן, פאַר דער גאַרער וועלט:

דימענטן פאַר קייזערלעכע קרוינען,
פאַר בראָשן פון פרינצעסינען.
יעצט שלייפן זיי, מיט צאָן-בערשטלעך,
דעם ברוק פון גאַס...
— זיי וואַשן אָפּטריטן מיט נאָזטיכלעך,
די דייטשן שמייסן זיי און לאַכן:
„גיכער, גיכער יידן-הינט!"...

**פינפטע גרופּע** (פון ליטע):

— די טאַטעס האָט מען גראָבאייזנס געגעבן
געהייסן: גראָבן, גראָבן.
די מאַמעס, מיט די קינדער אויף די הענט,
אויסגעשטעלט ביים לאַנגן גרוב,
געשאָסן און באַגראָבן:
טויטע, לעבעדיקע,
שרייענדיקע קינדער,
קרעכצנדיקע באָבעס, —
אַלעמען צוזאַמען...
—אַנדערע האָט מען איינגעשפּאַרט,
פאַרקלאַפּט מיט ברעטער
אין חזיר-שטאַלן,
מיט נאַפט באַגאָסן, און אַזוי
אָנגעצונדן און פאַרברענט.
— די קולות זייערע, די קולות!...
— מיר האָבן זיך געראַטעוועט...
— ווי אַזוי?
— מיר ווייסן ניט!... אַ פרוי אין שוואַרצן,
מיט גוטע אויגן, האָט אונז, קינדער,
פון אַ הינטער-טיר אַרויסגעפירט...
— ווער איז דאָס געווען?
— מיר ווייסן ניט.
— אונז אויך... די זעלבע פרוי
האָט אונז פון גרוב אַרויסגעפירט,
וואו געצאַפּלט האָבן זיך
האַלב-און-גאַנץ דערשטיקטע,

מיט פיס פאַרבלוטיקטע געדריגעט אונז...
— אַ, וואו איז זי, די גוטע פרוי?
— מיר ווייסן ניט.
— זי וועט נאָך קומען!
— זי האָט אונז צוגעזאָגט...

[די קולות ווערן שוואַכער און שוואַכער. דאָס ליכט גייט אויס. אַ הויכע פרוי, מיט אַ בלאַס געזיכט אין שוואַרץ געוויקלט, שימערט אויף.]

**די פרוי** (צעשפרייט די הענט):

קינדער מיינע, איך בין דאָ!
פאַרגעסט אַלץ וואָס געזען, געהערט...
זייט מוחל!
אַזוי ווי אייערע עלטערן מאַרטירער.
פון הויכע תּליות האָבן זיי
געזען דאָס מענטשן-גליק;
געזען און, שטאַרבנדיק, געשמייכלט...

**אַ קול:**

און וואו איז עס דאָס גליק?
נאָר תּליות!... ווידער תּליות...

[אַ געלעכטער. אַ געלויף פון טונקעלע פיגורן, צעשליסענע בלוזעס. באַוואַקסענע פנימער.]

**געטאָ־קעמפער** (מיט אַ גראַנאַט באַוואָפנט):

פאַרלאָז דעם אָרט, דו קלאָג-מוטער!
רחמנות האָט איר זאַך געטאָן,
די צייט פון קדושים איז פאַרביי.
אויף העלדן וואַרט די וועלט,
ניט דו וועסט זיי דערציען!...
דו קווענקלסט?
דאָס ליד אונזערס זאָל דיך פאַריאָגן...
דאָס ראַכע-ליד, חברים!

**כאָר:**

אָ, אָרעמע העלדישקייט
פון שוואַכע!
דאָס מוחל זיין
איז אייער ראַכע.
איר צאַפּלט, שטאַרבט
אין קדושה־פיבער,
און לאָזט די וועלט
די טמאים איבער...

**געטאָ־קעמפער** (שליידערט זיין גראַנאַט):

**אזוי!...**

[עקספּלאָזיע. ווילדע חיהשע קולות וואָיען אויף
די פרוי אין שוואַרצן פאַרשווינדט.]

**כאָר:**

די וועלט איז אַלט,
זי איז פאַרביי.
שמעלצט אַלע איבער
פון דאָס ניי
די קרוינען, וואַרהייטן
און שאַצן.
אין גיהנום־טיגל
זאָל עס פּלאַצן
אַלץ וואָס פּוסט איז
אויפגעבלאָזן:
די אַלטע גבורה —
אירע פּאָזן,
די אַלטע קדושה
אויפן קרייץ,
דאָס פּאָטערלאַנד —
איר פוילער רייץ

עס ווערט פערברענט
דער פאַלשער גלאַנץ,
וואָס גאָלד איז, בלייבט
דאָך אייביק גאַנץ...

**קינדער:** מיט אייך

— מיט אייך װעלן מיר גיין!

(פאָרהאַנג)

ש. הערץ

# דער אונטערערדישער „בונד"

„אונטערערדישע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג", „אונטערערדישע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן" — די דאָזיקע נעמען, וואָס באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אין דער פרעסע, זיינען במשך פון קריג פסעוודאָנימען פאַר דעם „בונד" אין פוילן. אין דער ערשטער צייט זיינען די פסעוודאָנימען נויטיק געווען, כדי פאַר דער געשטאַפּאָ זאָל נישט זיין קלאָר די קאָנטינואיטעט פון פריערדיקן „בונד", ווייל צו פיל בונדיסטן — טוער און סתם מיטגלידער — זיינען געווען אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן און זיי האָבן לייכט געקענט ווערן אַ פרעס־מאַטעריאַל פאַר די נאַצישע בעסטיעס. יעדער אַקט פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע האָט אויטאָמאַטיש געקענט פירן די געשטאַפּאָ צו באַקאַנטע בונדיסטן. אין טייל ערטער האָט דער „טריק" געהאָלפן, אין אַנדערע ערטער — נישט: די באַקאַנטע בונדיסטן זיינען סיי ווי סיי געפאַלן די ערשטע קרבנות.

איצט קען מען שוין, צו אונזער גרויסן אומגליק, דעם סוד אויפדעקן.

דער „בונד" אין פוילן איז געווען אַן אַנדערער, ווי דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד, אָבער אַ המשך פון אים. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן אונטערערדישן „בונד" לגבי דעם „בונד" אין פוילן. לחלוטין אַנדערש — און דאָך אַ המשך. אויסערלעך, אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם — אַ צווייטע, גאָר נישט ענלעכע באַוועגונג, אָבער אין מענטשן־מאַטעריאַל און אין דער אידעאָלאָגיע — אַזוי ווי דער פריערדיקער „בונד" אין פוילן.

קיין שום קאָנספּיראַציע פון אַמאָל קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער געהיימקייט און פאַרשלייערטקייט פון אונטערערד, אונטער דער נאַצי־ממשלה אין אָקופּירטן פוילן. און דאָך מעג מען איצט אַ סך זאַכן דערציילן, ווייל זיי זיינען שוין פולשטענדיק אָפּגעשלאָסענע קאַפּיט־

לען. די ישובים, וואו די געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט און די מענטשן, וועלכע זיינען געווען אין דעם פּאַרוויקלט, — אַלץ איז שוין פאַרניכטעט און אָפּגעמעקט פון דער ערד.

*

דער אונטערערדישער „בונד" האָט זיך אָנגעהויבן פאַרמירן אין פייער פון די שלאַכטן אין סעפּטעמבער 1939. דער קערן פון אים האָט זיך געשאַפן אין וואַרשע בעת דער באַלאַגערונג. אַ גרופּע טוער פון „בונד" און יוגנט־בונד „צוקונפט", וועלכע האָבן באַקומען פון די צענטראַלע אָנפירונגען אָנווייזונגען וועגן דער קינפטיקער אומלעגאַלער אַרבעט פון דער בונדישער באַוועגונג, צוזאַמען מיט דער געטרייער מאַסע מיטגלידער האָבן אין דער אַרבעט ביי דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע געלייגט דעם יסוד פאַר דעם צענטער פון דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. כל־זמן ס'איז געווען טעכניש מעגלעך— ביז ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער עלעקטרישער שטראָם—איז דערשינען די בונדישע „פאָלקס־צייטונג", וואָס האָט צווישן אַנדערן פאַרעפנטלעכט דעם אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער פאַרטיידיקונג און זיך פאַרשרייבן אין די באַטאַליאָנען פון די פרייוויליקע. ס'איז אויך דערשינען בעת דער באַלאַגערונג אַ נומער „יוגנט־וועקער", אָרגאַן פון יוגנט־בונד „צוקונפט".

גלייכצייטיק האָט מען אָרגאַניזירט קיכן און טיי־האַלעס, איינגעאָרדנט היימלאָזע, און געגאַנגען אין די געשעפטן זאַמלען בויטיקע זאַכן פאַר די שנעל־פאַרמירטע פאַרטיידיקונג־באַטאַליאָנען.

די מענטשן, וועלכע האָבן דאָס געטון, זיינען געוואָרן דער קאַדער אונטערערדישע טוער, ווען די דייטשע חילות האָבן דעראָבערט די שטאָט. פון דער פּראָווינץ האָבן אָנגעהויבן קומען שליחים פון די אָרטיקע חברים נאָך הילף און עצות. ס'איז נויטיק געוואָרן אויסצובויען אַ געהעריקן אַפּאַראַט און איינצושטעלן קאָנטאַקטן. דאָס איז געטון געוואָרן.

באַלד אַ וואָך נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן, אָנהויב אָקטאָבער 1939, איז אין וואַרשע פאַרגעקומען די ערשטע געהיימע באַראַטונג, צונויפגערופן דורכן אונטערערדישן קאָמיטעט, וואָס האָט שוין דאַן עקזיסטירט. די באַראַטונג איז פאַרגעקומען אויף זאַמענהאָף־גאַס, אין אַן אַרבעטער־קיך. גערופן האָט מען פאַרשטייער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. געקומען זיינען עטלעכע און צוואַנציק חברים און חברטעס.

דער ציל פון דער באַראַטונג איז געווען אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן איינ־צוהאַלטן די אַרבעטער ביי זייערע פּאַראיינען, כּדי זיי זאָלן נישט צע־שטויבט און צעריבן ווערן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביי אַלע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען זאָלן געגרינדעט ווערן טיי־האַלעס, וואו די אַר־בעטער זאָלן זיך גרופּירן. אַזויערנאָך זאָל אויפגעהאַלטן ווערן דער קאָנטאַקט מיט זיי. די באַראַטונג איז דורכגעפירט געוואָרן בסוד סודות. אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום די טישן. מען האָט פאַר זיי אַוועקגע־שטעלט שיסעלעך זופּ, ווייל טאָמער קוקט אַריין אַ נישט געוואונטשען אויג, זאָל עס הייסן, אַז דאָס זיינען געווייַנלעכע עסערס אין קיך.

וואו נאָר ס'איז מעגלעך געווען, האָט מען געעפנט קיכן און טיי־האַלעס, וואָס האָבן געדינט אַ טאָפּלטן צוועק: געבן די נויט־באַדערפ־טיקע אַ מאָלצייט און שאַפן טרעף־פונקטן פאַר דער באַוועגונג. איינע פון די קיכן איז געווען אין גרויסן לאָקאַל פון פריערדיקן בונדישן קלוב אויף לאַנגע 26. אַזוי ווי בעת דער באַמבאַרדירונג איז דאָרט דער דאַך געוואָרן אַרונטערגעריסן, האָט מען געגעסן אונטערן פרייען הימל.

דער יוגנט־בונד „צוקונפט" און די עלטערע קינדער פון „סקיף" האָבן אויסגעבילדעט געהיימע גרופּעס און אָנגעהויבן אַ נייע אַרבעט. סוף אָקטאָבער האָט אַ גרעסערע צאָל פון דער בונדישער יוגנט זיך פאַרזאַמלט צום יאָרצייט ביים קבר פון ב. מיכאַלעוויטש, וואו מען האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע און געזונגען די שבועה.

אויך אויף דער פּראָווינץ איז אַוועק אַן אַרבעט. אין אַ ריי גרעסע־רע שטעט האָבן די געבליבענע בונדישע טוער זיך אַריינגעוואָרפן מיט ברען אין דער הילף־אַרבעט; אין מאַנכע ערטער האָבן זיי אויסגעטראָגן די הויפּט לאַסט פון העלפן לינדערן די נויט פון דער יידישער באַפעל־קערונג. פיל האָבן דערפאַר גאָר גיך באַצאָלט מיט זייערע לעבנס — נאָך פאַרן אָנהויב פון די מאַסן־שחיטות.

*

איינע פון די וויכטיקסטע און גלייכצייטיק שווערסטע אַרבעטן איז געווען דאָס אַוועקשטעלן אַן אומלעגאַלע פּרעסע. קיין יידישע דרוקע־רייען האָבן נישט געטאָרט זיין. אַלע דרוקערייען האָט מען פאַרחתמעט און דערנאָך ליקווידירט. אַוועקשטעלן אַ געהיים דרוקל, האָט באַטייט ריזיקירן מיטן לעבן פון אַ גרויסער צאָל מענטשן. אָבער צייטונגען האָט מען דאָך געמוזט האָבן. אַפּזאָגן זיך דערפון, וואָלט געהייסן דער־לאָזן, אַז די דייטשן זאָל געלינגען צו דעזאָריענטירן די יידן, זיי פאַר־טעמפּן און פאַרוואַנדלען אין ווילנלאָזע האַלב־טויטע נפשות.

# ביולעטין

נר. (12) 1 יאנואר 1943

## צום נייעם יאר.

צום אנהויב פון נייעם יאר האט היטלער זיך געווענדעט צו זיינע חילות מיט א ספעציעלן אפעל. היטלער האט דעם מאל ניט באוויזן, אז די דייטשע ווערמאכט האט די באסטע דורך „דיר געביטן "מאראלישע דערגרייכונג" גראנק „שטאלצער האלטונג און אויך געציילטער דיסציפלין".

מיט דער דאזיקער באהויפטונג האט היטלער געשלאגן דעם רעקארד פון ציניזם. אדרבא, זאל היטלער דערציילן, וועלכע געביטן האט זיין „רסיי "מאראלישער" דערגרייכט? צי איז דא כאטש איין באזעצט לאנד, ווו דער דייטשער סאלדאט זאל ניט באטראכט ווערן פאר א בלוטיקן שונא, פאר וועלכן מען דארף זיך באהאלטן און אנטלויפן?

היטלער רעדט וועגן דער שטאלצער האלטונג פון זיינע סאלדאטן. זאל ער בעסער רעדן וועגן די פארטאלגונגען, וועגן די בעסטיאלישע, סאדיסטישע מערדערייען, וועגן די אומצעציילטע פייניקונגען פון דער באפעלקערונג אומעטום, ווו עס איז אנגעקומען דער דייטשער סאלדאט, דער דייטשער ס.ס.-מאן, דער דייטשער זשאנדארם, דער דייטשער געסטאפא-אגענט. די געשיכטע ווייסט ניט, קען ניט אזא מיאוסע באהאנדלונג פון דער ציווילער באפעלקערונג אין אקופירטע געביטן, ווי דאס טוען איצט די דייטשן אין א ל ע לענדער וואס האבן געהאט דאס אומגליק ארייננצופאלן אין זייערע הענט.




צוויי געהיימע צייטונגען — פֿון „בונד" און פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט"

Za Naszą i Waszą Wolność

..ty 1941 Nr. 1.

מיט אומגעהויערער פּאַרזיכטיקייט און ענערגיע האָט מען זיך גענומען אַוועקשטעלן די געהיימע דרוקערייען, שאַפן אַן אַנטשפּרעכנדע גרופּע אַרבעטער און אָרגאַניזירן די פאַרשפּרייטונג. עס האָבן זיך באַלד באַוויזן צייטונגען און אויפרופן.

מיר דאָ, אין דער פרייער וועלט, ווייסן פון עטלעכע צייטונגען, וואָס דער אונטערערדישער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן. בלויז אייניקע נומערן זיינען דערגאַנגען צו אונז. די פּאָפּולערסטע און פאַרשפּרייטסטע זיינען געווען „דער ביולעטין", אַרויסגעגעבן פון דער פּאַרטיי און די „יוגנט-שטימע" (אַן אילוסטרירטע צייטונג!) — אָרגאַן פון יוגנט-בונד „צוקונפט". בירגערלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעריסן קיין אויסלאַנד, האָבן איבערגעגעבן, אַז די „יוגנט-שטימע" איז אין געטאָ גוט באַקאַנט. זיי האָבן וועגן דעם געוואוסט, הגם זיי גופא האָבן צו דער אונטערערדישער באַוועגונג קיין שום שייכות נישט געהאַט.

שטאַרק פאַרשפּרייט איז געווען דער „ביולעטין". קיין אויסלאַנד איז דערגאַנגען דער 11טער נומער (לויט דער ריי) פון יאַנואַר 1941. דער לייט-אַרטיקל „צום נייעם יאָר" ענדיקט זיך מיט פאָלגנדע ווערטער פול מיט בטחון:

„די וועלט וועט באַזיגן היטלערן — די וועלט פון דעמאָקראַטיע, פון סאָציאַליזם, פון פרייהייט וועט באַזיגן דעם רעזשים פון דיקטאַטור און פאַרשקלאַפונג".

אין פעברואַר פון זעלבן יאָר האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך אונטערן נאָמען „זאַ נאַשאָן און וואַשאָן וואָלנאָשטש" (פאַר אונזער און אייער פרייהייט), וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אי צו ברענגען אַ געדרוקט וואָרט דעם אַסימילירטן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, אי רעדן צו דער פּוילישער גאַס. מיר ווייסן, אַז זומער 1941 זיינען שוין געווען דערשינען 5 נומערן פון דער

# יוגנט שטימע

נומער 1-2/4-5/ יאנואר – פעברואר 1941




## פאשיזם מוז צושמעטערט ווערן!

בונדישער צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך. אין דעם 5־טן נומער איז אויך געווען אָפּגעדרוקט אַ וואָרנונג נישט צו פאָלגן דעם רוף פון די נאַציס צו גיין אַרבעטן אויף די פעלדער, פונוואַנען מען האָט פאַרטריבן די פוילישע פויערים.

אַפילו אַ טעאָרעטישן חודש־זשורנאַל האָט מען אַרויסגעגעבן.

אין אַ באַריכט פון אונטערערדישן „בונד", וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע אין יוני 1942, ערב דער גרויסער ליקווידאַציע פון געטאָ, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„אומגעהויער גרויס איז דער אָנזען פון דער יידישער אונטערער־דישער באַוועגונג. איר ווירקונג איז גרויס נישט בלויז אין געטאָ. אויך אויסערן געטאָ רעדט מען מיט גרויס אָנערקענונג וועגן דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי וועגן אַ מוסטערהאַפטער באַוועגונג. זי גיט אַרויס סיסטעמאַטיש אירע אומלעגאַלע אויסגאַבן און האָט אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דער פוילישער אונטערערדישער באַ־וועגונג".

זומער 1943 איז קיין שוועדן אַנטלאָפן אַ לאָדזער ייד, כאַסקל ליט־מאַן. ער האָט געלעבט אין וואַרשע ביז סוף אויגוסט 1942. וועגן דער בונדישער פרעסע האָט ער איבערגעגעבן:

„אין געטאָ האָט דער „בונד" אַרויסגעגעבן אַן אומלעגאַלע צייטונג אויף יידיש, ווי אויך פאַרשידענע בראָשורן, אויפרופן און אַנדערע אויס־גאַבעס. יידן האָבן געגעבן געלט נישט בלויז פאַר דער יידישער אומ־לעגאַלער פרעסע, נאָר אויך פאַר דער פוילישער".

יידישע דרוקער־אַרבעטער אין געטאָ האָבן נישט בלויז זיך מקריב געווען ביים דרוקן די אומלעגאַלע צייטונגען פאַר דער יידישער אונ־טערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אויך פאַר דער פוילישער. אין געטאָ האָט מען אַ צייט לאַנג געדרוקט פוילישע אויסגאַבעס, וואָס מען האָט דערנאָך אַדורכגעשמוגלט דורך די געטאָ־ווענט פאַרן געברויך פון דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. די יידישע דרוקער־אַרבע־טער האָבן געצאָלט אַ טייערן פרייז. נישט קאָנענדיק אנטדעקן די געהיי־מע דרוקערייען, האָט די „געשטאַפּאָ" זומער 1942 אויפגעזוכט צענט־ליקער יידישע דרוקער־אַרבעטער — אַלץ איינס צי זיי האָבן געהאַט אַ שייכות צו די געהיימע דרוקערייען אָדער נישט — און זיי דערשאָסן. אויף אַזאַ אופן האָבן די נאַציס געוואָלט פּטור ווערן פון די געהיימע צײ־טונגען און אויפרופן. אויך אַ גרויסע צאָל פאַרשפרייטער פון דער אומ־לעגאַלער ליטעראַטור האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן.

אין איינעם פון די לעצטע באַריכטן פון אונטערערדישן „בונד" ווערט דערציילט וועגן די לעצטע אויסגאַבעס אין וואַרשעווער געטאָ:

„בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ זומער 1942 האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ אַרויסגעגעבן אַ נומער פון דער צייטונג „שטורעם", וואָס האָט גערופן די מאַסן צום ווידערשטאַנד. אין נאָוועמ־בער און דעצעמבער פון זעלבן יאָר זיינען אַרויס ווייטערדיקע 2 נו־מערן פון אונזער צייטונג. אין אַפּריל 1943, פאַרן גרויסן ווידערשטאַנד,




אונטערערדישע פוילישע סאָציאַליסטישע צייטונגען.

איז אַרויס דער לעצטער נומער פון אונזער אָרגאַן אין וואַרשעווער געטאָ — אַלץ אין דער יידישער שפּראַך".

אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס רומרייכע קאַפּיטל פון דער בונדישער פרעסע — אפשר דאָס רומרייכסטע אין דער געשיכטע פון דער אומלעגאַלער פרעסע בכלל — אין געטאָ. מיר שטרייכן אונטער אין געטאָ, ווייל די געשיכטע פון דער אומלעגאַלער בונדישער פרעסע אין

פוילן ווערט ווייטער געשריבן דורך אומדערשראָקענע חברים און חבר־טעס.

*

מיר ווילן ווייטער איבערגעבן וועגן די גרויסע אַרעסטן אין שייכות מיטן פאַנאַנדערפירן און פאַרשפּרייטן די אומלעגאַלע צייטונגען. מיר ווילן אָבער קודם־כּל ריידן וועגן אַרעסטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָך פריער.

די ערשטע שטאָט, וואו די בונדישע באַוועגונג האָט געליטן פון אַ גרויסער צאָל אַרעסטן, איז געווען לאָדז. באַלד ווי די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט, האָט די „געשטאַפּאָ" געהאַט אַ רשימה פון די בונדישע טוער און זיך גענומען זיי אויפזוכן. זיי זיינען געקומען אין די וואוינונגען און זיך נאָכגעפרעגט. אַ סך האָבן זיך באַהאַלטן און דערנאָך אַנטלאָפן אין אַנדערע שטעט, אַנדערע האָבן זיי געכאַפּט.

וועגן די אַרעסטן אין לאָדז האָט דערציילט ח׳ ז. אַרטור:

„זיי האָבן געפונען אונזער אַלטן גרייז־גרויען חבר ה. ל. פּאָזנאַנסקי; זיי האָבן געפונען דעם לאַנג־יאָריקן אָנפירער פון די לאָדזער יידישע טעקסטיל־אַרבעטער, חבר מאָרגנטאַלער, און האָבן זיי גענומען. זיי האָבן צוגענומען דעם יונגן חבר פּ. מ. זילבערבערג. מען האָט די מענטשן חדשים לאַנג געפייניקט. יעדן טאָג זיינען זיי פאַרהערט געוואָרן, יעדער פאַרהער איז געווען אַן אינקוויזיציע. מען האָט פון זיי געפאָדערט אַרויסגעבן זייערע חברים. מיר ווייסן עס גענוי: אונזערע חברים האָבן זייער אייגענע ראָל אין דער באַוועגונג נישט געלייקנט, אָבער וועגן אַנדערע האָבן זיי געשוויגן. די געשטאַפּאָ האָט געזוכט דעם סעקרעטאַר פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און האָט אים נישט געפונען. 18 שעה האָט זי געשנישטערט אין זיינע פּאַפּירן און די גאַנצע צייט געמאַטערט זיין פרוי: „וואו איז ער? וואו האָט ער די רשימות? ער איז דאָך דער סעקרעטאַר, ער האָט דאָך געמוזט האָבן רשימות פון די מיטגלידער?"

דעם יונגן חבר זילבערבערג האָט די געשטאַפּאָ געברענגט אין הויף, וואו ער האָט געוואוינט און וואו עס האָט זיך געפונען דער בונדישער קלוב. מען האָט גערופן דעם הויז־וועכטער אַלס עדות, אַז זילבערבערג האָט אין דעם הויף פאַרברענט בונדישע דאָקומענטן. מען האָט אים אין הויף געשלאָגן און געפייניקט, ער זאָל זאָגן וואָסערע דאָקומענטן ער האָט פאַרברענט, וואָסערע נעמען עס האָבן פיגורירט אין די פאַרברענטע פּאַפּירן. בלוט איז גערינען פון זיין פּנים. פון אַ פענצ־

טערל אויפֿן פּערטן שטאָק האָט זיין יונגע פרוי אַראָפּגעקוקט אויף דער אינקוויזיציע איבער איר מאַן. ער איז געשטאַנען מיט פֿאַרביסענע ליפּן און האָט געשוויגן.

די געשטאַפּאָ האָט אויך גענומען דריי פּשוטע אַרבעטער: דעם אינקאַסענט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע חבר אַלעקסאַנדער, דעם רוימער פון בונדישן לאָקאַל, ח׳ הערץ, ווי אויך דעם רוימער פון לאָקאַל פון די טעקסטיל־ און בעקער־אַרבעטער ח׳ יעדוואַב. אויך זיי זיינען געוואָרן אַרעסטירט און געפּייניקט זיי זאָלן אָנרופן נעמען, אַרויס־געבן רשימות — און אויך זיי האָבן געשוויגן״.

„אין נאָוועמבער 1939 האָט די „געשטאַפּאָ״ אין לאָדז אַרעסטירט חבר ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס, איינעם פון די רייננסטע פּערזענלעכ־קייטן. יאָרן לאַנג איז ער געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון „בונד״ אין לאָדז און מיטגליד פון מאַגיסטראַט. אַ קורצע צייט האָבן זיי אים גע־האַלטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער הינטער לאָדז. איינמאָל האָט עמע־צער געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען. ס׳האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זיין פֿאַרשוואָלן פּנים און מ׳האָט אים געפרעגט צי מען שלאָגט אים. מיט אַ שטומען שאָקלען מיטן קאָפּ האָט ער באַשטעטיקט די פראַגע. יעדן טאָג האָבן אים די מערדער שעהן לאַנג געשלאָגן, ביז זיי האָבן מיט אַ רעוואָלווער־קויל פֿאַרענדיקט זיין לעבן״.

(„אונזער צייט״ נומער 1).

אַ חוץ די פריער דערמאַנטע האָט די געשטאַפּאָ אין לאָדז אויך אַרעסטירט איינע פון די עלטסטע בונדישע טוערינס — ח׳טע א., וועל־כע מען האָט אויך געפּייניקט אויף לאַנגע פֿאַרהערן.

אין פּיאָטרקאָוו האָבן די בונדישע פּאָפּולערע טוער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון דער קהלה, אַנטוויקלט אַ גרויסע הילף־אַרבעט. אַ צייט האָט די געשטאַפּאָ זיך צוגעקוקט און לסוף זיי אַלע אַרעסטירט און דערמאָרדעט. ענלעכעס איז געשען אין טאָמאַשאָוו־מאַ־זאָוויעצק, וואו מען האָט אַרעסטירט און אומגעברענגט דעם פּאַרטיי־טוער שמשון קאָשעראָווסקי, וועלכער האָט אַ צייט געפירט אַן ענער־גישע הילף־אַרבעט. צוזאַמען מיט אים האָט מען אויך אַרעסטירט און אומגעברענגט אַ גרופּע בונדיסטן פּליטים, צווישן זיי איינעם פון די פּיאָנערן פון „בונד״ אין קראָקע.

אין 1941 האָט מען אין לובלין אויפגעהאַנגען אַ יונגן יידישן אַד־וואָקאַט, אַ טוער פון „בונד״. לויטן באַריכט פון דער פּוילישער אונ־

טערערדישער באַוועגונג, איז ער געווען „איינער פון די געוואַגטסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַנטי־נאַצי־טעטיקייט אין פוילן". די נאַציס האָבן אים געכאַפּט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון די אַרו־מיקע דערפער, וואו ער האָט פאַרשפּרייט אַנטי־נאַצישע אויפרופן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אויפן וועג און מען האָט אים געבראַנגט קיין לובלין, וואו ער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן.

וועגן די אַרעסטן אין שייכות מיט דער בונדישער אונטערערדי־שער טעטיקייט דערציילט אַ בריוו פון טויבע דאַווידאָוויטש (געווען טעטיק אין יוגנט־בונד „צוקונפט", געפאַלן בעת די קאַמפן אין וואַר־שעווער געטאָ, פרילינג 1943), דאַטירט דעם 20סטן מאַי 1941:

„...אַ סך, זייער אַ סך האָט זיך דאָ געענדערט — סיי אין אונדזער אייגן אַרט לעבן, סיי אין דער פּאַרטיי. עס געשען איצט וואָס אַמאָל אָפּטער אַרעסטן..."

און אין איינעם פון די סאַמע לעצטע באַריכטן פון אונטערער־דישן „בונד", וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן סוף 1943 פון פוילן, ווערט געזאָגט:

„אונדזער אָרגאַניזאַציע איז באַזונדערס שטאַרק געטראָפן גע־וואָרן דורך גרויסע פּאָליטישע אַרעסטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין שייכות מיטן פאַרשפּרייטן אונדזערע געהיימע אויסגאַבן — אויף אונדזער גאַנצער פּראָווינץ נאָך פאַר דער אָפיציעלער ליקווידאַציע פון די געטאָס. אין קראָקע, לובלין, טאָמאַשאָוו, טשענסטאָכאָוו, ראַ־דאָם, פּיאָטרקאָוו האָט מען אַרעסטירט פיל פון אונזערע וויכטיק־סטע חברים, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען טעטיק. מען האָט זיי אַרויסגעפירט קיין אָשוויענטשים, וואו מען האָט זיי אויסגעמאָרדעט. קוים עטלעכע זיינען אַנטלאָפן".

*

די געשטאַפּאָ האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי איז געווען בכוח, כּדי צו כאַפּן די פעדים פון דער אומלעגאַלער אַרבעט און „פון פאָדים דערגיין צום קנויל" — פון די אַרעסטירטע יחידים דערגיין צום צענטער. אָבער דאָס איז איר קיינמאָל נישט געלונגען. אַ ריי מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד" זיינען שוין אומגעקו־מען, אָבער אויף אַנדערע אופנים. אַנטדעקן אים האָט זיך דער געשטאַ־פּאָ נישט איינגעגעבן, פונקט ווי עס האָט זיך איר נישט איינגעגעבן אָפּצושטעלן די אונטערערדישע אַרבעט פון „בונד" פריער, בעת עס

זיינען נאָך געווען גרויסע יידישע ישובים, און אויך איצט, ווען דער גרויסער רוב יידן איז אומגעברענגט געוואָרן.

נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר שווערער און מיזאַמער אַרבעט, האָט עס מודה געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער דירעקטאָר פון געשטאַפּאָ, ערנסט רעקענבאַכער. אין אָפיציעלן אָרגאַן פון דער נאַצישער געהיים־פּאָליציי האָט ער מיט ווייטאָג פעסטגעשטעלט, אַז דער „בונד" און די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פירן אַ שטאַרקע אַנטי־היטלערישע אַרבעט, ווי אויך אַ ווירקזאַמע אַקציע קעגן אַנטיסעמיטיזם.

לאָמיר לאָזן רעדן די אונטערערדישע באַוועגונג גופא. אין אַ באַריכט, וואָס שילדערט די אַרבעט ביז דער דעפּאָרטאַציע פון וואַרשעווער געטאָ (זומער 1942) ווערט געזאָגט:

"אונדזער אָרגאַניזאַציע האַלט זיך גאַנץ גוט. במשך פון דעם לעצטן יאָר האָט זי זיך פאַרשטאַרקט און אויסגעברייטערט אירע איינפלוסן. די מענטשן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט — דאָס זיינען קאַדרען, וועלכע וועלן אָבער אין דעם אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט קאָנען אַרומנעמען די ברייטסטע קרייזן. די אָרגאַניזאַציע שטיצט זיך אויף אונזערע קעמערלעך אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ווי אויך אויף אונדזערע פּאַרטייאישע גרופּעס.

די פּאַרטיי־קעמערלעך טרעפן זיך סיסטעמאַטיש, און זיי ווערן אַנגעפירט דורך אַ פּאַרטיי־ראַט מיט אַן עקזעקוטיוו. אויף אַן ענלעכן אופן אַרבעטן און זיינען אָרגאַניזירט די יוגנט און אונזערע יינגסטע. אין אַלגעמיין אַנטוויקלט זיך די אַרבעט גוט, און — וואָס איז דער עיקר — אין שטאָט רעכנט מען זיך זייער מיט דער דאָזיקער טעטיקייט. אונזער געזעלשאַפטלעכע וואָג איז כמעט די זעלבע וואָס פריער.

ווי פּאַסן מיר זיך צו צו די נייע באַדינגונגען? אין די פאַכן . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

פירן אויס די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זייערע אויפגאַבן אַלס פאַריינען.

מיר און די יוגנט גיבן סיסטעמאַטיש אַרויס אומלעגאַלע צייטונגען און זשורנאַלן. עס דערשיינט אַן איבערדרייס אונזערס אַ וואָכנבלאַט געווידמעט אַקטועלע פראַגן. יעדער נומער רופט אַרויס די ברייטסטע פאַראינטערעסירונג. עס דערשיינט סיסטעמאַטיש אונזערער אַ טעאָרעטישער חודש־זשורנאַל. אויסער דעם גיבן מיר אַרויס אַ חודש־שריפט אין פּויליש, וואָס האָט אַ גרויסן דערפאָלג סיי צווישן

דער פוילישׂ־רעדנדיקער יידישער אינטעליגענץ, סיי צווישן דער ריין פוילישער אינטעליגענץ. די יוגנט פֿאַרעפֿנטלעכט באַזונדער יעדן חודש צייטשריפֿטן איןביידע שפּראַכן, אין יידיש און אין פויליש (באַזונדער). צוזאַמען דערשיינען יעדן חודש אַכט אונזערע אומלעגאַלע אויסגאַבן.

מיר זאָרגן ווייטער פֿיל וועגן דעם, אַז קינדער זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צום לערנען. דאָס קומט אָן זייער שווער, ווייל די מעג־לעכקייטן צו לערנען האָבן זיך שטאַרק פֿאַרקלענערט צוליב די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבן. אָבער ביי צוואַנציק פּראָצענט פֿון אַלע קינדער באַקומען זייער בילדונג ווי אַמאָל. מיר זאָרגן אויך שטאַרק וועגן דער באַשפּייזונג פֿון די קינדער . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

וואָס איז שייך קיכן, זיינען זיי טעטיק ווי פֿריער, אָבער מיט אַ שטאַרק פֿאַרקלענערטן דערנערונג־ווערט.

מיר פֿאַרגעסן נישט וועגן הילף פֿאַר אונזערע פֿאַמיליעס אָן שפּייזער. מיר באַזאָרגן אויך מיט הילף אַנגעפֿאַרענע, פּליטים, קראַנ־קע און בכלל פֿאַרשידענע נויטבאַדערפֿטיקע. נישט געקוקט אויף די שוידערלעכע באַדינגונגען, איז אונז אין דעם פּרט געלונגען פֿיל אויפֿצוטון.

די גאַנצע צייט האָבן מיר איינגעהאַלטן נאָענטע פֿאַרבינדונגען מיט דער פּראָווינץ, וועלכע מיר האָבן באַזאָרגט מאַטעריעל און גייסטיק. צוזאַמען מיט דעם ווי עס זיינען געוואַקסן די קאָמוניקאַציע־שטערונגען און די איזאָלאַציע, זיינען די פֿאַרבינדונגען געוואָרן שווערער. פֿונדעסטוועגן טוען מיר ביזן היינטיקן טאָג זייער פֿיל אויף, כּדי נישט צו פֿאַרלירן די פֿאַרבינדונגען. מיט מאַטעריעלער הילף באַ־זאָרגן מיר כּסדר אויך . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין איינגעגלידערטן טייל און . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אויף די מזרח־קרעסן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

וואָס איז שייך אונזערע פֿאַרלוסטן, זיינען זיי אין אייניקע שטעט זייער טיף־גרייפֿנדיקע און שמערצלעכע. אַמווייניקסטן האָט געליטן די שטאָט . . . . ביז היינט באַהאַלט זיך אויס . . „ מיט וועמען

עס זעען זיך בלויז די נאָענטסטע עטלעכע מענטשן. די ווייטיק־דיקסטע פאַרלוסטן האָבן מיר געהאַט אין די שטעט . . . . . .

אין דער שטאָט . . . . זיצט ביז היינט אַרעסטירט . . . . אין אַ ריי שטעט זיינען אומגעקומען פיל פון די נאָענטסטע מענטשן. אייניקע האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין אַנדערע שטעט".

ביז־אַהער דער אָריגינעלער באַריכט פון „בונד" אין פוילן. ווי ס'איז צו זען, זיינען אויך אין די שווערסטע מאָמענטן, ביי אַ קאָנספּיראַציע, וואָס פרייע מענטשן איז שווער אפילו זיך פאָרצו־שטעלן, איינגעהאַלטן געוואָרן די גרונט־פאָרמען פון דער באַוועגונג: פּאַרטיי, פּראָפ. פאַריינען, אָרגאַניזאַציע פון יוגנט („צוקונפט") און אַפילו פון קינדער („סקיף"). אַלע פאָרמען פון דער באַוועגונג זיינען געווען צווישן זיך געקניפּט און געבונדען דורך געהעריקע פאָרשטייער.

לויט די באַקומענע אָפיציעלע ידיעות איז די צענטראַלע אָנפירונג פון דער בונדישער באַוועגונג געווען פאַרבונדן מיט אָרגאַניזאַציעס אין 60 שטעט פון נאַצי־פוילן.

וואָס שייך דער יוגנט, האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט וועגן איר אינטענסיווער טעטיקייט. זי איז געווען דער אַקטיווסטער עלע־מענט און האָט געשפּילט אַ באַזונדערס גרויסע ראָל בעתן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. זי האָט זיך פאַר קיין שום מניעה אָדער סכנה נישט געוואָלט אָפּשטעלן. ווי ווייט אירע אַמביציעס זיינען געגאַנגען! אין הערבסט 1941 האָט דער וואַרשעווער יוגנט־ בונד „צוקונפט" באַצייכנט דעם יובל פון „בונד" מיט אַ גרויסן עפנטלעכן קאָנצערט פון זיין גלענצנדיקן כאָר (אויף רימאַרסקע גאַס, אין „פּאַלאַס"). ביי די רי־זיקאַלישסטע און געוואַגטסטע אַרבעטן האָט מען געטראָפן די בונ־דישע יוגנט — סיי פריער ביי דער „נאָרמאַלער" אונטערערדישער אַרבעט, סיי שפּעטער בשעת דעם ווידערשטאַנד.

אַ שליח, וואָס איז הערבסט 1942 אַרויס פון פוילן, האָט גע־ברענגט אַ מינדלעכן באַריכט פון אַ פאָרשטייער פון „בונד". דער באַריכט ענדיקט זיך מיט די דאָזיקע ווערטער:

„מיר טוען דעם מאַקסימום פון דעם, וואָס מיר קאָנען אין די באַדינגונגען. דער ניוואָ פון אונזערע מענטשן איז אַן אומפאַרגלייכ־לעכער, זייער האַלטונג — אַ שטאָלצע און אַ העלדישע, אָבער גרופּע נאָך גרופּע, שטאָט נאָך שטאָט פאַרשווינדן אין דעם אַלגעמיינעם פאַרניכטונג־שטורם. קיינער ווייסט נישט צי אין אַ שעה אַרום אָדער מאָרגן וועט ער נאָך לעבן".

*

אין אַ בריוו פון אונטערערדישן „בונד”, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פוילן אין דער ערשטער העלפט פון 1941, איז פאָרמולירט געוואָרן די שטעלונג פון דער באַוועגונג צו אַ ריי אַקטועלע און פרינציפיעלע פראַגן.

וועגן אויסגאַנג פון קריג ווערט געזאָגט:

„עס איז ווייניק צו פריידיקן די לאָזונג: „פאַרניכטן דעם פאַשיזם און היטלעריזם”. גלייכצייטיק מוזן מיר פאָדערן אַ סוף צו מאַכן מיטן קאַפּיטאַליזם. אויף די חורבות פון אייראָפּע, וואָס קומט אום אין פלאַמען פון קריג, מוז אויפגעבויט ווערן אַ סאָציאַליסטישע אייראָפּע”.

צו דער פוילישער רעגירונג אין גלות איז פאַרנומען געוואָרן אַן אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג. גלייכצייטיק האָט אָבער די באַוועגונג קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט צו האָבן אַן אייגענעם פאָרשטייער אין פוילישן גלות־פאַרלאַמענט.

דער אונטערערדישער „בונד” האָט איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער פוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — אַ קאָנטאַקט און צוזאַמענאַרבעט, וואָס אַפילו די אויפגעשטעלטע געטאָווענט האָבן נישט געקענט איבערשניידן. באַזונדערס האָט מען זיך באַמיט מיט דער הילף פון די פוילישע סאָציאַליסטן צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם. אין בריוו ווערט וועגן דעם געזאָגט:

„מיר ציען אויך כסדר די אויפמערקזאַמקייט פון די פוילישע חברים אויף דעם, אַז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטישן גיפט, וואָס עס פאַרשפּרייטן סיי די פוילישע רעאַקציע, סיי דער היטלערישער אָקופּאַנט, ליגט אין די אינטערעסן פון די פוילישע מאַסן און בכלל פון דער זאַך פון פוילנס באַפרייאונג. די פוילישע חברים פירן טאַקע זייער אַרבעט אין אָט דעם גייסט; און די דאָזיקע געדאַנקען קומען צום אויסדרוק אין זייערע אויסגאַבן”.

וועגן די אויפגאַבן אויף דער יידישער גאַס ווערט אין בריוו אָנגעוויזן:

„1. שטאַרקן די ווידערשטאַנד־ און איבערלעבער־קראַפט פון די יידישע מאַסן לגבי די אומדערהערטע גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט;

2. איבערפאָרמירן די יידישע באַפעלקערונג וועגן ווידערשטאַנד און קאַמף מיטן אָקופּאַנט סיי אויסער די גרענעצן פון יידישן געטאָ אין פוילן, סיי בכלל אין די אַלע פאַרנומענע לענדער;

3. איינפלאַנצן אַ פעסטן גלויבן, אַז די יידישע מאַסן קאָנען זיין פאַרפאַלגט, אָבער אַז די מערהייט וועט אויסהאַלטן און וועט דערלעבן צו זען די ענדגילטיקע מפּלה פון שונא.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָרטן, וואו עס איז נויטיק אונדזער מיטאַרבעט אויף צו העלפן דעם יידישן פאָלק דורכצוהאַלטן און צו פאַרהיטן אים פון אומקום, — דאָרטן זיינען מיר פאַראַן.״

און אין באַריכט פון דער ערשטער העלפט פון יאָר 1942 קומט צום אויסדרוק די נעגאַטיווע שטעלונג צום ציוניסטישן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע אין פאָלגענדע ווערטער:

„מיר וואַרפן אָפּ יעדע עמיגראַציאָניסטישע לייזונג פון דער יידן־פראַגע און פאַרטיידיקן אונדזער פרינציפּ פון פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער און בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, שטייענדיק אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פוילן אין אַ פרייוויליקער פעדעראַציע פון סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פון אייראָפּע.״

*

דאָס יאָר 1942 — מיט דער ליקווידאַציע פון די געטאָס און מאַסן־שחיטות, און דאָס יאָר 1943 — מיט דער ווייטערדיקער טאָטאַלער אויסמאָרדונג פון דער יידישער באַפעלקערונג — אָבער שוין באַגלייט מיט אַ ריי באַוואָפנטע ווידערשטאַנדן — האָבן אויך דעם אונטערערדישן „בונד״ פעסטער אַריינגענומען אין די קלאַמערן פון טויט . . .

אין אַ באַריכט פון „בונד״ אין פוילן אַרויסגעשיקט סוף 1943, ווערן די יידן, לויט זייערע ווינערטער, איינגעטיילט אין 4 קאַטעגאָריעס: 1) אַרבעטס־לאַגערן; 2) אַנטלאָפענע אין די וועלדער; 3) געהיים אין די אַרישע קוואַרטאַלן; 4 אין לאַגערן פאַר פרעמדע בירגער. אומעטום געפינען זיך בונדיסטן, און אומעטום איז טעטיק דער „בונד״. ווערט דאָך אין באַריכט געזאָגט, אַז אפילו אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, „אין טראַווניקי האָבן אונדזערע חברים דורכגעפירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אַ פייערונג צום 46־יאָריקן יובילײ פון „בונד״.

עס האָט זיך געענדערט דער פאַרנעם פון דער אַרבעט, עס שטייען אַנדערע אויפגאַבן, אָבער די אַרבעט ווערט ווייטער געטון.

„מיר טוען דאָס אַלץ — זאָגט זיך אין זעלבן באַריכט — ווייל מיר זיינען פול מיטן ווילן אויסצופירן אונדזער אַרבעט, וועלכע וועט

פון דעם שרעקלעכן מבול דאָך אָפּראַטעווען פאַר דער צוקונפט אַ געוויסע צאָל מענטשן; אונדזער אַרבעט ווערט דיקטירט דורכן איינגעשפּאַרטן ווילן צום קאַמף מיטן שונא און מיר לעבן מיט דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז עס איז אונדזער פליכט ווירדיק פאָרטצוזעצן אונדזער רומרייכע טראַדיציע פון סאָציאַליסטישן קאַמף.

אונדזער וויכטיקסטע אויפגאַבע היינט צו טאָג איז: איינצוהאַלטן ביים לעבן די רעשטלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען געבליבן לעבן. זאָלן כאָטש בלייבן עדות פון דעם שרעקלעכן פאַרברעכן, וואָס קומט פאָר; זאָלן זיי בלייבן פאַרן קאַמף מיט די שולדיקע אין די פאַרברעכנס; זאָלן בלייבן טיילן, וועלכע וועלן צוזאַמען מיט אַנדערע פירן דעם קאַמף קעגן אונדזער געמיינזאַמען שונא, ווי אויך אָפּגעבן זייערע כּוחות פאַרן ווידעראויפבוי און אידעאיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט".

„אונדזערע אויפגאַבן באַשטייען:

1. מאַטעריעלע הילף און מאָראַלישע הילף אין ברייטסטן פאַרנעם; 2. אַקטיווער ווידערשטאַנד קעגן דעם שונא; 3. אָרגאַניזאַציאָנעל־אידעאישע אַרבעט און אַלץ, וואָס איז מיט דער דאָזיקער אַרבעט פאַרבונדן".

„אונדזער גרעסטע זאָרג און באַמיאונגען אין באַריכט־פּעריאָד איז געווען דאָס אַנבינדן און איינהאַלטן קאָנטאַקטן מיט דער פּראָווינץ, אין דער ערשטער ריי מיט" . . . . . „דורך די שליחים האָט מען געשיקט בריוו . . . . . . מיט דערמוטיקונגס־ווערטער און געלט און באַזאָרגט געווער. כּמעט אין אַלע לאַגערן עקזיסטירן קאָאָרדינירקאָמיטעטן, וואָס האָבן איינגעהאַלטן קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען מיט

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

זייער אָפט פאַרבינדן זיך די ח"ח אויף די ערטער איינע מיט די אַנדערע. זיי טיילן זיך מיט אינפאָרמאַציעס, וואָס זיי באַקומען פון אונדז. מיר האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיט ביאַליסטאָק תּיכּף נאָך דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ. עס זיינען רירנד די בריוו, וואָס קומען אָן פון די דאָזיקע צענטערן פון ליידן, דערנידעריקונגען און טויט. אַזוי, למשל, האָט מען אונדז געשריבן פון ביאַליסטאָק. מיר ציטירן: „אַ חלום צי וואָר" — הויבט זיך אָן דער בריוו. „אַ שטים פון הילף פון אונדזערע חברים אין וואַרשע". דאָס שרייבט דער חבר ק. פון ביאַליסטאָק, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געראַטעוועט פון דעם יידיש־

דייטשן קריג אין דער שטאָט און געפינט זיך איצט צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר ביים . . . . . . ענלעכע בריוו האָבן מיר אויך באַקומען פון . . . . . . . זיי האָבן אַ טייל פון זייערע הילף־געלטער, וואָס זיי האָבן פון אונדז באַקומען, איבערגעשיקט קיין . . . . . . .״

אין דעם באַריכט־פעריאָד זיינען מיר געווען אין קאָנטאַקט מיטן דעלעגאַט פון דער פוילישער רעגירונג. מיר האָבן מיט אים אַרומ־גערעדט און דערליידיקט אַ ריי ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

אַ סך אויפמערקזאַמקייט פאַרנעמען די פראַגן פון באַזאָרגן מיט געווער . . . . . . . . . , פון יידישע פאַרטיזאַנישע גרופּעס און פון . . . . . . . . . .

מיר האַלטן ווייטער אונטער די האַרציקע באַציאונגען מיט דער וו ר. נ. (פוילישע סאָציאַליסטישע אונטערערדישע באַוועגונג) און מיט דער פוילישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

בראש פון אונדזער אַרבעט שטייט אַ צענטראַלע אָנפירונג מיט אַ פּרעזידיום אין דער שפּיץ. עס עקזיסטירט אַן אַפּאַראַט פון . . . . . . זיי גיבן צו וויסן אין אַלע פּונקטן וועגן אַלץ וואָס מיר טוען און פירן דורך דאָס דרוקן און צושטעלן אומלעגאַלע ליטעראַטור, הערן אויך אויס זייערע פאַרלאַנגען און וואונטשן. מיר גרייטן צו . . . . . .״

דעם 9טן מאַי 1943, בעת גרופּעס העלדישע קעמפער אין וואַר־שעווער געטאָ האָבן נאָך געשטעלט אַ מוטיקן ווידערשטאַנד דעם שרעקלעכן נאַצי־שונא, איז פאַרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער צענטראַ־לער אָנפירונג פון דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג. די באַראַטונג האָט זיך פאַרנומען מיט דרינגענדע ענינים אין שייכות מיטן ווידערשטאַנד און מיט דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ. און אין אָפּקלאַנג פון די שאָסן פון די געטאָ־קעמפער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד״ אויך אַרויסגע־טראָגן זיין שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם שענדלעכן מאָרד איבער הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. די אָנגענומענע רעזאָלוציע זאָגט:

„אין די איצטיקע מינוטן פון די פאַרביטערטסטע קאַמפן אין דעם וואַרשעווער געטאָ זיינען מיר ביז די טיפענישן אויפגעטרייסלט גע־וואָרן פון דער ידיעה, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט אומגעבראַכט די חברים הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער און פון דער אָפיציעלער באַגרינדונג פון דעם אורטייל, אַז זיי האָבן כלומרשט געפירט אַ פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן. מיר שטעמפּלען

אויפֿן שאַרפֿסטן אופֿן לגבי דער גאַנצער וועלט פֿון סאָציאַליזם און פֿרייהייט דעם דאָזיקן מאָרד ווי אַ פֿאַרברעכן און מיר פּראָטעסטירן אויפֿן שאַרפֿסטן און פֿייערלעכסטן אופֿן קעגן דעם מאָרד און קעגן דעם פּרוּאוו צו שענדן זייערע קרישטאָל ריינע נעמען״.

״הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער וועלן בלייבן אייביק לעבן אין דער געשיכטע פֿון „בונד״ און פֿון דער גאַנצער היינט־צייטיקער פּוילישער געזעלשאַפֿט, אין דער געשיכטע פֿון קעמפֿנדיקן פּוילן און פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם ווי אַנגעזעענע פֿירער, ווי פֿאָנען־טרעגער פֿון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן פֿאַשיזם. זיי וועלן בלייבן אין אונזערע הערצער ווי ליכטיקע געשטאַלטן, וואָס זיינען געפֿאַלן ווי טראַגישע מאַרטירער״.

*

ווער זיינען עס די מענטשן, וועלכע האָבן דאָס אַלץ ביז איצט געטון און טוען ווייטער? וועגן די, וועלכע „טוען ווייטער״, קענען מיר גאָר נישט זאָגן מער ווי — דאָס זיינען אַלטע, פֿאַרדינסטפֿולע טוער פֿון „בונד״. וועגן אַ טייל פֿון די, וועלכע האָבן פֿריער געטון און וועגן וועלכע מיר ווייסן אויף זיכער, אַז זיי זיינען שוין נישט מער צווישן די לעבעדיקע, מעגן מיר שוין יאָ דערציילן.

פֿון ערשטן געהיימען קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין וואַרשע גלייך נאָכן אַריינמאַרש פֿון די דייטשן, לעבן שוין נישט: שמואל זיגעלבוים (אַרטור), לאַזער קלאָג (אומגעקומען אין 1943), אַבראַ־שאַ בלום (דערשאָסן געוואָרן אין יוני 1943 נאָכן דערשטיקן דעם באַ־וואָפֿנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשע), סאָניע נאָוואָגרודסקי (אומגע־בראַכט אין 1942 אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע). איין מיטגליד (אַ חברטע), איז אין געפֿאַנגענשאַפֿט; איין מיטגליד געפֿינט זיך איצט, נאָכן אַנטלויפֿן צוליבן זוכן פֿון דער געשטאַפּאָ און נאָכן זיצן אין אַ סאָוועטישער תּפֿיסה, ‚אין דער פּוילישער אַרמיי; איין מיטגליד איז נאָך טעטיק אויפֿן אָרט און איינער געפֿינט זיך אין אויסלאַנד.

פֿון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד״ זיינען אַרויסגע־שלאָגן געוואָרן 4 מיטגלידער. צוויי זיינען געפֿאַלן אינם גרויסן ווי־דערשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ: אינזשיניער אַברהם (אַבראַשאַ) בלום און אַברהם בערעק שניידמיל. דער לעצטער איז געווען איינער פֿון די מיליטערישע הויפּט־פֿירער פֿונם ווידערשטאַנד. סאָניע נאָוואָגרודסקי. אַ פֿערטער, וועמענס נאָמען מיר טאָרן דערווייל נישט אָנגעבן, איז



לאָזער קלאָג

אַרייַנגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון געשטאַפּאָ, נאָך פֿיר יאָר פֿון אומגעוויינלעך־דרייסטע טאַטן.

פֿון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט און פֿון וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט“ זייַנען געפֿאַלן אין די קאַמפֿן פֿון וואַרשעווער געטאָ, אין 1943, העניך רוס, אַבראַשאַ בלום, משה קופּ־



סאָניע נאָוואָגרודסקי

מאַן, אַברהם פיינער, מרים שיפּמאַן און וואָלף ראַזאָווסקי, וועלכער איז אויך געווען פירער פון דער געהיימער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף".

מיר ווייסן וועגן נאָך אַ ריי אָנגעזעענע בונדישע טוער, וועלכע זיינען אומגעקומען סיי בעתן ווידערשטאַנד, סיי אויף אַנדערע אופנים, אָבער צוליב געוויסע טעמים קענען מיר דערווייל נאָך נישט פאַרעפנט־לעכן זייערע נעמען. אַ טייל פון זיי זיינען פשוט געגאַנגען אין אַ פּאַנ־טאַסטישן געיעג מיטן טויט, ביז ער האָט זיי דערגרייכט.

יונג און אַלט זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין שווערן וואָגן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. זאָל דאָ בלויז איין פאַקט געבראַנגט ווערן. מיר ווייסן, אַז ביז זומער 1943 איז נאָך אין פּוילן געווען טעטיק איינע פון די עלטסטע בונדישע טוערינס — אַ פרוי פון איבער 70 יאָר, מיט אַ נאָמען, וואָס פאַרנעמט אַ חשובן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס ווערן שיטערער די רייען. עס פאַלן אין קאַמף מיט די נאַצי־מערדער איינער נאָכן אַנדערן. אָבער די וועלכע בלייבן — טרעטן נישט אָפּ, הגם זיי מיינען, אַז אויך זיי וועט דער שרעקלעכער גורל נישט אויסמיידן.

אַ באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן, דאַטירט דעם 22סטן יוני 1943 — נאָכן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — וואָס איז ערשט די לעצטע טעג דערגאַנגען אַהער, שליסט זיך מיט פאָלגענדע ווערטער:

„מיר, וועלכע זיינען טעטיק אין אונדזער פּאַרטיי, ווייסן, אַז אַמ־וואַרשיינלעכסטן וועלן מיר שוין נישט קענען מיטאַרבעטן מיט אַנ־דערע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער שאַפונג פון די ווינקל־שטיינער פון דער נייער וועלט פון שלום און סאָציאַלער גערעכטיקייט. און דאָס טוט אונדז שטאַרק וויי. נישט געקוקט דערויף האָבן מיר דעם באַוואוסטזיין, אַז הגם דער יידישער כּלל, און מיר בתוכם, האָבן באַצאָלט דעם שטאַרקסטן צינש לטובת דער אַנטשטייאונג פון אַזאַ וועלט — וועלן מיר דאָך דערפילן אונדזער פליכט ווייטער, ביזן לעצטן אָטעם".

ביזן לעצטן מאַן, ביזן לעצטן צאַפּל!

יעקב פּאַט

# דער נס פון אויפשטאַנד

דער נס פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און שפּעטער די אויפשטאַנדן אין אַנדערע געטאָס, און נאָך שפּעטער די אויפשטאַנדן אין די טויטן־לאַגערן, האָט דורכגעבליצט דורך דעם חושך פון אונזער יידישער וועלט. מיר האָבן שוין נאָך דעם באַקומען מער אויספיר־לעכע באַריכטן. מיר האָבן שוין איצט אונטערן האַנט מער מאַטעריאַלן, וועלכע קאָנען אונז אויפקלערן, פּאַרטייטשן, באַווייזן דעם נס. דאָך וועלן מיר קאָנען גרייכן צום סאַמע תּוך פון דעם נס, דערגרונ־טעווען זיך צו זיין גראַנדיעזקייט דעמאָלט, ווען דער פּאַרהאַנג וועט זיך אויפהייבן. דערווייל מאַכן מיר נאָר פּרואוון זיך צו אים צו דער־נענטערן. בעסער פאַרשטיין דעם נס, בעסער אַריינקוקן אין אים — דאָס איז דער ציל פון אָט דעם אַרטיקל.

*

דער נס פון ווידערשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, דעמאָלט, אין די טעג פון 1939, ווען דער אומגעקומענער אַרטור זיגלבוים האָט אויף אַ פאַלקספאַרזאַמלונג אויף גזשיבאָווסקע גאַס געררופן די יידן פון וואַרשע ניט צו גיין אין געטאָ, זיך אַנטקעגנ־צושטעלן דער נאַצישער פאַראָרדענונג — „נעמען די יידן אין געטאָ אַריין קאָנען די נאַציס נאָר מיט געוואַלט!" די געטאָ־גזירה איז דע־מאָלט אָפּגעשריען געוואָרן דורך דער יידישער עקשנות. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער ווידערשטאַנד. די שפּעטערדיקע חדשים, וואָכן און טעג אין דער וואַרשעווער געטאָ קאָנען פאַררעכנט ווערן פאַר איין לאַנגן טאָג־טעגלעכן ווידערשטאַנד פון די וואַרשעווער יידן.

דער ווידערשטאַנד האָט זיך אויסגעדריקט אין דער שאַפונג פון הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר די איינוואוינער. ער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אונטערערדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געגעסטעט אין די אונטערערדישע דרוקערייען, אויף די קליינע

בלעטלעך פון די אומלעגאַלע צייטונגען, אויף די פאַרזאַמלונגען אויפן וואַרשעווער בית עולם, אין דער גרינדונג פון די פאָלקס־קיכן, אין דער אָרגאַניזאַציע פון קעגנזייטיקער הילף. —

דער גייסט פון ווידערשטאַנד האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַר־שיידענע נייע לעגאַלע און אומלעגאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן. עס זיינען געגאַנגען שליחים פון וואַרשע אין דער פוילישער פּראָווינץ צו ברענגען גרוסן, צו מוטיקן, שטיצן. דער ווי־דערשטאַנד האָט זיך אַפילו אויסגעדריקט אין אַ יידישן טעאַטער אין דער וואַרשעווער געטאָ.

עס האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וועגן אָרגאַניזירן באַוואָפנטע גרופּן, וועגן אויסאַרבעטן פּלענער פון אַ ווידערשטאַנד ביז יולי 1942 — ביז די גרויסע דעפּאָר־טאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן און וועלכע זיינען סיגנאַליזירט געוואָרן דורך דעם זעלבסטמאָרד פונעם פּאָרזיצער פון יידן־ראַט, טשערניאַקאָוו.

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף דעם צושטאַנד אין די געטאָס אין יאָר 1942, ערב די גרויסע דעפּאָרטאַציעס אין טרעבלינקע. לעצטנס זיינען אָנגעקומען עטלעכע אויסערגעוויינלעך וויכטיקע און אויספיר־לעכע באַריכטן. מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן דערציי־לונגען פון עדות, וואָס האָבן זיך אין יענע צייט געפונען אין וואַרשע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער ערשטער איינדרוק איז אַ צעשמעטערנ־דיקער. איך מיין דער איינדרוק פון דעם פיזישן און מאַטעריעלן צו־שטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג. נאָך דעם ווי איך האָב גע־לייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל די לעצטע באַריכטן און אויסגעהערט דערציילונגען פון עדות, האָב איך געבלעטערט אין אַלטן, היסטאָרישן ספר וועגן חורבן ירושלים און האָב פון דאָרטן אַרויסגעלייענט די ווערטער: „שטיי אויף און שריי אין אָנהייב פון דער נאַכט־וואַכן. גיס אויס ווי וואַסער דיין האַרץ...״ שריי! גיס אויס דאָס האַרץ. וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס היינט, ווען דער חורבן פוילן איז טויזנט מאָל שווידערלעכער און שרעקלעכער ווי דער חורבן ירושלים?

פון די חדר־יאָרן געדענק איך אָן אימהדיקן פּסוק, וואָס האָט מיך געשראָקן אין די ווינטערדיקע נעכט: „די הענט פון דערבאַרעמדיקע מוטערס האָבן געקאָכט זייערע קינדער, און זיי, די קינדער זיינען געווען די שפּייז...״ — און אָט האָב איך היינט געהערט, ווי אַזוי נאָך אין 1942

האָט דער יידן־ראָט פון וואַרשע געשיקט זיינע וועכטער אויפצונעמען 12 טויטע יידן פון אַ געטאָ־גאַס. געפונען האָט מען נאָר 9. וואו זיינען אַהינגעקומען די דריי טויטע יידן? — יע, שפּעטער זיינען יידן גע־שטאָרבן פון שרעקלעכע בויך־קראַמפּן פון די ביליקע וואורשט, וואָס מען האָט פאַרקויפט אין גאַס.

ביי מיר אויפן טיש ליגן עטלעכע פאָטאָגראַפישע בילדער פון די געטאָס, — בילדער פון גאַסן מיט טויטע, צווישן וועלכע לעבעדיקע גייען אַרום; בילדער פון בערג טויטע יידן, געשוואָלענע קינדער, צע־דרייטע משונהדיקע איברים. און דער זכרון געפינט אַנאַלאָגיעס צו דעם אין די אַלטע ספרים, אין וועלכע עס שטייט געשריבן: „פינצטער ווי אַ קויל איז זייער אויסזען. זיי זיינען ניט צו דערקענען אויפן גאַס. זייער הויט איז צוגעקלעפּט צו זייערע ביינער. איינגעדאַרט ווי האָלץ זיינען זיי געוואָרן". — טויזנטער יאָרן זיינען שוין פאַרלאָפן פון אָט די ווערטער און אָט דאָ ליגן פאַר מיר בילדער, און איך זע ווי לעבע־דיקע יידן גראָבן פאַר זיך אַליין קברים. אָט שטייט פאַר מיר אַ טאַטע מיט זיין ווילד געשוואָלענעם עופהלע. אָט שטייט פאַר מיר די משוגע געוואָרענע מאַמע מיט אירע פינף פון מענטשן און פון גאָט פאַרלאָזענע קינדער. איך פיל, אַז די אַמאָליקע פייערדיקע, פלאַמיקע פסוקים ווערן בלאַס און אויסגעלאָשן פנים אל פנים דעם שוידערלעכן אמת פון גרויל, אומקום, פּיין אין דעם יידישן געטאָ פון וואַרשע.

איך האָב לעצטנס געהערט עדות־זאָגן וועגן דעם „לעבן" פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ.

סמאָטשע גאַס פאַלט אַריין אין דער גענשע, און די גענשע פירט צו אָקאָפּאָווע. דאָרטן איז שוין געווען דער סוף פון דער וועלט. דאָרטן איז געשטאַנען אַ וואַנט פון געטאָ, אַ הילצערנע וואַנט, באַצויגן מיט שטעכיקע דראָטן. אויף יענער זייט וואַנט וואוינען די גויים. הפקר־יידן, איינשטעלער, הפקר־ווייבער האָבן איינגעבראָכן שטיקער ברעטער פון דער געטאָ־וואַנט און געלאָזט דורכקריכן זייערע קליינע קינדער אויף יענער זייט. זאָלן זיי, די קינדער, ווי די חיהלעך, ווי די מייז, אַרומ־קריכן דאָרטן צווישן די גויים, — אפשר וועלן זיי דאָרטן כאַטש וואָס קריגן — אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר בולבעס, און צוריקקומען מיט דעם דורך דער אויפגעריסענער וואַנט. אַ קינד, וואָס איז אַלט 5 יאָר אָדער 6 יאָר טראָגט נאָך ניט קיין געלע לאַטע. אַ קינד, וואָס איז אַלט 5 יאָר אָדער 6, ווייס נאָך ניט אַזוי פיל פון מורא און קאָן זיך דרייסטער אַ לאָז טאָן אויף דער גוייִשער זייט און זיך צונויפמישן מיט גוייִשע

קינדער פון אָקאָפּאָווע גאַס. אַ יידיש קינד פון 7 יאָר, פון 8 יאָר ווייס שוין פון שרעק, וועלן די גוים דערקענען זיין שרעק. זאָלן, דעריבער, בעסער זיך גנבענען אַהין די 4־יאָריקע, די 5־יאָריקע, די 6־יאָריקע. אויף יענער זייט וואַנט פלעגן די נאַציס, די וועכטער, צעשיסן די 5־יאָריקע, די 6־יאָריקע יידישע קינדער. איך הער אַן עדות־דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי די נאַציס פלעגן מיט זייערע שטיוול טרעטן אויף די באָרוועסע פיסלעך פון די יידישע קינדער. און אויף דער זייט פון געטאָ פלעגן מאַמעס וואַרטן אויף זייערע קינדער — אַ מאָל זיך יאָ דערוואַרטן, אַ מאָל זיך ניט דערוואַרטן. יאָ, עס פלעגן אויך אַנלויפן גליקן. אַ קינד האָט זיך דורכגעריסן און געקומען צוריק דורך דער וואַנט־לאָך מיט ברויט און בולבעס צו דער מאַמען.

עס איז געווען אין וואַרשע אַ גאַס, וואָס האָט געהייסן קאָזשלע גאַס. דאָרטן זאָל האָבן געווען אַן אַנדער מין געטאָ־וואַנט. אויף אַ קורצן שטח זיינען אַריינגעקלאַפּט געוואָרן קלעצער, די הייך פון אַ מענטשן. די אַלע קלעצער זיינען דורכגעצויגן געוואָרן מיט שטעכיקע דראָטן. מען האָט אָבער געקאָנט זען פון איין זייט וואַנט צו דער אַנדערער זייט וואַנט. 5 פּאַרטאַג שטייט אויף דער געטאָ, און 5 מינוט צו 5 פלעגן זיך אויף יענער זייט געטאָ־וואַנט פון קאָזשלע גאַס באַווייזן די שמוגלערס מיט פּעקלעך שפּייז און אויף דער זייט — די יידישע הענדלער, וואָס שטעלן איין זייער לעבן.

די הויפּט־געפאַר פאַר די יידישע שמוגלער איז געקומען מצד די דייטשע פּאַטרול־אויטאָס. זיי פלעגן אָנפאָרן מיט גרויס שנעלקייט. פון ביידע זייטן אויטאָ זיינען געזעסן דייטשן מיט מאַשין־ביקסן און עס איז ניט געווען קיין צייט צו אַנטלויפן. עס פלעגן קומען פון יענער זייט קאָזשלע גאַס פאַרשטעלטע דייטשן, כלומרשט צו פאַרקויפן צו די יידישע שמוגלערס שפּייז. ווען די יידן פלעגן זיך דערנענטערן, פלעגן די דייטשן, די פאַרשטעלטע שמוגלערס, עפענען אַ שיסעריי, און די יידישע שמוגלערס פלעגן באַקומען קוילן אַנשטאָט שפּייז. דאָך האָט זיך דער שמוגל ניט אָפּגעשטעלט. עס איז אַפילו דערגאַנגען דערצו, אַז מיט אַ ספּעציעלן — אויפגעבויטן בלאָק־סיסטעם פלעגט מען אַרי־בערהייבן איבער דער געטאָ־וואַנט אַ גאַנצן וואָגן מיט לעבעדיקע אָקסן. אַ געוויסע צאָל פּוילישע בעלי־עגלות פלעגן מעגן אַריינפאָרן מיט זייערע פורן אין געטאָ אַריין. פלעגן זיי אַריינפאָרן מיט צוויי פערד אַנשטאָט איינעם, און איין פערד פלעגט שוין בלבן פאַר די יידן

אין געטאָ. די בעלי־עגלות פלעגן זיך קליגן און ברענגען קראַנקע פערד. פון די פערד פלעגט שפּעטער ווערן שפּייז פאַר די יידן.

אַט דער שמוגל איז געוואָרן אַלץ שווערער, אַלץ קלענער, ביז ער האָט זיך, צום סוף, כמעט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. הונגער, און מיט אים טיפוס, מיטן טיפוס — טויט, האָט געבושעוועט אין דער וואַרשעווער געטאָ. איך האָב פאַר מיר אַ בילד פון אַ וואַרשעווער גאַס און איך זע מיט מיינע אויגן, ווי אַט ליגן פון איין זייט גאַס טויטע יידן — פרויען, מענער, און פון דער צווייטער זייט גאַס גייען נאָך זייער גאַנג לעבעדיקע יידן. איך זע אַפילו ווי עס שפּאַצירן צוזאַמען אַ יידי־שער בחור מיט אַ יידיש מיידל.

אַזוי איז געווען ביז יולי 1942. דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס.

אַ ייד, וואָס איז געזעסן אין די דאָזיקע חדשים אין וואַרשעווער פּאַוויאַק, אין טורמע, און האָט געזען דעם יידישן בראַנד דורך די פענצ־טער פון פּאַוויאַק, האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי דריי חדשים נאָכאַנאַנד, טאָג נאָך טאָג, פלעגן די נאַציס, די אוקראַיִנישע מערדער, די ליטווישע באַנדיטן און די יידישע מיליץ, טרייבן דורך דער סמאָטשע גאַס יידן צום „אומשלאַג־פּלאַץ״, צום סוף פון דער דאָזיקער גאַס, פון וואַנען מען פלעגט אָפּפירן די יידן אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנעס קיין טרעב־לינקע, צו די טויטן־קאַמערן. די יידן פלעגן געפירט ווערן צו דריי אין אַ ריי, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן. מידע פלעגט מען שיסן אויפן אָרט. אַלטע פלעגט מען שיסן אויפן אָרט. קינדער פלעגט מען שיסן אויפן אָרט. אַלע אַנדערע פלעגט מען טרייבן ווייטער. אויף דזיעלנע גאַס, קעגנאַיבער דעם פּאַוויאַק, ניט ווייט פון סמאָטשע, פלעגן וואַקסן אַ פּאָר ביימער, דאָרטן איז געווען אַ ביסל גראָז, און אין אָט די חדשים פלעגט מען דאָרטן אַנוואַרפן טויטע קינדער.

די יידן, וואָס זיינען געזעסן אין פּאַוויאַק מיט דאָקומענטן פון אויסלענדער, האָבן דורך די פענצטער געזען די יידן־קאַראַוואַנען. זיי פלעגן אויך זען, ווי שפּעטער פלעגן קומען וועגענער, אין וועלכע עס זיינען געווען געשפּאַנט יידישע קוליס אַנשטאָט פערד, וואָס פלעגן אַוועקפירן די מתים פון גאַס. פאַרטאָג פלעגן די גאַס־וועכטער וואַשן די גאַסן מיט פּאַזשאַרנע קישקעס, און אַז דער טאָג פלעגט קומען, פלעגט מען ווידער טרייבן מחנות יידן צום „אומשלאַג־פּלאַץ״.

אַזוי איז עס געווען ביז הערבסט 1942.

אין די חדשים סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער 1942, זיינען געווען אין וואַרשע ניט מער ווי 40,000 יידן אין די נאַצישע צוואַנג־שעפּער פּאַר יידן און אַרום 10,000 יידן האָבן „געלעבט" אין באַהעלטענישן. 400,000 וואַרשעווער יידן זיינען שוין געווען טויט. יעדער ייד פון די לעבן געבליבענע 50,000 האָט געטראָגן אין זיך די מיתה משונה פון 400,000. אין די נאַצישע צוואַנג־שעפּער האָט מען די נאָך לעבן־געבליבענע יידן געשלאָגן, געקאַטעוועט, און דער הרג וחנק איז געקומען צו זיי יעדן טאָג און יעדע נאַכט. עס זיינען מער ניט געווען קיין זקנים און כמעט ניט געווען קיין קינדער. די זיידעס און די אייניקלעך זיינען אַוועק צוזאַמען...

אַ גאַנצן טאָג זיינען געווען די גאַסן פּוסט און נאָר פּאַרנאַכט פלעגן זיך אויף אַ קורצע צייט באַווייזן יידישע שאָטנס און באַלד נעלם ווערן. די סמאָטשע גאַס איז געווען אַ ליידיקע און שטילע. די גענשע גאַס איז געווען אַ ליידיקע און שטילע. אַזוי די דזיעלנע, די נאָוואָליפּקי, די קאַר־מעליצקע. די שטיינער פון די גאַסן און די ווענט זיינען געווען פאַר־חלשטע פון די יסורים, וואָס האָבן זיך געגאָסן איבער זיי אין די פאַרלאָ־פענע דריי חדשים — יוני, יולי און אויגוסט — פון דעם זעלבן יאָר.

איך קען די סמאָטשע גאַס! 20 יאָר פון מיין לעבן האָב איך גע־לעבט אויף דער גאַס און אַרום איר. פון איין זייט סמאָטשע, אויף נאָוואָליפּקי 68, איז געווען די מעדעם־שול. דאָרטן בין איך געווען אַ לערער. אויף דער צווייטער זייט גאַס איז געווען די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע. איך בין דאָרטן ביי אַ טיש געזעסן. אַ ביסל ווייטער אויף סמאָטשע, ביי דער דזיעלנע, איז געווען דער פּאַוויאַק, די טורמע, וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין רעוואָלוציעס. אַ ביסל טיפער אין דער פּאַוויע גאַס — דאָרטן איז געווען מיין היים — דאָרטן האָבן זיך געהאָ־דעוועט מיינע קינדער, דאָרטן איז אויך געווען דאָס שטיבל פון די בראַצלאַווער חסידים. נידעריקער אַראָפּ דער סמאָטשע איז געווען אַ יידישער טעאַטער. לינקס פון סמאָטשע איז געווען דער גרויסער אָרע־מער יידישער מאַרק מיט זיינע טומלדיקע ערבֿ־שבתים און גרויסע יום־טובים. דאָ, אויפן סמאָטשער ברוק, צווישן גענשע און סמאָטשע, איז אין די פאַרנאַכטן געווען שוואַרץ פון מענטשן, פון גרויסע און פון קינדער. דאָ איז געווען די בערזע פון די טרעגערס, פון די דראָזשקאַזשעס, פון די שוסטערס און בעקערס. טיפער אַראָפּ צו איז געווען די מילע גאַס. דאָרטן זיינען געווען תּלמוד־תּורות און יידישע פאָלקס־שולן. איך זע

דעם גרויסן הויף פון די מעטאַל־אַרבעטער און זייער קאָאָפּעראַטיווע פאַבריק. דאָ, אויף דעם הויף, האָב איך אין מיטן פון אַ ווינטערדיקן שבתדיקן טאָג געזען ווי מען טרייבט 5 טויזנט סמאָטשער יידן וועגן אַ טאָג, וואָס וועט קומען מיט מענטשלעכקייט, מיט יושר, מיט פרייהייט.

סמאָטשע גאַס! איבער איר האָבן זיך געצויגן די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פענער. דאָ האָבן די דרוקער געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" מיט זייער אָרקעסטער. דאָ האָבן די קינדער געזונגען „מיר זיינען יונג און דאָס איז שיין". דאָ האָבן די ספּאָרטלער געטראָגן זייערע שטורעם־פענער.

און פון אַלע הויפן פון סמאָטשע גאַס פלעגן אַרויסקומען די איינוואוינער, אַ פּאָר הונדערט יידן פון יעדן הויף. הערצער האָבן געקלאַפּט, אויגן האָבן געלויכטן. דאָס האָבן טאַטעס און מאַמעס באַגריסט זייערע זין און טעכטער פון דעם מאַי־צוג.

אין די חדשים יוני, יולי און אויגוסט האָבן זיך געצויגן דורך דער סמאָטשע גאַס די יידישע טויט־קאַראַוואַנען און אין די פאַרטאָגן פלעגט מען וואַשן די גאַס פון יידישן בלוט. אין די חדשים סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער איז די סמאָטשע גאַס געלעגן אַ פאַרחלשטע פון יסורים, און אין שטילקייט האָבן אירע שטיינער געוויינט. אין אָט דער שטילקייט האָבן ברידער און שוועסטער מיינע, דיינע און אונזערע אָנגעהויבן גרייטן דעם נס פון אויפשטאַנד.

*

אין דער צייט פון די טויט־מאַרשן איבער דער סמאָטשע גאַס, ווען מען האָט דעפּאָרטירט פון וואַרשע הונדערטער טויזנטער יידן קיין טרעבלינקע, זיינען דערגאַנגען צו אונז דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן ענין „ווידערשטאַנד". איין מאָל האָבן מיר וועגן דעם געהערט אין אַ באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" און אַ צווייטן מאָל — אין אַן עדות־דערקלערונג פון אַ פּאָליאַק, וואָס איז געקומען פון פוילן.

די באַריכטשרייבער פון אונטערערדישן „בונד" האָבן דערציילט, אַז די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט געפּרואווט דעם עולם באַוועגן צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אָבער צוויי סיבות האָבן דאָס אין יענער צייט אוממעגלעך געמאַכט. איין סיבה איז געווען — געווער. מען האָט געקאָנט באַקומען געווער נאָר פון דער אונטערערדישער פּוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. זי האָט קיין געווער ניט אַרויסגעגעבן, האַלטנדיק, אַז דער ווידערשטאַנד וועט זיין אַ דורכפאַל

און וועט פאַראורזאַכן אַן אויסמאָרדונג פון אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, און עס וועט פאַר דער צייט אויפדעקן פאַר די נאַציס דעם פאַקט פון געווער־זאַפאַסן. אַרטור זיגעלבוים האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. ער האָט די פראַגע ערוועקט אויף אַ געשלאָסענער זיצונג פון פוילישן גלות־פאַרלאַמענט אין לאָנדאָן און האָט סוף כל סוף געוואונען דעם הסכם פאַר אַרויסגעבן געווער צו די יידן אין געטאָ.

די צווייטע סיבה איז געווען די ניט־איינשטימיקייט פון אַ טייל פון די יידישע גרופן פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד. עס האָט געהערשט אין געטאָ קעגנזייטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איין גרופע, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, האָט ניט געקאָנט נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר אַן אויפשטאַנד. די גרופע האָט געוואוסט, אַז פאַר דעם וועלן באַצאָלן מיט זייערע קעפּ אַלע אַנדערע יידן. עס קאָן זיין, אַז עס האָבן נאָך גע־טליעט האָפענונגען אין אַנדערע גרופן, אַז אפשר וועלן דאָך די נאַציס ניט אַלעמען פאַרניכטן, אפשר וועט דער זיג פון די פאַראייניקטע פעלקער קומען פריער איידער די נאַציס וועלן אויסמאָרדן די יידן. ניט האָבנדיק קיין הסכם, האָט געמוזט דער געדאַנק וועגן אַן אויפ־שטאַנד אָפּגעלייגט ווערן.

ווי געזאָגט האָבן מיר אויך אין אַ צווייטן דאָקומענט געהערט אַן אָפּקלאַנג פון ווידערשטאַנד. דאָרטן איז דערציילט געוואָרן, אַז צווישן די פּאָליאַקן פאַרשטייט מען ניט, פאַרוואָס די יידן לאָזן זיך פירן צום טויט אָן ווידערשטאַנד, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי פאַסיוו אויף די וועגן קיין טרעבלינקע, בעלזשיץ א. א. וו. ווען אַלע פאַקטן וועלן באַקאַנט ווערן, וועט דאַרפן געמאַכט ווערן אַ חשבון פון דער פוילישער געזעל־שאַפט ווי אַזוי זי האָט זיך באַצויגן צום יידישן פיין אין די געטאָס, ווי אַזוי עס האָבן רעאַגירט די מיליאָנען פּאָליאַקן אין די שטעט פון פוילן, וועלכע האָבן געפירט אונטער היטלערס אָקופּאַציע אַ מער אָדער ווייניקער „נאָרמאַלן" לעבן, אין דער צייט, ווען די שחיטות אין די געטאָס זיינען פאָרגעקומען. צום ווייניקסטן האָט מען געהאַט רעכט אין דער פוילישער געזעלשאַפט צו מאַכן פאַרוואורפן די יידן, פאַרוואָס זיי זיינען פאַסיווע קרבנות.

ווי מיר זעען, איז דער געדאַנק און דער פּלאַן וועגן אַן אויפ־שטאַנד רייף געוואָרן נאָך אין הערבסט 1942.

צווישן 40 און 50 טויזנט יידן זיינען דעמאָלט געווען אין וואַרשע. דער קערן פון דער לעבן־געבליבענער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַן אַקטיווער און יונגער, אַ באַוואוסטזיניקער. עס איז שווער

זיך אַפילו פאָרצושטעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די הערצער און מוחות פון די לעבן־געבליבענע יידן, וואָס זיי האָבן געפילט און גע־טראַכט, ווען זיי האָבן געקוקט אויף די ליידיקע וואַרשעווער גאַסן, ווען זיי האָבן געוואוסט דעם גורל פון זייערע נאָענטסטע, פון טאַטע־מאַמע, קינדער, ברידער, חברים. דער אַקטיוו פון די לעבן־געבלי־בענע יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ האָט געשאַפן דעם נס פון דעם אויפשטאַנד.

עס איז איצט שוין באַקאַנט, אַז דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישן די יידן און די נאַציס אין וואַרשעווער געטאָ איז פאָרגעקומען פון 18טן ביזן 23סטן יאַנואַר 1943. עס איז געווען אַ באַוואָפנטער קאַמף צווישן דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע און „ס. ס.״־לייט פון איין זייט און דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון דער אַנדערער זייט. הייסט עס, אַז אין יאַנואַר 1943 האָט שוין ניט נאָר עקסיסטירט אַ יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, זי איז שוין געהייליקט געוואָרן אין פייער.

ווער איז געווען די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע? — מיר האָבן וועגן דעם אַ גרינדלעכע דערקלערונג סיי אין באַריכט פון אונטער־ערדישן „בונד״ און סיי אין באַריכט פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם קאָ־אָרדיניר־קאָמיטעט, וואָס האָט עקזיסטירט, צוזאַמענגעשטעלט פון אַל־געמיינעם יידישן אַרבעטער־„בונד״ און פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמי־טעט. הייסט עס, אַז די וויכטיקסטע יידישע גרופּן אין געטאָ, די שפּיצן פון די גרופּן, זיינען געקומען צו אַ הסכם סיי וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, סיי וועגן זיין אָרגאַניזאַציע און זיין אָנפירונג. אין באַ־ריכט ווערט געזאָגט, אַז די מערהייט אין דער קאַמף אָרגאַניזאַציע זיינען געווען אָן אַרבעטער־עלעמענט און יוגנט. דער ייִנגסטער איז אַלט געווען 13 יאָר און דער עלטסטער — 40 יאָר. די בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין די געטאָס, האָט פאַראייניקט. אין באַריכט פון אונטערערדישן „בונד״ ווערט געזאָגט: „אַלע באַטייליקטע אין ווידער־שטאַנד זיינען געווען אידעאישע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. עס איז געווען אַ מוסטערהאַפטע קאַמף־ברודערשאַפט פון די בונדיסטן, חלוצים, שומרים און אַנדערע״. דער דאָזיקער זאַץ רעדט אַזוי קלאָר און אַזוי בולט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון ווידערשטאַנד, וועגן איר כאַראַקטער און צוזאַמענשטעל, און וועגן דער שטימונג פון די מענטשן,

אַז מען דאַרף צו דעם גאָרניט צוגעבן — מענטשן אידעאַישע, מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אין אַ ברודערשאַפט אין קאַמף.

מיר קערן זיך אום נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל צו דער פראַגע וועגן דעם סטימול, וועגן דעם באַוועגנדיקן כּוח פאַר דעם ווידערשטאַנד. לכתּחילה האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער ווידערשטאַנד איז געבוירן געוואָרן אין שויס פון פאַרצווייפלונג — סיי ווי וועלן די נאַציס אויסמאָרדן, אויסטיליקן, זאָל מען שוין בעסער שטאַרבן מיט געווער אין האַנט איידער דערשטיקט צו ווערן אין אַ טויטן־קאַמער. געוויס איז דאָס אויך געווען אַ סיבה, אָבער ניט די הויפּט־סיבה. מיר קאָנען דאָס איצט זאָגן מיט אַ געפיל פון געוואַלטיקן דרך ארץ פאַר די העלדן פון די געטאָס, מיט אַ געפיל פון גרענעצלאָזן יראת הכּבוד. דאָס ווערט קלאָר געמאַכט אין דעם לעצטן אונטערערדישן באַריכט פון „בונד״. דאָרטן ווערט געזאָגט אַזוי: „מען וואָלט באַגאַנגען אַ שווערע עוולה און געמאַכט אַ פעלער, ווען מען וואָלט אָפּגעשאַצט, אַז דער העראָאיזם און אַנטשלאָסנקייט זיינען געווען אַ פּועל יוצא פון פאַרצווייפלונג. ניט איינער פון די קעמפנדיקע האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצובאַקומען פון געטאָ און אַוועקצוגיין פון קאַמף. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן, ווייל ער איז געטריבן געוואָרן פון אַ שטאַרקן ווילן צו דערפילן די אויפגאַבע, וואָס פליסט אַרויס פון דער עטישער הויכקייט פון נקמה נעמען אָן דעם שונא, פון קאַמף פאַר כּבוד, קאַמף מיטן פאַשיזם, דעם שונא פון דער מענטשהייט, דעם שונא פון אייגענעם פאָלק״.

יעדעס וואָרט אין די אויבן ציטירטע זאַצן איז אָנגעלאָדן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דערהויבנקייט. אין יענעם מאָמענט האָבן די מענטשן דאָרטן געטראַכט וועגן עטישער הויכקייט, וועגן קאַמף פאַר כּבוד; זיי האָבן געטראַכט וועגן דער מענטשהייט און דעם אייגענעם פאָלק. עס קאָן אַפילו אויסקומען מאָדנע — ווי קומט די מחשבה וועגן דער מענטשהייט אויף די מיט בלוט פאַרגאָסענע גאַסן פון די געטאָס? ווי קומט דער געפיל פון קאַמף פאַר כּבוד אין די פייניקונגס־קאַמערן פון היטלערן? ווי אַזוי קאָן מען טראַכטן וועגן אַחריות פאַרן אייגענעם פאָלק, ווען דאָס פאָלק אין געטאָ ווערט אויסגעשאָכטן און דאָס פאָלק אויף יענער זייט ים שווייגט, לאָזט פון זיך ניט הערן? — און דאָך זיינען די ברידער אונזערע אין די געטאָס געווען אַזוי פול מיט אַחריות, אַזוי דערהויבן צו די סאַמע שפּיצן פון היסטאָרישער הויכקייט, אַז זיי האָבן זיך ניט פאַרלוירן אין ים פון בלוט.

אין דער פינצטער פון דעם וואַרשעווער נאַצישן גיהינום איז אַריין געקומען די ליכט פון גלויבן אין מענטשהייט, אַחריות פאַרן אייגענעם פאָלק, באַוואוסטזיין פאַר מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד.

*

און איצט דער חודש ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. איך לייען און לייען ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די אונטערערדישע באַריכטן, קורץ געפאַסטע, אָנגעזאָפּטע מיט אַזוי פיל טראַגיק און העראָאיק, מיט געוואַלטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און איך וויל זיך אויף וויפל עס איז מעגלעך פון דער ווייטנס, אָפּגערוקט דורך צייט און רוים, אַריינלעבן אין דעם חודש אויפשטאַנד, אין דעם גרעסטן חודש און וואונדערלעכסטן חודש פון אונזער געשיכטע. עס איז אָבער שווער, כמעט אוממעגלעך דאָס צו דערגרייכן. די באַריכט־שרייבער זאָגן, אַז דער חודש פון אויפשטאַנד, דער קאַמף פון „געטאָ־גראַד" אָדער „יידן־גראַד" מיטן מעכטיקן דייטשן רייך, וואַקסט אַריבער אַלע פאַרגלייכונגען אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק און פון אַנדערע פעלקער. מיר ווייסן שוין איצט, אַז די מלחמה אין געטאָ האָט געהאַט פאַרשיידענע עטאַפּן און אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען. די קריג־פירער האָבן אָנגעווענדעט פאַרשיידענע מעטאָדן. עס זיינען געווען טעג און נעכט פון אָנגריף און טעג און נעכט פון פאַרטיידיקונג. עס זיינען געווען אויך פאַרטיזאַנישע גרופּן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוקן פון שונא. די קאַמף־גרופּע איז לכתחילה באַשטאַנען פון 3,000. דאָס איז געווען דער אַוואַנגאַרד, אָבער ווער ווייס וויפל עס האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אָן דעם אַוואַנגאַרד. ווער ווייס וויפל הונדערטער אָדער טויזנטער האָבן געוואָרפן זייערע לעבנס, זייערע הערצער און נשמות אויף די באַריקאַדן אין די געטאָס, אין די קאַמף־היילן, אין די טרענטשעס? מיר האָבן געהערט, אַז ערגעץ אין באַהעלטענישן פון פּוילן זיצן געציילטע היסטאָריקער און פאָרשער, און זאַמלען צונויף די פאַקטן פון ווידערשטאַנד. לאָמיר איצט ניט פּרובירן זיי טרעפן, ווייל וואָס מיר וועלן ניט זאָגן און שרייבן, מוז אַלץ שוואַך זיין אין פאַר־גלייך מיט דעם וואונדערלעכן נס, וואָס עס האָבן אויסגעצויבערט אונזערע ברידער אין די געטאָס.

איך וועל זיך דערלויבן איין זאַץ אַרויסצונעמען פון לעצטן באַ־ריכט. דאָרטן ווערט דערציילט: „די אומפאַרגעסלעכע אויפטרייסלענדע בילדער פון געטאָ, וואָס איז געווען אַרומגענומען פון אַ געוואַלדיקן פייער

פון שרפות און איינגעהילט אין וואָלקנס רויך, דאָס קלאַפּן פון מאַשין־ביקסן און האַרמאַטן־שאָסן, דאָס רודערן פון דער שווערער אַרטי־לעריע, אויפרייסנדיקע מינעס, דאָס איינפאַלן פון הייזער; און דאַן די מענטשן אונדזערע, וואָס האָבן געלעבט אין די דאָזיקע באַדינגונגען — דאָס זיינען זאַכן, וואָס קיין שום מייסטער פון פעדער אָדער פענזל קאָן ניט אַרויסברענגען; דאָס זיינען זאַכן, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר אונזערע אויגן. עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די דאָזיקע טראַגישע און דאָך אַזעלכע גרויסע און דערהויבענע טעג".

פון די איינצלהייטן, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען פון יענע טעג, וועל איך דערמאָנען נאָר אייניקע. ווי געוואַלדיק גרויס, ביז אוממעג־לעך צו פאַרשטיין, זיינען די פאַקטן פון יידישע העלדן, וואָס האָבן זיך איינגעהאַלטן מיט געווער אין די קאַטאַקאָמבעס פון די געטאָ־רואינען. וואָכן זיינען אַריבער נאָכן אויפשטאַנד און זיי האָבן זיך נאָך אַלץ גע־האַלטן אין די באַהעלטענישן. די לעצטע קויל האָבן זיי באַהאַלטן פאַר דער לעצטער באַגעגעניש מיטן שונא. די ברידער אונזערע, האַלב־נאַקעטע, פאַרהונגערטע, איבערגעלאָזענע אַליין אין דער איינזאַמקייט, האָבן איינגעהאַלטן אין זיך דעם נס פון גבורה, ניט אונטערגעבן זיך, געוואַרט אויף דער לעצטער באַגעגעניש מיטן שונא; און ווען די באַ־געגעניש איז געקומען, ווען אונטער דער ערד, אין אַ קאַטאַקאָמבע, האָט זיך באַגעגנט אַ ייד מיט אַ נאַצי, איז די באַגעגעניש פאַרענדיקט געוואָרן ביי דעם אָפּהילך פון לעצטן קויל. — זאָג, צי דו זעסט, זעסטו אָט דעם העלד אין דער הייל פון דער געטאָ?

איך קאָן ניט פאַרגעסן וועגן אַ יונגן בונדיסט, פרידריך, וואָס אין מיטן די פלאַמען פון אויפשטאַנד, האָט ער זיך געגנבעט אונטער דער ערד, אַריבערגעקומען אויף יענער זייט געטאָ, כדי צו ברענגען אַ שטאַ־פּעט פון די קעמפער צו דעם אונטערערדישן צענטער אויסער דער געטאָ, צו באַקומען אַ נייעם שטאַפּעט און אים טראָגן צוריק אין געטאָ אַריין, און אויף צוריקוועגס איז ער געפאַלן פון אַ נאַצישער קויל. איך קען דעם יונגן חבר, איך האָב אים נאָך געקענט ווען ער איז געווען אַ קינד, ווען ער איז אַ יוגנטלעכער צוקונפטיסט געווען. איך זע זיין בלאָנדן קאָפּ און בלויע אויגן. איך זע אים אין די יוגנט־קעמפן, און זע אים אין די יוגנט־דעמאָנסטראַציעס אין די וואַרשעווער גאַסן. און זע אים פון דער ווייטנס אַלס דעם ווירדיקן שטאַפּעט־טראָגער פון די געטאָ־קעמפער.

אין לעצטן באַריכט ווערט דערציילט, אַז סוף יוני איז געקומען אויף יענער זייט געטאָ אַ יונגער שליח, כּמעט אַ קינד, און געבראַכט אַ געשריבענעם בריוול פון די קאַטאַקאַמבעס, וועלכער איז אַרויס פון דאָרטן אין מיטן יוני פון 1943. לאָמיר איבערחזרן: דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19טן אַפּריל, און סוף יוני דערגייט אַ שטאָפּעט־טראָגער פון אונטער דער ערד מיט אַ שטאַפעט, וועלכער דערציילט, אַז נאָך אַלץ וואַכן קעמפער אין די קאַטאַקאַמבעס.

*

אמת, מיט זיין גראַנדיעזקייט פאַרנעמט דער וואַרשעווער אויפשטאַנד דעם ערשטן אָרט, אָבער די וואַרשעווער געטאָ איז געווען ניט אַליין. אויפשטאַנדן זיינען פאָרגעקומען, ווי מיר ווייסן שוין איצט, אין נאָך און נאָך געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פּייניקונגס־פּלעצער. יעדער אויפשטאַנד לייכט וואונדערלעך אין דעם חושך פון אונזערע נעכט. די געשיכטע פון יעדן אויפשטאַנד, ווען זי וועט געשריבן ווערן, אויב זי וועט געשריבן ווערן, וועט זיין אַן עפּאָפּיע. איך וועל דאָ הייַנט דערמאָנען נאָר צוויי אויפשטאַנדן.

איינער איז דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק. איך קען די שטאָט, זי איז מיין היים־שטאָט. עס שטייען פאַר מיר איצט לעבעדיק, ניט הונדערטער, נאָר איך מעג זאָגן טויזנטער פּנימער פון מיין שטאָט ביאַליסטאָק. איך זע די וועבערס, איך זע די טרעגערס, איך זע די ברידער און שוועסטער מיינע, איך זע מיין היים, מיינע נאָענטסטע און ליבלעכע. איך זע די גאַסן פון ביאַליסטאָק. דער אויפשטאַנד איז געווען אין דער געדיכטעניש פון דער יידישער געטאָ — אויף די פּיאַסקעס, אויף כאַנאַיקעס, אויף סוראַזשער גאַס. דאָרטן האָט פאַר דער מלחמה געלעבט די אַרבעטערשאַפט און די אָרעמקייט. דאָרטן האָט מען געבויט אָרגאַניזאַציעס, יידישע שולן, ביבליאָטעקן.

די ביאַליסטאָקער זיינען אַרויס אין קאַמף אייניקע חדשים שפּעטער ווי די וואַרשעווער. אַ חודש האָט געדויערט דער קאַמף. טויזנטער זיינען געפאַלן און טויזנטער האָבן די נאַציס פאַרטריבן אין דעם טויטן־לאַגער טראַווניקי. הונדערטער זיינען אַנטלאָפן אין די בעלאָוועזשער וועלדער. איך קען די וועלדער פון מיין געגנט, די וועגן און שטעגן, וואָס האָבן זיך אָוועקגעצויגן קיין פּאָלעסיע, קיין ווייסרוסלאַנד, קיין פּוילן. אויף די וועגן זיינען געגאַנגען די פּאַרטיזאַנען אונזערע, די וואַלד־ברידער אונזערע, די העלדן פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

און אַ צווייטער אויפשטאַנד — דאָס איז דער וואונדערלעכסטער פון אַלע אויפשטאַנדן — דער אויפשטאַנד אין טויטן־לאַגער טרעב־לינקע. די געפירטע צום טויט האָבן אויפגעהויבן אַ בונט. זיי האָבן אונטערגעצונדן די טויט־קאַמערן, זיי האָבן צעבראָכן די ווענט, די פאַרצוימונגען. זיי האָבן זיך נוקם געווען אָן די נאַצישע וועכטער און פייניקער. און די ברידער אונזערע, וואָס זיינען לעבן געבליבן, האָבן זיך געלאָזט אויף הפקר אין די וועלדער.

שרייבנדיק אָט די ווערטער, וואָלט איך געוואָלט גרייכן דעם געפיל־צושטאַנד, וואָס זאָל מאַכן מיטגיין מיין האַרץ מיט די ברידער און שוועסטער אונזערע אויף די וועגן אין די וועלדער פון טרעב־לינקע.

*

נייך, מיר זיינען זיי ניט ווערט. אין איינעם פון די לעצטע באַריכטן זיינען דאָ אייניקע זייער ביטערע שורות. דאָרטן ווערט געזאָגט, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט קאָן ניט שווייגן. עס וועט ניט אויפהערן רופן צו נקמה אָן די מערדער, אָבער דאָס זעלבע בלוט קאָן ניט פאַרגעסן אויך די, וואָס האָבן געשוויגן און זיינען געווען גלייכגילטיק. דאָס זיינען די ביטערסטע ווערטער, וועלכע מיר האָבן נאָר געקאָנט הערן. אין אַ גרויסער מאָס האָבן מיר דאָך פאַרדינט אָט די ביטערע ווערטער. דעם חשבון וועט מען נאָך דאַרפן אַ מאָל מאַכן. לאָמיר אים דערווייל לאָזן שטיין. לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו דעם נס אין די געטאָס.

מיר באַמיען זיך דעם נס אויפצופאַסן, אין אַרומנעמען, אַריינ־דרינגען אין אים. ער איז אָבער אַזוי גרויס, אַזוי הויך און וויכטיק, אַז מיר קענען בלויז אים באַרירן, מיר קאָנען נאָר זען פרטים פון אים. מיר זיינען אָבער ניט בכוח אַרומצונעמען אים אין גאַנצן. איינס ווייסן מיר זיכער — די העלדן אין די געטאָס זיינען געווען ניט נאָר גרויסע און ווירדיקע יורשים פון דורות און תקופות, נאָר זיי זיינען געווען אויך די אָנהייבער פון אַ נייער גבורה.

# יידישע באַלאַדע

## פון א. לעיעלעס

זיי זיינען געווען דריי פאַרגעסענע שמידן,
דריי ערלעכע, פשוטע, אָרעמע יידן.

האָט איינער געהאַט שוין אַ גרוילעכן קאָפּ,
און ס׳איז אים געהאַנגען פון שטערן אַראָפּ
אַ קוטשמע פאַרעקשנט און האַרטלעך און האַרב,
ווי ס׳אייזן אין קוזשניע — די זעלביקע פאַרב.

דער צווייטער מיט ברוינע געקרייזלטע האָר,
און אויגן ווי אָזערעס — שטאָליק און קלאָר,
מיט אָרעמס, מיט שטאַרקע, אין שטאָט גוט באַקאַנט —
אָט פונקט ווי זיין האַמער אין האָריקער האַנט.

דער דריטער אַ ליכטיקער, האַרציקער יונג,
אַ גרינגער צום זינגען, אַ פלינקער צום שפרונג.
מיט אימפעט געגליט האָט זיין גרייטער פאַרלאַנג,
אַזוי ווי עס גליט אויף קאָוואַדלע דער שטאַנג.

זיי זיינען געווען דריי פאַרגעסענע שמידן,
דריי ערלעכע, פשוטע, אָרעמע יידן.

איצט זיינען זיי חיות אין פיינטלעכער שטייג,
די הערצער ווי ים־רויש, די ליפּן אין שווייג.
און ס׳פלאַנט אַלץ דער עלטסטער, דער מיטלסטער קלערט,
דער יינגסטער — נקמה, נקמה באַגערט.

דער עלטסטער באַשליסט: איך שנייד ס׳האַרץ מיר אַרויס,
איך וואַרף עס דעם שלעכטס פאַר אַ קרבן אין שויס —
דער גאָט אין דעם הימל, דער טייוול אין שאול,
מוז זען און באַצאָלן פאַר רשעות און גרויל.

אַזוי זאָגט דער עלטסטער, און זאָגנדיק — טויט.
ער שניידט אויס זיין האַרץ און עס יאָמערט זיין בלוט.
עס יאָמערט זיין האַרץ און עס פלאַקערט ווי קויל,
נאָר שטיל בלייבט אי גאָט, אי דער טייוול אין שאול.

זיי זיינען געווען דריי פאַרגעסענע שמידן,
דריי ערלעכע, פשוטע, אָרעמע יידן.

דער מיטלסטער זאָגט: ס׳איז אַ מענטש נאָך פאַראַן,
כ׳וועל גיין צום בן־אָדם, צו פרוי און צו מאַן,
כ׳וועל וועקן די מענטשן פון גלייכגילט און פאַרכט,
כ׳וועל שטרעקן די אָרעמס: פאַרנעמט מיך און האָרכט!

נאָר איידער ער האָט זיך געגעבן אַ ריר,
האָט האַרצלאָז פאַרשלאָסן זיך איטלעכע טיר.
אַ מענטש האָט געקוקט מיט אומהיימלעכן שפּאָט,
ווען ער האָט גערעדט פון אַ מענטשיש געבאָט.

אַ קינד האָט צעשמייכלט זיך, שפּילעוודיק, העל,
ווען ער איז דערקראָכן צו איינער אַ שוועל,
צו לעצטער שוין שוועל, פון אַ מענטשן געבויט,
און דאָרטן געפאַלן פאַרפייניקט און טויט.

זיי זיינען געווען דריי פאַרגעסענע שמידן,
דריי ערלעכע, פשוטע, אָרעמע יידן.

דער יינגסטער, אין יונגשאַפט פאַררי‍סן, פאַרשייט,
האָט טונקל געשוויגן, די ליפּן געקייט.
ער האָט זיך דערמאָנט אין די גויאישע פריינט,
און האָט בלויז די שונאים נאָך שטאַרקער געפיינט.

ער האָט זיך אין שונאס מלבושים פֿאַרקליידט,
אַריין אין זיין שטוב, אי אַנטשלאָסן, אי גרייט.
מיט שטאַנג און מיט האַמער אָן איבערקלייב, שנעל,
געטייט דאָרטן איטלעכע פֿיינטלעכע זעל.

דערנאָך האָט ער ווילד און משוגע געלאַכט,
גערופֿן די וועכטער, און זיך אומגעבראַכט.
אויף גויאישע גופֿים, נאָך ביטערן רוף
גערוט האָט משוגע דער יידישער גוף.

אַזוי איז געוואָרן פֿאַרענדיקט און אויס
פֿון אַלע דאָס לעבן אין יידישן הויז.
דריי שמידן, דריי יידן, פֿאַרלאָזטע פֿון גאָט
פֿאַרלאָזטע פֿון לייט און פֿאַריאָגטע אין שפּאָט.

זיי זיינען געווען דריי פֿאַרגעסענע שמידן,
דריי ערלעכע, פּשוטע, אָרעמע יידן.

ת. ש. קאַזדאַן

# די יוגנט־דיוויזיע ביי „געטאָגראַד״

אין די לעצטע באַריכטן פון וואַרשע וועגן דעם פאַרלויף פון אויפשטאַנד און וועגן די געפאַלענע העלדן אין די שלאַכטן מיטן נאַ־צישן שונא — האָבן חברים אָנגעציילט 19 געפאַלענע יוגנטלעכע, וואָס האָבן גראַדואירט די יידיש־וועלטלעכע שול פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. 19 אין איין טיילוייזער רשימה! ווי גרויס מוז זיין ווי באַלד אַזוי זייער צאָל צווישן די טויזנטער געפאַלענע, דערוייל אומבאַקאַנטע העלדן!

עס שוועבן פאַר די אויגן די געשטאַלטן פון די 19:

ניינצען קינדער פון יידישע אַרבעטער־היימען. קינדער וואָס האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אין לעבן, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן זייער פערזענלעכער צוקונפט און גליק, און אויך וועגן דער ליכ־טיקער צוקונפט פון דער וועלט.

פאַר מיר און פאַר אַ סך פון אונזערע היגע חברים זיינען דאָס ניינצן קינדער פון דער גרויסער משפחה אַביטוריענטן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. ניינצן פון די טויזנטער, וואָס האָבן פאַרענדיקט אונ־זער שול. וואַרשעווער קינדער, וועלכע מיר האָבן געקענט זייער גוט, קינדער וועלכע מיר האָבן געטראָפן אויף טריט און שריט, קינדער וועלכע האָבן אויסגעבילדעט אויף די וואַרשעווער גאַסן אַ באַזונדערן טיפּ.

עס קלינגען נאָך אין אונזערע אויערן זייערע פריילעכע און מוטי־קע געזאַנגען, זייער לעבעדיקער יידיש מיט די פאָלקסטימלעכע וויצן און ווערטלעך, זייערע אַליין — געשאַפענע לידלעך, זייערע לעבעדיקע ציימונגען.

אין שול אויף די פּויזעס, אויף די זומער־קאָלאָניעס און אויף נאָענטע און ווייטע אויספלוגן, ביי שול־און־אַרבעטער־יום־טובים, אין דער מעדעס־סאַנאַטאָריע און אויף ווינטער־לאַגערן, ביי ערשטע־מאַיצוגן, — אומעטום האָבן זייערע שטימען הילכיק געקלונגען, אומעטום האָבן זייערע אוניפאָרמירטע בלויע העמדלעך מיט די רויטע קראַוואַטן אַרויסגעשיינט, זייערע אויגן געשטראַלט, זייערע פּנימער געשמייכלט...

און איז געקומען אַן אויסשטעלונג פון דער צישאָ, זיינען זיי, די קינדער, געווען די, וועלכע האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג און אַנטציקונג ביי צענדליקער טויזנטער באַזוכער: פון די ווענט פון דער אויסשטעלונג האָבן גערעדט הונדערטער קינדערשע אַרבעטן און צייכענונגען, מיט די קליגסטע איינפאַלן, מיט טאַלענט און אויסערגעוויינלעכער איניציאַטיוו, מיט טעמפּעראַמענט און פאַרמעסט. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל געוואַגטקייט און פרייקייט, אַזוי פיל קולטור, שפּיל פון פאַרבן, געשיקטקייט צו אָט די קינדער פון געטאָ פון סמאָטשע און סטאַווקעס? דאָס זיינען געווען קינדער פון אַ לעבעדיקן, שאַפנדיקן פאָלק, מיט פעטע זאַפטן אין זיינע אָדערן, מיט טיפע וואָרצלען אין דער פּוילישער ערד.

און עס פלעגט פאַסירן אַ פּאָר מאָל אין יאָר, אין פאַרטאָג, ווען איר האָט נאָך געדרימלט אין אייער בעט און פאַרענדיקט דעם נאַכטיקן שלאָף, האָט אייך מיט אַמאָל אויפגעוועקט אַ טראַסקיקער שאַלן פון אַ האָרן, וועלכער האָט אויפגעשפּילט אַ ניגון פון מוט און קאַמף און ער האָט אייך גערופן: „גייט שטימען, גייט אָפּגעבן באַצייטנס אייער שטים פאַרן צעטל פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי פון „בונד”! אַן אַנדערס מאָל ווידער האָט אייך אויפגעוועקט אַ צאַרטע קינדערשע שטים: „קויפט אַ פרישע פאָלקס־צייטונג! אַ נייע פאָלקס־צייטונג!” דאָס זיינען געווען זייערע שטימען. די קינדער פון פאָלק האָבן געוועקט און גערופן די דערוואַקסענע צו טאָן זייער חוב לגבי דער אַרבעטער־צייטונג, לגבי דער אַרבעטער־זאַך. און איר זיינט צוגעלאָפן צום פענסטער און געקוקט מיט ליבע אָט אויף די ענערגישע און רירעוודיקע פאָלקס־קינדער, און איר האָט זיך איינגעהערט אין זייערע קלינגנדיקע הילכיקע שטימעלעך, אין איר זיינט געבליבן שטאָלץ וואָס עס וואַקסט אַזאַ נייער פרייער דור. איז דען מעגלעך צו פאַרגעסן אָט די קלאַנגען?

און אָט זיינען די זעלבע קינדער געשטאַנען אויף דער בינע פון גרויסן טעאַטער „באָוואַשטשי” און פאַר אַ דריי־טויזנט־קעפּיקן עולם אויפגעפירט „מיסטער טוויסטער”, „ליאַלקעס”, „צו דער זון”. מיט וואָס

פאַר אַ זינערקייט דאָס אַלץ איז געשפּילט געוואָרן! וויפיל גראַציעזקייט און חנעוודיקייט, וויפיל דרייסטקייט און אוממיטלבאַרקייט. וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע באַוועגונגען, טאַלענטירטקייט, עסטעטישקייט. זיינען דאָס די קינדער פון די פינצטערע נאַכט־קעלערס פון קראַכמאַלנע און שמאָלע מילא? דאָס האָט די שול זיי איבערפאָרמירט, אַ נייעם גייסט אין זיי אַריינגעגעבן.

און איצט זיינען די דאָזיקע קינדער מער ניטאָ. מיין גרויזאַמע שרייב־מאַשין האָט אויסגעקלאַפּט אָט דאָס אומברחמנותדיקע וואָרט: ניטאָ... עס אַסאָציאירט זיך גאַרנישט מיט די לעבנספולע, לעבנסלוס־טיקע, לעבנס־דאָרשטיקע, לעבנסקלוגע קינדער, וועמענס געשטאַלטן עס שטייען פאַרן אויג...

איצט זיינען די נעמען פון די דאָזיקע קינדער פאַרשריבן געוואָרן אין דעם מאַרטיראָלאָגיע־בוך פון אונזער תקופה, זיי זיינען העלדן גע־בליבן אין אונזער נייעם ספר הזכרונות, זיי האָבן דעם העראָאישסטן קאַמף געפירט קעגן דעם מאָדערנעם אַטיללאַ, קעגן דער מאַטאָריזיר־טער חיה רעה. זיי האָבן די פאָן פון בלוט און קאַמף אויפגעהאָנגען אי־בער די מויערן פון נאַצי־אויפגעשטעלטן געטאָ. די קינדער פון פאָלק האָבן זיך אַליין צו דער עקדה געבראַכט, זייער לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן כבוד פון פאָלק. דער הייליקסטער, דער ריינסטער קרבן, וואָס איז ווען עס איז געבראַכט געוואָרן אויפן מזבח פון אַ פאָלק.

*

אַ פּאָר נעמען זאָלן דאָ פאַרצייכנט ווערן.

זלמן פרידריך, פון ערשטן קלאַס פאָלקשול געדענק איך אים. דער פאָטער — אַ בראַצלאַווער חסיד, שרעקלעך פאַנאַטיש. אין שטוב — אַ פאַבריקל פון פאַפּירענע זעקלעך, וועלכע ווערן געליפערט אין די יידי־שע געוועלבלעך. אָרעמקייט, אָבער אַ שטוב מיט אַ שטאַרקער דיסציפּ־לין. פרידריך וואַקסט אין שול, ער איז באַליבט ביי די לערער און קינדער. ער ענדיקט די שול און קומט אָן פאַר אַ „שיק־יינגל" אין דער קאַנצעלאַריע פון דער צישאָ. קולטורעל, קלוג, דרייסט, שטאָלץ, מיט כאַראַקטער, מיט אַ קריטישער באַציאונג צו די אָרומיקע דערוואַקסענע. ער לערנט אַ סך אין דער אַרבעט, ער לעבט מיט דער גאַנצער אַטמאָס־פער פון דער צישאָ, ער איז אַריינגעטאָן אין אַלע פּראָבלעמען פון דער שול־באַוועגונג, ער איז באַהאַוונט אין אַלע ענינים פון דער אָרגאַניזאַ־ציע. ער גייט אַריבער אין אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער בונדישער באַוועגונג, ער גייט דורך אַ גאַנצן „אוניווערסיטעט" פון דער אַרבעטער־

באַוועגונג. ער איז זעלבסטשטענדיק, ער לייענט אַ סך, איז אַ גוטער בונדיסט. ער פאַראינטערעסירט זיך גאָר באַזונדער מיט דער ספּאָרט־באַוועגונג, און גיט איר אָפּ אַ סך צייט און אויפמערקזאַמקייט. ער איז אומעטום פּול, ער ווערט אַ טוער. און אַט גייט ער אַוועק אין מיליטער, איז אויך דאָרטן אַ גוטער אינטעליגענטער זעלנער, און באַווייזט ער נישט צו קומען פון דינסט, קומט די מלחמה און ער ווערט מאָביליזירט און גערופן אויפן פראָנט. ער האָט שוין דעמאָלט אַ יונגע חנעוודיקע פרוי און אַ קינד. איצט שרייבט וועגן אים דער אונטערערדישער באַריכט ווי וועגן אַן אמתען העלד, וועלכער האָט בעת די שלאַכטן און אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אַרויסגעוויזן אומגעהויערע העלדישקייט, מסירת נפש, און איז אומגעקומען מיט געווער אין די הענט...

כמיעלניצקי נחום. געענדיקט אונזער שול אויף קאַרמעליצקע גאַס. אַ פעיִקער מאַטעמאַטיקער. נאָך דער שול געענדיקט אַ פּוילישע מיטל־שול און אַריין אין דער טעכנישער שול פון וואַוועלבערג. שוין יאָרן פאַר דער מלחמה געווען געשטעלט פאַר דער האַרבער אויפגאַבע צו באַקעמפן אין זיין שול דאָס איינפירן פון געטאָ־בענק. געשטרייקט, גע־האַלטן פּיקעטס ביי דער שול. געדראָט אים אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון שול אין גאַנצן. געווען אַ געטרייער מיטגליד פון דער אַקאַדעמישער גרופּע פון „בונד" אין וואַרשע.

ראַזאָווסקי וואָלף. געענדיקט אונזער שול, זיך פאַרבונדן מיטן „סקיף" (סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד). געבוירענער פירער און דערציִער. אויסערגעוויינלעכן איינפלוס געהאַט אויף די קינדער פון דער אָרגאַניזאַציע. שטענדיק מיט אַ שמייכל, רוהיקייט, שטיל, באַשיידן. אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פאַר די קינדער און זייער פסיכאָלאָגיע, איי־בערגעגעבן, געטריי דער גאַנצער אַרבעט.

דאַווידאָוויטש כאַבטשע. די שטילע טויב פון דער גראָסער־שול, וועלכע זי האָט געענדיקט. אַ מוסטער פון פּינקטלעכקייט, געטריישאַפט צום לערנען, ערנסטקייט. שטענדיק פאַרטראַכט, אַריינגעטאָן אין אַנ־דער וועלט. נעמט זי אַ וואָרט, איז עס ערנסט, באַטראַכט, געפאַסט. חבריש, באַליבט ביי אַלע קינדער, שטענדיק מיט אַ פיינעם שמייכל אויף די ליפּן. געהערט צום „סקיף" און איז אים געטריי מיט לייב און לעבן.

בלאַנעס יורעק. אַקטיווער סקיפיסט. געדענקען חברים און דער־ציילן מיט באַוואונדערונג, ווי אַזוי יורעק איז אין די טעג פון וואַרשעס



טויבע דאַווידאָוויטש

באָמבאַרדירונג אַרומגעלאָפן איבער די יידישע גאַסן און פאַרקויפט די „פאָלקס־צייטונג" ; ווי אַזוי יורעק האָט געהאָלפן אויף מילאַ גאַס ראַטעווען יידישע הייזער, בעת זיי האָבן געברענט.

און די זעלבע שבחים לאָזט זיך דערציילן וועגן יעדערן פון די אומגעקומענע. אַלע גלייכע חברים, אַלע פון איין טייג געקנאָטן, אַלע מיט די זעלבע אידעאַלן באַגייסטערט, אין די זעלבע דרכים דערצויגן. און איצט אַלע — אין איין צעטל פון העלדיש אומגעקומענע אין קאַמף. אַלע אין דער זעלבער ערן־רשימה...

*

אין 1921 האָט די רעגירונגס־שולמאַכט אויפגעהויבן אַ קרייץ־צוג

קעגן אַ טייל פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער בונדישער געזעלשאַפט „אונזערע קינדער". איינער פון די מאָטיוון און דער פּתחון פּה פאַר אַט דער פאַרפאָלגונג איז געווען דאָס, וואָס די געזעלשאַפט האָט צום אָנהויב לערניאָר אַרויסגעלאָזט אַ פּלאַקאַט אויף צו ווערבירן קינדער און דאָרט איז געווען געשריבן אַזוי: „די שולן דאַרפן דערציען די קינדער אַלס באַוואוסטזיניקע קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט". אין די אויגן פון דער מאַכט האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ געניגענדיקער מאָטיוו צו שיקן פּאָליציי און צו פאַרחתמענען די לאָקאַלן פון די שולן.

ווער האָט אין יענער צייט געקענט פאַראויסזען, אַז עס וועט קומען אַ צייט — און גאָר גיך — און די זעלבע קינדער, וואָס זייערע שולן האָט מען פאַרחתמעט, מען זאָל זיי, חלילה, ניט מאַכן פאַר קיין „באַוואוסט־זיניקע קעמפער", — וועלן אין רייען מאַרשירן צום פאָלקס־פאַר־מירטן פּראָנט הינטער וואַרשע כּדי צו שיצן די פרייהייט פון דער פּוי־לישער רעפּובליק און דעם כּבוד פון איר הויפּט־שטאָט. ווער האָט אין יענער צייט געקענט פאָראויסזען, אַז אַט די קינדער וועלן דאַרפן טראָגן אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס דעם אויפשטאַנד אין געטאָ קעגן אַזאַ בלוטיקן שונא, כּדי „צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטש־הייט", פאַר באַפרייען זייער פאָלק פון דער נאַצישער טיראַניע.

עס איז אונזער שטאָלץ און עס איז דער שכר פון אונזער פאָלקס־לערער, וואָס אין דער יידיש וועלטלעכער שול איז דערצויגן געוואָרן אַזאַ דור פון „באַוואוסטזיניקע קעמפער".

די צישאָ — דאָס איז געווען אַ פאַראייניקונג פון עטלעכע טיפן שולן איבערן גאַנצן לאַנד פון פּוילן. און מיר זיינען זיכער, אַז נישט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך אין ביאַליסטאָק, ווילנע א. א. זיינען די אַביטוריענטן פון אונזערע שולן געווען צווישן די ערשטע אויף די באַ־ריקאַדן, פון וועלכע עס איז דער יידישער כּבוד פאַרטיידיגט געוואָרן. און נישט נאָר די שולן פון „בונד", נאָר אויך די שולן פון די פּועלי־ציון און פון די פאַרשיידענע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, האָבן זייערע יו־גנטלעכע קעמפער צוגעשטעלט פאַר דער הייליקער זאַך. עס איז געווען די יידישע פאָלקס־מאַסע אין גאַנצן לאַנד, וועלכע האָט אירע קינדער צו דער עקדה געשיקט...

*

שליסנדיק דעם ערשטן שול־צוזאַמענפאָר פון די יידיש־וועלטלע־כע שולן, האָט ביינוש מיכאַלעוויטש אויסגערופן: „מיר קעמפן אָבער

נישט בלויז פאַר דער נייער שול, נאָר פאַר אַ גאַנץ ניי לעבן, פאַר אַ פרייע ליכטיקע וועלט. אײַ ווען מיר וועלן פון אונזער קאַמף מיט נצחון אַרויס, ווען די נייע וועלט וועט געוואונען ווערן, וועט קומען דער לע־רער מיט זיינע קינדער און זאָגן: נאַט אייך אַ נייעם דור, פון נייע מענטשן, וואָס איר האָט אויסגעקעמפט!"

ווען מיר האָבן אַלע מיט 23 יאָר צוריק געהערט אַט די פלאַם־פיי־ערדיקע ווערטער, האָט זיך אונז קיינעם נישט געחלומט, אַז נישט אין מאָמענט פון נצחון און באַפרייאונג וועלן מיר אונזערע קינדער ברענ־גען, נאָר אונטער די הריבות פון דער אומה זיי באַגראָבן, ווי אומשול־דיקע קרבנות זיי ברענגען אויפן מזבח פון נאַצישן מולך...

ניינצן זיינען זיי... ווער ווייס, וויפיל מאָל ניינצען נאָך זיינען גע־פאַלן אין די דאָזיקע שלאַכטן, אינם דאָזיקן לעצטן שלאַכט פון אַ דור... וויפיל מאָל ניינצן נאָך פון צישאָ־שולן און פון אַנדערע טיפּן שולן...

נישט „מיר קומען אָן" האָבען זיי אין יענעם טראַגישן מאָמענט גערופן צו דער וועלט, נאָר: „מיר גייען אַוועק!" „מיר פאַלן אין שלאַכט!"...! אויף אייביק, אויף אייביק...

און אויף אייביק — אין אונדזערע הערצער, אין אונדזער זכרון...

י. אַפּאַטאָשו

# אין דעם ניינצנטן אַפּריל

(דערציילונג)

אַפּריל 1943 איז געוואָרן אַ יאָר ווי אַלעקסאַנדער אַשכּנזי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון וואַרשעווער געטאָ און האָט זיך באַזעצט אויף קאַטאַלינסקע גאַס.

ס'האָט אים צוגעשפּילט, וואָס ער איז געווען אַ העל־בלאָנדער, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין יידישן אַנבליק און פּויליש האָט ער גערעדט אָן אַ יידישן אַקצענט.

ס'האָט אים אויך צוגעשפּילט, וואָס זאָפיע קאָנאָפּניצקאַ איז גע־ווען פאַרליבט אין אים.

ביידע זיינען געווען לערער אין מיקאָלאַי רעיס קלאַסישער גימ־נאַזיע. דער זעקס און צוואַנציק יעריקער אַשכּנזי האָט געלערנט געשיכ־טע און די פיר־און־צוואַנציק יעריקע קאָנאָפּניצקאַ — פּוילישע ליטע־ראַטור.

פון דער ליבע וואָלט מן־הסתם גאָרנישט געוואָרן, ווייל פאַרליבט איז געווען זאָפיע. און אַלעקסאַנדערן האָט אימפּאָנירט, וואָס אַ פּוי־ליש מיידל, און דערצו נאָך מאַריאַ קאָנאָפּניצקעס אַן אייניקל, האָט אים ליב. אַזוי האָט דער ליבע־פּלאָנטער זיך געצויגן חדשים.

ס'איז געווען אויגוסט 1939.

אַלעקסאַנדער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך איבערצורייסן מיט זאָפיען. ער וועט דאָך מיט אַ קריסטין קיינמאָל נישט חתונה האָבן. זאָ־פיע זאָל זיך מגייר זיין? זי האָט וועגן דעם נישט געוואָלט הערן. גיין וואוינען „נאָ וויאַרע" מיט איר? זאָפיעס ברידער וועלן עס נישט דער־לאָזן און אַלעקסאַנדערס טאַטע־מאַמע וועלן עס נישט איבערלעבן. נו, טאַקע — אַלעקסאַנדערס פאָטער, הערש צבי אַשכּנזי, אַן אור־אור־איי־ניקל פון „חכם צבי", זאָל זיך גיין משדך זיין מיט די קאָנאָפּניצ־

קיס, וואָס ציען זייער יחוס פון עפּעס אַ וואָלינער שלאַכטשיץ? דער וואָלינער שלאַכטשיץ האָט חתונה געהאַט מיט אַ גוט באַזיצערס טאָכ־טער פון הינטער וואַרשע. די כּלה האָט געשריבן לידער און דער חתן האָט מיטגעבראַכט פון וואָלין צוויי פּעסער זשאַבעס. די וואָלינער זשאַ־בעס האָט מען אַריינגעלאָזט אין דעם וואַרשעווער „סטאַוו", זיי זאָלן מיט זייער קוואַקן אים דערמאָנען ס'וואָלינער דאָרף, וואו ער איז גע־בוירן געוואָרן.

די מעשה האָט אַלעקסאַנדער צענדליקער מאָל געהערט נישט בלויז פון זאַפּיען, נאָר אויך פון אירע ברידער, פון אירע שוועסטער, פון אירע טאַטע־מאַמע.

און ער, אַלעקסאַנדער?

ער האָט דאָך געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן וועגן „חכם־צבי'ס" פאָטער, וועגן דעם אובענער רב, ר' יעקב, וואָס האָט מתיר געווען צו דערהרגענען אום שבת אַ ייד, וואָס האָט נישט געגלויבט אין שבתי־צבי. און אפשר טאַקע דערפאַר האָבן אַלעקסאַנדערס זיידעס — דער גאון „חכם־צבי" און ר' יעקב עמדן — אַזוי גערודפט שבתי־צביניקעס?

ווער ווייס?

אַלעקסאַנדער האָט וועגן זיין אָפּשטאַם קיינמאָל נישט גערעדט מיט די קאָנאָפּניצקיס. און ווי ער האָט זיך געקליבן איבערצורייסן מיט זאַ־פּיען, פּונקט דעמאָלט איז דער דייטש באַפאַלן פּוילן.

אַלעקסאַנדער — אַ רעזערוו אָפיציר — איז אַוועק אין דער מלחמה.

נאָך דער מלחמה — נגישות, רדיפות אויף יידן. דערנאָך — דער וואַרשעווער געטאָ.

זאַפּיע איז צוגעשטאַנען צו אַשכּנזין:

— טייערער אַלעקסאַנדער, אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי. מיינע ברידער זיינען געפאַלן אין דער מלחמה, מיין געשוועסטערקינד, אַלעק, איז געפאַלן אין דער מלחמה. דאָ האָסטו אַלעקס פּאַספּאָרט און קום אַריבער וואוינען צו אונז.

אַלעקסאַנדער האָט זיך געשׂובט.

און אַז מען האָט גענומען כאַפּן יידישע יונגעלייט אין די גאַסן און זיי שיקן אויף צוואַנג־אַרבעט, איז אַלעקסאַנדערס מוטער צוגעשטאַנען צום זון ער זאָל אַוועק פון געטאָ און זאָל זיך אויסבאַהאַלטן ביי די קאָנאָפּניצקיס. און אַז מען האָט גענומען שלעפּן יידישע יונגעלייט פון די הייזער, האָט דער פאָטער, צבי הערש אַשכּנזי, געגעבן אָנצו־

הערן, אַז צוליב פּקוח־נפש מעג זיך אַלעקסאַנדער אויסבאַהאַלטן בײַ די קאַנאַפּניצקיס.

אַלעקסאַנדער האָט אויף דערויף אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— טאַטע, — שמד, שפיכת־דמים און גלוי־עריות גייען דאָך נישט אַרײַן אין „יעבור ואל יה־רג".

— לויט ר׳ ישמעאלן, — האָט דער פֿאָטער זיך אָנגערופֿן און האָט בשעת מעשה נישט געקוקט אויפֿן זון — איז דער עיקר דאָס שטיקל נפש, ווי עס שטייט: „וחי בהם".

פֿון אַלעקסאַנדער אַשכּנזי איז געוואָרן יוליוש פּיטלינסקי. און יולעק האָט זיך באַזעצט בײַ די קאַנאַפּניצקיס.

בײַטאָג איז ער כּמעט ווי נישט אַרויס פֿון שטוב. און אַז ער איז יאָ אַרויס, איז אין אָוונט און קיינמאָל נישט אַליין. שטענדיק אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די קאַנאַפּניצקיס.

ערשט איצט, ווען יולעק האָט געוואוינט מיט זאָפֿיען אונטער איין דאַך, האָט ער זי ליב באַקומען. זי איז געווען די גוטסקייט אַליין. ער איז געווען זיכער, אַז אין זאָפֿיען זיצט אַ ניצוץ פֿון די אור־קריסטן, איידער זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון יידן. אַז ער און זי זײַנען קינדער פֿון געיאָגטע און געמאַרדעווועטע פֿעלקער, וואָס דער שונא האַלט אין אויסראָטן.

פֿאַרן יאָר, וואָס יולעק האָט געוואוינט בײַ די קאַנאַפּניצקיס, איז ער קיין איין מאָל נישט געווען אינעם געטאָ בײַ טאַטע־מאַמע. געגאַנגען צו זיי איז זאָפֿיע. און נישט בלויז צו זיי. האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרבינדן דעם געטאָ מיט דער פּוילישער וועלט, איז זאָפֿיע געווען דער שליח. זי האָט נישט איין מאָל אײַנגעשטעלט ס׳לעבן. און אַז דער אַלטער אַשכּנזי איז קראַנק געוואָרן, איז זאָפֿיע געגאַנגען געוואָר ווערן וואָס דער פֿאָטער מאַכט, נישט אַלעקסאַנדער. זי האָט געבראַכט צום קראַנקן פּוילישע דאָקטוירים. און אַז דער פֿאָטער איז געשטאָרבן, איז זאָפֿיע געווען בײַ דער לויה, נישט אַלעקסאַנדער.

נאָך דעם פֿאָטערס טויט האָט זיך עפּעס איבערגעאַנדערשט אין אַלעקסאַנדערן. ער איז זעלטן אַרויס פֿון זײַן צימער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויסצומײַדן די שטוביקע. ער האָט זיך נאָך זעלטענער געוויזן אויף דער גאַס. און דאָס אַלץ האָט ער געטאָן נישט פֿון שרעק פֿאַרן דײַטש. פֿאַרקערט, ער איז באַשטאַנען אַז זאָפֿיע זאָל אים מער נישט רופֿן יולעק. ער הייסט אַלעקסאַנדער אַשכּנזי, נישט יולעק פּיטלינסקי. און זײַן פּלאַץ איז אין געטאָ, נישט אויף דער רייכער

קאַטאַלינסקע גאַס. און אויב זאָפיע האָט אים מיט אַן אמת ליב, דאַרף זי מיט אים אַוועק אין געטאָ.

אַלעקסאַנדער האָט זיך איינגעשאַפּט יאָזעפוסעס ווערק אין פראַנצויזיש, און גריכיש. ער האָט אויך געקראָגן שמחוניס העברייאישע איבערזעצונג. גאַנצע טעג איז ער געזעסן איבער יאָזעפוסעס ווערק. מיטן לייענען איז געוואַקסן אין אַלעקסאַנדערן אַ שנאה נישט בלויז צו יאָזעפוסן, נאָר צו זיך אַליין. ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי נאָך יידן — טיפע יידן, ווי בערדיטשעווסקי, ווי שמחוני — קענען האָבן אַ גוט וואָרט פאַר יאָזעפוסן.

ער, אַלעקסאַנדער, וואָס האָט געלייענט יאָזעפוסעס אויטאָביאָגראַפיע אין אָריגינאַל, האָט נישט געהאַט פאַר אים קיין גוט וואָרט. פאַר די אויגן — אַ פינצטערניש, אַ חורבן. יאָזעפוס פאַרקויפט אַלץ — טאַטע־מאַמע, ס׳אייגענע פאָלק — אַבי זיך צו ראַטעווען. מיט דער אויטאָביאָגראַפיע וויל ער זיך ריינוואַשן פון יוסטוסעס באַשולדיקונגען.

און ער, אַלעקסאַנדער?

ס׳איז געווען אַפּריל 1943. אין די אָפענע פענסטער האָבן אַריינגעקוקט צעבליטע מאַנגאַליע־ביימלעך. פרילינג־ווינטלעך — קילבלעכע, גרינלעכע, האָבן זיך געשאַרט איבער די צימערן, זיך פאַרקליבן אין אַלעקסאַנדערס קאַבינעט, וואו ער איז געזעסן ביי אַ שרייבטיש און געלייענט. איבערן שרייבטיש איז געהאַנגען מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ געצייכנט פון וויספּיאַנסקין.

פון ערגעץ ווייט האָבן זיך דערטראָגן שטיקלעך קולות. דערנאָך האָט זיך דערהערט דער אָפּהילך פון אַ ווייט שיסעריי.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער שטול. ער איז צו צום אָפענעם פענצטער און האָט זיך אַרויסגעבויגן. ער האָט אַ פרעג געטאָן ביים סטרוזש, וואָס איז געשטאַנען אין טויער:

— וואָס, סטאַך, מען שיסט?

סטאַך איז אונטערגעקומען צו אַלעקסאַנדערן אויף די שפּיץ־פינגער. ער האָט גענומען רעדן אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד:

יידן אין געטאָ גיבן ווידערשטאַנד דעם שוואַב. אויף דער אייזן־גאַס, לעבן לעשנע, האָבן „אונזערע״ דורכגעבראָכן די געטאָוואַנט און אַטאַקירן דעם שוואַב פון הינטן.

אַלעקסאַנדער האָט זיך מער נישט איינגעהערט. ער האָט אַריינגעלייגט אין קעשענע אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און זיך אַ וואַרף גע־

ישובט דורך וואַנען עֶר זאָל אַרויס פון שטוב. ער האָט זיך געדרייט אי־בערן קאַבינעט הין און צוריק, איז פאַרבייגעגאַנגען די טיר איין מאָל, נאָך אַמאָל און איז צו צום אָפענעם פענסטער.

זאָפיע איז אין געאייל אָנגעקומען פון גאַס מיט אַ צעעפנטער ציי־טונג אין די הענט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אַ רגע געקווענקעלט — זאָל ער יאָ וואַרטן אויף זאָפיען, צי ניין.

ס׳פענסטער איז בלויז געווען איין שטאָק פון הויף. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן פענסטער־געזימס און זיך לייכט אַראָפּגעלאָזט אויפן הויף! אָט איז ס׳טויער און אָט שטייט דער סטרוזש. אַלעקסאַנדער האט אים איבערגעפרעגט:

— וואו האָבן „אונזערע, זאָגט איר, אויפגעבראָכן די געטאָ־וואַנט״ ?

— אויף לעשנע לעבן דער אייזן גאַס.

— גוט — האָט אַלעקסאַנדער אַרומגענומען דעם סטרוזש און אים אַריינגערוקט אין דער האַנט אַ מטבע — זייט אַזוי גוט, סטאַך, און זאָגט דער יונגער פּאַני קאָנאָפּניצקאַ, אַז איך בין אַוועק אין געטאָ.

י. י. טרונק

# וואַרשע און די יידישע ליטעראַטור

עטלעכע געדענק־ווערטער

אויב דעם מענטשלעכן מין וועט אפשר אַ מאָל באַשערט זיין זיך צו דערהייבן צו אַ העכערער מדרגה פון עקסיסטענץ, וועט די מענטשהייט דאַן וויסן ווי אָפּצושאַצן אָט דעם זעלטענעם קאַמף וואָס יידן האָבן געפירט אינעם געטאָ מיט די שונאים פון דער וועלט. עס איז געווען אַ קאַמף פאַר דער ווירדע פון דער מאַכטלאָזיקייט. און ער שטייגט אפשר איבער די קאַמפן פון די חשמונאים און דעם חורבן ירושלים. די מאַכטלאָזיקייט האָט דאָ אויפגעצויגן אירע פאָנען און געלאָזט שאַלן אירע פאַנפאַרן. דער גרויסער און אייביקער יידישער קאַמף — דער קאַמף פאַר דער חשיבות פון דער וועלט־מאַכטלאָזיקייט.

דער הערויזם פון וועלט־מאַכטלאָזיקייט איז דער הערויזם פון דער יידישער געשיכטע. מיט דעם איז די יידישע געשיכטע די מענטשלעכסטע פון אַלע מענטשלעכע געשיכטעס.

ווען מיר ווילן געדענקען די דאָזיקע יידישע קעמפער אין ערפורכטבאַרן געדעכעניש, מוזן מיר זיך דערמאָנען און אָפּשאַצן די ביישטייערן פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישע שריפט־שטעלער צו אָט דעם וואונדערלעכן יידישן חשיבות־געפיל וואָס האָט זיך געשטעלט צו פאַרטיידיקן די ווירדע פון דער מענטשהייט אין דער ווירדע פונעם יידישן פאָלק.

*

העלדישקייט איז דער סך־הכל פון גרויסע און טיפע היסטאָרישע כוחות. אינעם העלד קומט צום אויסדרוק דאָס הערויזם פון אַ קאָלעקטיוו. און ער וואַקסט אויס אין זיינע פאָזיטיווע באַציאונגען צום קאָלעקטיוו. דאָס אינדיווידועלע און שאַפערישע אין קינסט־

לערישן מענטש איז די אייגנאַרטיקע און געלייטערטע אינדיווידועלע עקסיסטענץ אין די צווישן־באַציאונגען פֿון אַ קאָלעקטיוו עקסיסטענץ. דער קינסטלערישער אופֿן איז אַ מענטשהייטס־אופֿן. די קונסט שטייט אין מיטן דעם לעבן און וועבן פֿון דער מענטשהייט. זי געהער אין איר ווען אַבסאָלוט צו דער געשיכטע, הגם איר באַשטאַנד אין דער געשיכטע איז דורכאויס אַן אייגנאַרטיקער.

די יידישע שריפֿטשטעלער אין פּוילן האָבן געהאַט די פּריאָרי־טעט — אין דעם דאָזיקן פּרט איז וואַרשע געווען דאָס האַרץ און דער צענטער פֿון דער יידישער ליטעראַטור — דורך דעם וואָס זיי האָבן געשאַפֿן זייערע ווערק אין מיטן אַ יידישן קאָלעקטיוו וואָס איז — אין דער פֿולער קאָנסטרוקציע פֿון זיין עקסיסטענץ — געווען אַן אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע צוזאַמענקייט פֿון יידן. פֿון נאַציאָנאַל עקסיסטירנדיקע יידן האָבן זיי געצויגן זייער יניקה. די יידישע ליטע־ראַטור אין פּוילן איז נישט געווען קיין גייסטיקער לוקסוס, נייערט אַ גייסטיקע נויטווענדיקייט — דעריבער איז איר פּראָבלעמאַטישקייט געווען אַ טייל פֿון די לעבנס־פּראָבלעמען פֿון יידישן פֿאָלק אין פּוילן. ביי איר גאַנצער פֿאַרשיידנאַרטיקייט האָט זי זיך באַוועגט אויף אַ וועג וואָס איז געקומען פֿון אַ יידישער פֿאַרגאַנגענהייט און געפֿירט צו אַ יידישער צוקונפֿט. און עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס י. ל. פּרץ איז פֿאַרבליבן דער ליכט־פּונקט פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. פּרץ נעמלעך האָט די שעפֿערישקייט פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור פֿאַרבונדן מיט דער היסטאָרישער שעפֿערישקייט פֿון אַ נאַ־ציאָנאַלער געמיינשאַפֿט פֿון יידן. — אין דער יידישער ליטעראַטור האָט געזאָלט געגעבן ווערן די ווערט־אידעע פֿון יידישער עקסיסטענץ.

•

אין אָט דער ווערט־אידעע פֿון יידישער עקסיסטענץ האָבן זיך אויסגעכאַוועט די יידישע שריפֿטשטעלער אין פּוילן; אין דעם ליכט פֿון דעם דאָזיקן פֿלאַקער האָבן זיי געזוכט זייער וועג. אויף פֿאַר־שיידענע קינסטלערישע אופֿנים האָבן זיי געשאַפֿן אַ גייסטיקע צו־זאַמענקייט. ווען עס איז געקומען די שעה פֿון נסיון פֿאַר יידן אין פּוילן — און נסיון איז די הערראַאישע מאָס פֿון לעבנס־חשיבות — איז אויך זיכער די יידישע ליטעראַטור געווען צווישן די דערהויבונגס־מאָמענטן וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם אומשטערבלעכן קאַמף.

די יידישע ליטעראַטור איז געווען דער גייסטיקער נסיון פֿון די יידישע מאַסן, דער נסיון פון זייער חשיבות. און זי האָט געפּריידיקט נסיון. דער קאַמף פון יידן אין דעם וואַרשעווער געטאָ מיט די אומ־ווירדיקסטע און גרויזאַמסטע שונאים פֿון דער וועלט איז זיכער נישט געווען דער קאַמף — בלויז — פֿאַרן נאַקעטן לעבן. אַ סך העכער — דער קאַמף פֿאַר לעבעדיקער יידישער חשיבות. לעבעדיקע יידישע חשיבות, ווערט פון יידישער עקסיסטענץ — עס איז געווען דער היסטאָרישער רוף פֿון דער יידישער ליטעראַטור; לאָמיר צוזאַמען מיט די יידישע העלדן אין פוילן געדענקען ווען די יעניקע, וואָס האָבן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געהערט צו די גייסטיקע פאָנען־טרעגער אין דעם דאָזיקן הערואישן קאַמף פֿון יידן — וועגן יידישע שריפֿט־שטעלער אין פוילן.

עמנואל נאָוואָגרודסקי

# שמואל זיגעלבוים

## בלעטלעך פון אַ לעבן



ש. מ. זיגעלבוים (אַרטור)

נישט אויף דער עמיגראַציע קען אָנגעשריבן ווערן אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון ח׳ שמואל זיגעלבוים, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין „בונד״ אונטער דעם נאָמען אַרטור.

דעם חוב — וועלן מיר דאַרפן דערפילן נאָך דער מלחמה. צו אַזאַ אַרבעט זיינען נויטיק אַ ריי פּאַרטיי־מאַטעריאַלן, וועלכע געפינען זיך נישט אין אַמעריקע. צו אַזאַ ביאָגראַפיע וועלן דאַרפן אויסגענוצט ווערן פּערזענלעכע איינדרוקן און זכרונות פון הונדערטער בונדיסטן, מיט וועלכע אַרטור איז געקומען אין באַרירונג במשך פון זיינע שטורמישע יאָרן אין דער פּאַרטיי. אַ שרייבער פון אַזאַ ביאָגראַפיע וועט

זיך אויך דאַרפֿן אינטימער באַקענען מיט דעם לעצטן פּעריאָד אין אַרטורס לעבן.

איין זאַך איז שוין אָבער איצט קלאָר: אין דער נאַכט פֿון 10טן אויף דעם 11טן מאַי, 1943, ווען אַרטור האָט אין אַ לאָנדאָנער מעבלירט צימער זיך גענומען דאָס לעבן, האָט ער מיט דעם דאָזיקן אַקט אויף אייביק פֿאַרבונדן זיין נאָמען מיט דעם העראָישן אויפֿשטאַנד פֿון דעם וואַרשעווער געטאָ. מ'קען היינט נישט שרייבן וועגן דעם דאָזיקן ביי־שפּיללאָזן אויפֿשטאַנד און נישט באַרירן דערביי די דערשיינונג — אַרטור...

אַרטור איז געווען זייער אינטים באַהאַפֿטן מיטן לעבן און קאַמף פֿון דעם וואַרשעווער געטאָ. ער האָט זיכער מער שמערצלעך ווי אַנדערע געפֿילט זיין אָרגאַנישע שייכות צו די פֿינצטערע געטאָ־טעג און געטאָ־נעכט. ס'איז נישט קיין וואונדער: אַרטור האָט דאָך געהערט צו די געציילטע צווישן אונדז אויף דער עמיגראַציע, וועלכע האָבן אַליין דורכגעמאַכט די פֿאַרטיידיקונג פֿון דער באַלאַגערטער הויפּט־שטאָט פֿון פּוילן, און תּיכּף ווי די שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן, איז ער צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן און אָנפֿירן דעם אונטערערדישן קאַמף פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן דער נאַציסטישער אָקופּאַציע. פֿון אָנהויב סעפּטעמבער ביז ענדע דעצעמבער 1939, פֿיר חדשים נאָכאַנאַנד, האָט ער יעדע שעה אויסגעפֿילט מיט קאַמף קעגן דעם שונא און יעדע שעה געקוקט אין די אויגן אַריין דעם טויט.

אַרטור האָט געדאַרפֿט געפֿינען אין זיך כּוח ניט נאָר אַליין אויסצו־האַלטן, נאָר אויך די גבורה פֿון מונטערן און באַגייסטערן צום קאַמף אַנדערע, נאָענטע, וואָס איז אָפֿט פֿיל שווערער.

אומבאַשרייבלעכע בילדער פֿון נאַציסטישער בעסטיאַליטעט און גלייכצייטיק אומשטערבלעכע ביישפּילן פֿון דערהויבענער, שטילער העלדישקייט — איז די לופֿט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט אין אָקופּירטן פּוילן במשך פֿון די 4 חדשים. אַזעלכע בילדער און אַזעלכע ביישפּילן פֿאַרגעסט מען נישט. זיי קריצן זיך איין אין זכּרון אויף אייביק. אַזעלכע פֿיר מאָנאַטן רייפֿן דעם קעמפֿער אין מענטשן. אַזעלכע פֿיר חדשים זיינען ווי אַ גרענעץ, וועלכע טיילט אָפּ דעם נעכטן פֿון דעם היינט און דעם היינט פֿון דער צוקונפֿט. אַרטור, נאָך די פֿיר חדשים אין אָקופּירטן פּוילן, איז אַן אַנדערער איידער דער אַרטור, וועלכן מיר האָבן געקענט פריער.

עס וואָלט אָבער געווען פֿאַלש צו מיינען, אַז אַרטורס גורל־גע־

מיינשאַפט מיט די געפאַלענע העלדן פון וואַרשעווער אויפשטאַנד אין געטאָ, וואָס ער האָט אויף אַזאַ טראַגישן אופן פאַרדאָקומענטירט אין דער נאַכט פון 10טן אויף דעם 11טן מאַי 1943, איז געווען אַ פועל־יוצא בלויז פון די דערמאָנטע פיר מאָנאַטן. אַרטורס טראַגישער זעלבסט־מאָרד איז אַרויסגעפלאָסן פון זיין גאַנצן אופן באַנעמען געשעענישן, פון זיין גאַנצער גייסטיקער געשטאַלט.

אין דעם געררויש פון אונדזער פילפאַרביקער און פילטאַניקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז כמעט ווי נישט געווען קיין צייט זיך צוצוקוקן גענויער צו יחידים. מיר האָבן אייגנטלעך דעם אינער־לעכן אַרטורן, אַרטורן אין זיך, וויייניק געקענט. ערשט היינט, ווען אַרטור איז אַריין אין דער געשיכטע, ווען זיין נאָמען הויבט אָן צו ווערן אַ סימבאָל, אַ קאַפּיטל אין קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט, דער־שיינט פאַר אונדז דורכן טיפן צער און פיין דער אמתער אַרטור.

*

אַרטור איז אַוועק פון אונדז אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַרטור איז צום ערשטן מאָל געקומען צום „בונד" אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַר דעם פערטל יאָרהונדערט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות בין איך כסדר געווען מיט אים, געזען זיין וואוקס, זיין שטרעבן פאַרויס. אָבער די ערשטע באַגעגענונג מיט אַר־טורן שטייט מיר לעבעדיק פאַר די אויגן נאָך עד היום.

ס'איז געווען אין לובלין סוף 1917. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, דעמאָלט צעטיילט צווישן אָקופּאַציעס — דער דייטשער און דער עסטרייכישער. וואַרשע האָט זיך געפונען אין דער דייטשער אָקופּאַציע, לובלין — אונטער דער עסטרייכישער. מיר האָבן אויסגעקליבן לובלין פאַר דעם אָרט פון אונדזער ערשטן צוזאַמענפאָר, ווייל די עסטרייכישע אָקופּאַציע־מאַכט איז אָנגעגאַנגען פאַר מער שלימזלדיק איידער די דייטשע.

די דריי טעג און די דריי נעכט אין לובלין — מיר האָבן געהאַט אויך נאַכט־זיצונגען — זיינען אין אַ סך הינזיכטן געווען דעצידירנדיק פאַר דעם וויטערדיקן שטורמישן וואוקס און פאַר דעם אידעישן אויס־זען פון אונדזער גאַנצער באַוועגונג אין אומאָפּהענגיקן פוילן. אייגנט־לעך האָבן מיר דעמאָלט אין לובלין צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט פנים אל פנים מיט אַ סך פון אונדזערע טוער און חברים פון דער פּראָווינץ, מיט וועלכע מיר האָבן ביז אונדזער צוזאַמענקונפט אין לובלין קאָרעספּאָנדירט, אָבער נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך מיט

זיי צו טרעפֿן. ס׳איז געווען נישט אַזאַ פּשוטער ענין צו באַזוכן דאָס לאַנד אין די באַדינגונגען פֿון דער מיליטערישער אָקופּאַציע. טאַקע דאָרט אין לובלין האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט אַרטורן, אַ יונגן, 20־יאָריקן בחור, וועלכער איז דאָרט געווען איינער פֿון די פֿאַרטרעטער פֿון כעלמער געגנט.

אַרטורס באַריכט וועגן אונדזער אַרבעט אין כעלם און אַרום דער דאָזיקער שטאָט האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן איינדרוק. זיין אַרויסטריט האָט אים גלייך אויסגעטיילט פֿון דער „דעלעגאַטן־מאַסע”. איך וואָלט היינט נישט געקענט זיך קלאָר מאַכן, וואָס עס איז אייגנטלעך געווען אומגעוויינלעכעס אין אַרטורס באַריכט אויף אונדזער לובלינער צוזאַמענפֿאָר. אָבער „עפּעס” איז זיכער געווען אין זיין אַרויסטריט, וואָס האָט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט סיי צו דעם באַריכט און סיי צו דעם באַריכט־אָפּגעבער.

אייניקע מאָל בעתן צוזאַמענפֿאָר און אַ סך וואָכן נאָך דעם צוזאַמענפֿאָר פֿלעגט נח אין פּריוואַטע געשפּרעכן זיך אומקערן צו דעם דאָזיקן באַריכט. קיינער פֿון אונדז האָט, נאַטירלעך, נישט געקענט פֿאָרויסזאָגן דעם שפּעטערדיקן פּאַרטייאישן און געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿשטייג פֿון אַרטורן. אָבער יעדערער האָט געפֿילט, אַז דער יונגער בחור אַרטור פֿאַרמאָגט עפּעס אין זיך.

אויפֿן לובלינער צוזאַמענפֿאָר זיינען פֿאַרקניפּט געוואָרן יענע פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע זיינען שפּעטער, אין לויף פֿון יאָרן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿריינטשאַפֿט, וואָס איז בייגעשטאַנען די שווערסטע נסיונות און טיפֿסטע אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות. אויך מיין פּערזענלעכע פֿריינדשאַפֿט מיט אַרטורן האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אין לובלין. איך האָב זיך געטראָפֿן מיט אים מיטאָגצייט ביי אַ טישל אין אַ לובלינער געזעלשאַפֿטלעכער קיך. מיר האָבן זיך צעשמועסט. די פֿעדים פֿון פּערזענלעכער פֿריינדשאַפֿט האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרקניפּן צווישן אונדז. ווען דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך פֿאַרענדיקט האָבן מיר שוין געוואוסט איינער וועגן דעם אַנדערן אַ סך מער, ווי ס׳איז געוויינטלעך דער שטייגער צווישן דעלעגאַטן. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי נאָענטע פֿריינד און צוגעזאָגט שרייבן איינער צום צווייטן.

אַרטור האָט געהאַלטן וואָרט. זינט דעם לובלינער צוזאַמענפֿאָר האָב איך אָנגעהויבן צו באַקומען פֿון אַרטורן בריוו, אין וועלכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרטים פֿון אונדזער טעטיקייט אין כעלם זיינען געווען

דורכגעפֿלאָכטן מיט פּרטים פֿון זיין פּערזענלעכן לעבן, מיט באַשריי־בונגען פֿון געשעענישן און באַגעגענישן, מיט שטימונגען און האָ־פֿענונגען. אייגנטלעך איז אין די דאָזיקע בריוו שוין פֿאַראַן דער עיקר פֿון דעם צוקונפֿטיקן אַרטור, אַזוי ווי ער האָט זיך שפּעטער אויסגע־שטאַלטעט אין דער צענטראַלער פּאַרטיי־אַרבעט. זיין דורשט נאָך וויסן, זיין אומאויפהערלעכער שטרעבן ווייטער און ווייטער ,זיין אומווילן זיך צו באַגנוגענען מיט דעם שוין דערגרייכטן און זיין גלויבן אין זיך, אין דעם, אַז אים איז באַשערט צו דערפֿילן אין דער באַוועגונג עפּעס אַ ספּעציעלע מיסיע. וועלכע מיסיע? פֿון וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער איז די גרויסע טאַט, צו וועלכער זיין גאַנצער אינערלעכער א י ך האָט זיך אַזוי געריסן — האָט ער זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אַליין נישט געוואוסט קלאָר. אָבער, דער דאָזיקער שטריך איז ביי אים געווען אַ סך שטאַרקער און בולטער אויסגעדריקט ווי ס'איז בכלל די טבע ביי יונגע בונדיסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין דער זעלביקער צייט איז די שטרעבונג צו אַ גרויסער טאַט וואָס זאָל אים דערהויבן, בשום אופֿן ניט געווען פֿאַר־בונדן מיט אַן אָפּנויג צום אַסקעטיזם. ער איז געווען ווייט דערפֿון. פֿאַרקערט, אַרטור איז שטענדיק געווען אַ מענטש ,וואָס האָט ליב געהאַט דאָס לעבן און האָט ליב געהאַט צו לעבן.

שוין אַלס קליינער יינגל, אין עלטער פֿון אַ יאָר 10—12, האָט אַרטור פֿאַרזוכט דעם ביטערן טעם פֿון וואַלגערן זיך אין דער פֿרעמד און זוכן צו פֿאַרדינען אויף לעבן דורך האַרטער, שווערער האַרעוואַניע. די דאָזיקע פֿינצטערע יינגלשע יאָרן האָבן אים אָפּנים אויסגעלערנט צו שעצן דאָס, וואָס דאָס לעבן קען געבן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז ער האָט זיך געריסן קיין וואַרשע, צום צענטער פֿון אונדזער גאַנצער פּאַרטיי־טעטיקייט. אַלע זיינע בריוו פֿון יענעם פּעריאָד זיינען געווען פֿול מיט דער דאָזיקער בענקשאַפֿט אַרויסצורייסן זיך פֿון די ענגע פּראָווינצער ראַמען, פּערזענלעך זיך באַקענען מיט די פֿירער פֿון דער באַוועגונג, קענען געניסן און נאַשן פֿון זייער וויסן, פֿון זייער דער־פֿאַרונג. אומגעריכט האָט זיך איינגיכן טאַקע געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט.

*

דער זומער 1920 איז געווען אַ זייער קריטישע און שווערע צייט אין לעבן פֿון פּוילישן „בונד". די סאָוויעט־פּוילישע מלחמה איז געווען אין פֿולן ברען. אונדזער קעגנערישע שטעלונג צו דעם פּוילישן פּיל־סודסקי־אימפּעריאַליזם און אונדזער פֿאָדערונג אָפּצושטעלן די מלחמה,

וועלכע מיר האָבן אָפּן אַרויסגערוקט אין די שטאָט־ראַטן, האָט דער־צאָרנט די פּוילישע רעאַקציע. אונדזערע קלובן, אונדזערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס און לאָקאַלן זיינען דורך דער מאַכט געשלאָסן געוואָרן. אונדזערע ראַטמענער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. הונדערטער אַנגע־זעענע בונדישע טוער זיינען אינטערנירט געוואָרן אין אַ פּראָוויזאָרישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון קראָקע, אין דאָמביע. העגריק ערליך, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ זייער שאַרפע און דרייסטע רעדע אין וואַרשעווער שטאָט־ראָט קעגן דער מלחמה מיט די סאָוועטן, איז אַרעסטירט געוואָרן. די פּוילישע רעאַקציאָנערע געזעלשאַפט האָט אונדז נישט געקאָנט מוחל זיין דעם „מאַנגל אין פּאַטריאָטיזם". זי האָט געקאָכט מיט שנאה קעגן אונדזער גאַנצער באַוועגונג.

אונדזער פּאַרטיי איז געשטעלט געוואָרן מחוץ פון דעם געזעץ.

דער „בונד" האָט זיך געוועהרט מיט אַלע כוחות און נישט אויפגע־געבן קיין שום צווייג פון דער אַרבעט. דער „בונד" איז אַנגעגאַנגען ווײ־טער מיט זיין טעטיקייט אומלעגאַל. אַנשטאָט אין פּאַרמאַכטע לאָקאַלן האָבן מיר אַריבערגעטראָגן, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אויף גאַסן־בירזשעס. אויפן אָרט פון די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע חברים זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַנדערע ווייניקער באַקאַנטע. דער עיקר איז געוועזן — אויפהאַלטן פאַר יעדן פּרייז ביים לעבן די באַוועגונג אין צענטער, ד"ה אין וואַרשע. עס איז געווען קלאָר, אַז אויב וואַרשע וועט זיך אונטערגעבן דעם ביטערן גורל, וועט די ליקווידאַציע פון „בונד" אויף דער פּראָווינץ אַדורכגעפירט ווערן אַ סך שנעלער. אָבער, ס'האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו פעלן מענטשן, וועמען מען זאָל קענען אַוועקשטעלן אויפן אָרט פון די אינטערנירטע, אַרעסטירטע און די יעניקע, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן. אין איינעם פון די שווערסטע מאָמענטן, ווען דער מעטאַל־פאַראיין אין וואַרשע איז גע־בליבן אָן אַ סעקרעטאַר, האָט די פּאַרטיי־אָנפירונג זיך דערמאָנט אין — אַרטורן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אים אַראָפּצוברענגען פון כעלם. מען האָט אים תיכף וועגן דעם געגעבן צו וויסן. אַרטור האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן.

איך געדענק ווי איך בין געגאַנגען באַגעגענען אַרטורן אויף אַ גאַס אין יידישן ראַיאָן אין וואַרשע, גלייך ווי ער איז אַראָפּ פון באַן. ס'איז געווען אַ הערלעכער, מילדער, זומערדיקער פרימאָרגן, איינער פון די געבענטשטע טעג, ווען די נאַטור שמייכלט און צווינגט דעם

מענטשן זיך אויסצולאַכן האַרציק פֿון זיינע טאָג־טעגלעכע דאגות, אַפֿילו אין דער שטיינערנער שטאָט. די טויער פֿון „בונד" פֿלעגן אין יענע טעג נישט נעכטיקן אין דער היים, מורא האָבנדיק פֿאַר אַן אַרעסט. אָבער דער הערלעכער זומערדיקער פֿרימאָרגן האָט גיך פֿאַרטריבן די סימנים פֿון מידקייט נאָך אַ נישט זייער באַקוועמען נאַכט־שלאָף אין דער פֿרעמד. די גאַסן זיינען געווען ליידיקלעך צוליב דער פֿריער שעה און אויך צוליב דעם, וואָס מענטשן פֿלעגן זיך דעמאָלט ווייניק באַווייזן אויף דער גאַס, ווייל מ׳פֿלעגט זיי „כאַפּן צו דער אַרבעט", ד"ה צו די וואַרשעווער מיליטערישע באַפֿעסטיקונגען. איך האָב זיך ניי־געריק איינגעקוקט אין די פּנימער פֿון די פֿאַרבייגייער, זוכנדיק אַרטורן, וועלכן איך האָב גוט געדענקט פֿון לובלינער צוזאַמענפֿאָר.

איך האָב אים געזען שוין פֿונדערווייטנס. איידער מיר האָבן זיך נאָך באַגריסט, האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן זיין אַלגעמיינער אויסדרוק. יעדערער קען זיך דערמאָנען פֿון זיין פּערזענלעכער דער־פֿאַרונג מאָמענטן, וועלכע קריצן זיך איין אין זכרון אויף זיין גאַנץ לעבן. זייער אָפֿט איז אַפֿילו שווער צו געפֿינען די סיבה, פֿאַרוואָס דער אָדער יענער פּרט איז געבליבן שטעקן אַזוי פֿעסט אין דמיון, אַז צענד־ליקער און צענדליקער יאָרן זיינען נישט אימשטאַנד דעם איינדרוק צו פֿאַרווישן. נישט שטענדיק זיינען דאָס גראָד באַדייטנדיקע, דעצי־דירנדיקע מאָמענטן. אָבער, וואָס עס זאָל נישט זיין די סיבה — מיין דעמאָלטיקע באַגעגעניש מיט אַרטורן האָט געהערט צו די דאָזיקע מאָמענטן.

עס קען זיין , אַז זיין דעמאָלסדיקער אויסזען האָט אויף מיר גע־ווירקט. איך האָב אים דערזען, ווו ער האָט גיריק געקוקט אויף די אַרומיקע און אָנגעשטרענגט געפֿאָרשט די גאַס. עס האָט זיך קודם־כל געוואָרפֿן אין די אויגן דער הונגעריקער, דורשטיקער בליק, וועל־כער איז ווי גרייט געווען מיטאַמאָל איינצושלינגען אַלץ, וואָס ער זעט און באַגעגנט. דער שמאָלער, דאַרער קערפּער מיט אַ קליין טלומעקל אונטער דעם אָרעם האָט אויסגעזען עפּעס ווי אַ פֿאַרשעמטע צוגאָבע צו דעם לעבעדיק־פֿאָרשערישן בליק פֿון די אויגן און שאַרף געשניצטן קאָפּ. ער זעט אויס ווי אַ הונגעריקער, דורשטיקער פֿויגל — האָב איך געטראַכט, איידער איך בין צוגעגאַנגען צו אים און מיר האָבן זיך באַגריסט. איך האָב דעמאָלט אַליין נישט געוואוּסט ווי ריכטיק עס איז געווען מיין איינדרוק.

אַרטור איז געקומען אין וואַרשע אויסגעהונגערט נאָך דער גרוי־

סער שטאָט, נאָך דעם צענטער פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד, גרייט אין דער פולסטער מאָס צו געניסן פון די קוואַלן פון דערפאַרונג און וויסן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט פאַר אים צום ערשטן מאָל געעפנט.

אַ ר ט ו ר איז געקומען צו אונדז מיט דעם זעלביקן געפיל ווי איינער, וואָס בענקט נאָך וויסן, קומט אַריין צום ערשטן מאָל אין אַ באַרימטן אוניווערסיטעט, וואו די באַקאַנטסטע פּראָפעסאָרן עפענען אויף פאַר זייערע צוהערער די געהיימנישן פון דער וויסנ־שאַפט. אַ ר ט ו ר איז געקומען קיין וואַרשע צו לערנען און צו לעבן, צו לערנען פון לעבן. זעלטן ווער צווישן אונדז איז גע־ווען אַזוי גייסטיק דורשטיק ווי דער דעמאָלסדיקער יונגער אַרטור.. לאַנגע, לאַנגע יאָרן, אַדורכמאַכנדיק צוזאַמען מיט אונדזער באַוועגונג אַ סך מפּלות און נצחונות, איז אַרטור געבליבן דער זעלבער דורשטי־קער צו לערנען. דער דאָזיקער שטריך איז ביי אַרטורן געבליבן דער דאָמינירנדיקער.

קורץ נאָך דעם, ווי מען האָט אַרטורן אַריינגעפירט, אָדער ווי מען וואָלט זיך אויסגעדריקט אין אַמעריקע „אינסטאַלירט", אין מע־טאַל־פאַריין, איז אים אויסגעפאַלן דער גורל צו שפּילן אַ גאַנץ באַ־דייטנדיקע ראָל אין אַ געוויסער, ריזיקאַלישער אונטערנעמונג פון דעם דעמאָלטיקן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד".

די צענטראַלע פּאַרטיי־אָנפירונג האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אויפרוף וועגן דעם רוסיש־פּוילישן קריג. די רויטע אַרמיי איז שוין דעמאָלט געווען נישט ווייט פון וואַרשע. דער אויפרוף האָט נאַטירלעך געמוזט זיין אַן אומלעגאַלער און אַרויסגעבן אים איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער געפאַר.

איך בין נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין מיטגליד פון צענטראַל־קאָ־מיטעט. אַלס סעקרעטאַר פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָב איך באַקומען פון נחן דעם אויפטראַג אַרויסצוגעבן דעם אויפרוף.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אַריינצולאָזן זיך אין די פּרטים פון דער אונטערנעמונג. ס'וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז מיר האָבן געמוזט זיך באַנוצן מיט אַ גרויסער, לעגאַלער צייטונגס־דרוקעריי, אַרעסטירנדיק דאָרט אַלע אָנוועזנדיקע. די דאָזיקע דרוקעריי האָט זיך געפונען אין שכנות מיטן מעטאַל־פאַריין, און אַרטור איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער גאַנצער אונטערנעמונג, אין וועלכער ער האָט געהאַט צו דער־פילן אַ וויכטיקע ראָל. ס'איז זיך לייכט פאַרצושטעלן מיט וואָס פאַר

אַ ברען און באַגייסטערונג אַרטור האָט גענומען אויף זיך די אַרבעט. די גאַנצע אונטערנעמונג האָט דאָך געאָטעמט מיט דער געוואַגטקייט און ראָמאַנטישקייט, וועגן וועלכע ער האָט אַזוי פיל געטרוימט אין דעם קליינעם שטעטל.

די אונטערנעמונג איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג. אַר־טור איז לעגאַליזירט געוואָרן אַזוי צו זאָגן אין דער בונדישער משפחה פון וואַרשע און אין אַ קורצער צייט אַרום געוואָרן אַ מיטגליד אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד". צוליב דער נאָענטער שייכות צווישן דעם וואַרשעווער קאָמיטעט און דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", האָט זיך פון דעם מאָמענט אָן פאַקטיש געעפנט פאַר אַרטורן אַלע טויערן אין דער פאַרטיי. ס'האָט זיך געעפנט אַ נײַ קאַפּיטל אין זיין לעבן.

*

אַרטור האָט געהערט צו דעם טיפּ אַרבעטער־אינטעליגענץ, וועל־כער האָט צו פאַרדאַנקען אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט און אַלץ, וואָס ער האָט דערגרייכט אין לעבן, בלויז זיך אַליין. זיינע עלטערן זיינען נישט געווען בכוח אים צו געבן אַפילו אַן עלעמענטאַרע בילדונג. זיי זיינען נישט געווען אימשטאַנד צו באַזאָרגן אים מיט זאַטע, רואיקע קינדער־יאָרן. אַזעלכע מענטשן ווערן טרעפלעך באַצייכנט אין אַמעריקע מיטן נאָמען „סעלף מעיד מען" — אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אַליין געמאַכט... דאָס לעבן איז פאַר זיי די איינציקע שול, אַ האַרטע און אַ שווערע, פול מיט געפאַרן און אַנטוישונגען. שווימענדיק כסדר קעגן שטראָם, וועלכער יאָגט זיי כסדר אויף צוריק, דורכשלאָגנדיק זיך אַ וועג אין לעבן דורך מדבריות פון גלייכגילטיקייט און ווילדע דזשונגלען פון מענטשלעכע באַציאונגען, געוויינען זיי זיך צו צו האַלטן זיך פעסט פאַר זייערע שווער אַנגעקומענע דערגרייכונגען, צו שעצן און אפשר אַמאָל אַפילו איבערצושאַצן זיך אַליין, זייער אייגענעם ווערט, צו היטן, וואָס זיי פאַרמאָגן און צו פאַרלאַנגען, וואָס זיי קומט. דאָס איז נאַטירלעך און באַרעכטיקט. אָבער דער אַרום שאַצט אָפּ גאַנץ אָפט פאַלש די דאָ־זיקע אייגנשאַפטן. מאַנכע האָבן דעריבער געקאָנט האָבן אַ טעות אויך אין אַרטורן. אויב מען האָט נישט גוט געזען די צווייטע זייט פון דער מטבע — די אומבאַגרענעצטע פעאיקייט פון אַרטורן אָפּצוגעבן אויפן מזבח פון דער באַוועגונג אַלץ, טאַקע בוכשטעבלעך אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט...

ווי באַקאַנט, האָט זיך דער וואָפן־מזל אין סאָוועטיש־פּוילישן קריג שנעל געביטן לטובת פּוילן און אין ענדע פון יאָר 1920 זיינען שוין אָנגעהויבן געוואָרן די שלום־אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן דערפירט צו דעם ריגער טראַקטאַט צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און פּוילן. אונזער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך צוריקשטעלן אויף די פיס. ווי ווייט איך געדענק איז קיינמאָל נישט געווען אַ רעגירונג־אַקט, וואָס זאָל אָפיציעל צוריקשטעלן די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון אונ־זער באַוועגונג. עס איז אויסגעקומען טריט ביי טריט צוריק אויסצו־קעמפן רעכט אויף עקזיסטענץ. אָבער, פאַרשיכּורט מיט דער נאָר וואָס אָפּגעהאַלטענעם מיליטערישן נצחון און מיט די ראָזע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט, וועלכע האָבן זיך פאַר איר געעפנט, האָט די פּוילישע רעאַקציע אַביסל ווייניקער ווי פריער געשטערט דעם „בונד" צוריק זיך אויפצובויען. דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויפבוי איז צונויפגע־פאַלן צייטמעסיק מיט אַ זייער טיפן און פיבערהאַפטן אידעאָלאָגישן פּראָצעס, וועלכער האָט זיך פאַרנאַנדערגעוויקלט אין די בונדישע רייען.

די פריע צוואַנציקער יאָרן זיינען געווען די צייט פון שטאַרקסטן אידעאָלאָגישן שטרייט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט בכלל און אין בונד, אַלס אַ טייל פון איר, בפרט.

דער קאָמינטערן האָט זיך דעמאָלט געפונען אין זיין בליענדיקסטן אויפשטייג־פּעריאָד. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען צו שפּאַלטן די רייען פון די אייראָפּייאישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און צווישן די דאָזיקע מיטלען האָבן נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט די באַרימטע 21 פּונקטן, וועלכע דער קאָמינטערן האָט דע־מאָלט פאָרמולירט.

דער אידייעאישער שטרייט אין די ראַמען פון „בונד" איז געווען זייער אַ ליידנשאַפטלעכער. אַ דאַנק די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי האָט ער פאַרכאַפּט נישט בלויז די אָנפירנדיקע שיכטן נאָר אַריינגעדרונגען טיף אין די מאַסן.

פון 1920 ביז 1930 איז דאָס אינערלעכע לעבן פון „בונד" געגאַנ־גען אונטערן צייכן פון אידעאָלאָגישע שטרייטן, וועלכע האָבן געצוואונ־גען יעדן מיטגליד פון דער פּאַרטיי זיך זעלבסט־צובאַשטימען אידעאָ־לאָגיש. במשך פון דעם צענדליק יאָר האָט די פּאַרטיי אויסגעשמידט איר אימוניטעט צו דעם קאָמוניזם און זיינע מאַנעווערן. במשך פון דעם דאָ־זיקן פּעריאָד זענען אויסגעבויט און פאַרטיפט געוואָרן די רעוואָלוציאָ־נער־סאָציאַליסטישע יסודות פון דער באַוועגונג. אַרטור איז זעלבסט־

פֿאַרשטענדלעך אויך געווען אַריינגעצויגן אין דעם דאָזיקן אידייאישן שטרייט. צוזאַמען מיט דער דעמאָלסטיקער מערהייט אין דער פּאַרטיי, — האָט אַרטור זיך לײַדנשאַפֿטלעך אַריינגעוואָרפֿן אין קאַמף פֿאַר די פּרינציפּן פֿון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. אָבער ווי נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קאָמינטערן וויל שפּאַלטן דעם „בונד", האָט אַר־טור געהאָלפֿן אויסבילדן די מויער פֿון אידעאָלאָגישער שטאַנדהאַפֿ־טיקייט און עקשנותדיקן ווידערשטאַנד די שפּאַלטער, וועלכער איז געווען און איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם „בונד". אין די דאָזיקע שטורמישע יאָרן פֿון אינערלעכן אידעאָלאָגישן ברויזן איז נישט נאָר די פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצע קאָנסאָלידירט און אויסגעפּאַרעמט געוואָרן. במשך פֿון דעם זעלביקן פּעריאָד האָט זיך איר פֿירנדיקער שיכט קאָנ־סאָלידירט, די אידייאישע פֿיזיאָנאָמיע פֿון אַ סך אירע טוער איז רייַ־פֿער און קלאָר געוואָרן. די צייט האָט געווירקט ווי אַ ריזיקע זיפּ, וואָס לאָזט נישט אַדורך דעם שאָלעכץ און דעם אָפּפֿאַל. די כאַראַקטערן און דער ווילן פֿון די, וועלכע זיינען אַדורך דעם עקזאַמען פֿון דער צייט, זיינען אָבער דערפֿאַר געוואָרן מער אויסגעשפּראָכן, פֿיינער אויסגעע־טאַקט. אַרטור — ווי אַ צענטראַלער פּאַרטיי־טוער — איז אין דער פֿו־לער מאָס אַ פּראָדוקט פֿון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן פּעריאָד אין לעבן פֿון „בונד". ווער ס'גיט זיך וועגן דעם נישט אָפּ קיין חשבון דער קען נישט פֿאַרשטיין דעם שפּעטערדיקן אַרטור.

אין שייכות מיט דעם אידעאָלאָגישן שטרייט איז אונז אַלעמען אויסגעקומען אָפֿט מאָל צו באַזוכן די פּאַרוואָרפֿענסטע ווינקעלעך פֿון אונזער באַוועגונג, אַריינצוציען אין דעם דאָזיקן שטרייט די גאַנצע פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפֿט, ביז אירע לעצטע רעזערוון. אין „געוויינלע־כע" לעבנס־באַדינגונגען וואָלט אַרטור קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ נאָ־ענטע און אונמיטעלבאַרע געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך מיט דער באַווע־גונג. איך מיין נישט בלויז די פֿיזישע מעגליכקייט. אַרטור האָט באַקו־מען אַ מעגלעכקייט צו דערקענען אונזער באַוועגונג זייער נאָענט, זייער אינטים. דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ נאָענטער קענטעניש איז געווען, וואָס ער האָט אַלץ מער און מער נישט בלויז זי ליב געקראָגן, נאָר אַרטור איז פּשוט וואָס ווייטער אַלץ טיפֿער פֿאַרליבט געוואָרן אין „בונד"..

זיין פֿאַרליבטקייט אין „בונד" איז געווען אַ רעזולטאַט נישט דער־פֿון, וואָס זיין אויג איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם פּראַכט פֿון די יום־טובדיקע בגדים פֿון „בונד" נאָר פּונקט פֿאַרקערט, דערפֿון, וואָס ער איז אַנטציקט געוואָרן דורך דעם אינערלעכן מצב פֿון דער באַוועגונג,

וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים בעת זיין באַזוך פון די שטעט און שטעטלעך אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער בונדישער טעריטאָריע אין דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן. נישטאָ כמעט נאָך איינער ביי אונז, וועלכער איז געווען אויף אַזאַ אופן פאַרליבט אין „בונד" ווי אַרטור איז געווען. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיך אַליין, ווייל ער איז געווען אַ מיטגליד פון „בונד", פון זיינע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן. אויף זייטיקע האָט אַרטורס פאַרליבטקייט אין „בונד" געווירקט פאַרשידן. נישט זעלטן איז זי אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ טעאַטראַלישער זשעסט. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער איינדרוק איז געווען אַ דורכאויס פאַלשער און איבערפלאַכלעכער. אַרטור האָט קיינמאָל נישט געשפּילט די ראָליע פון דעם „ערשטן ליבהאָבער" אויף דער בינע פון אונזער באַוועגונג. אַרטור איז ווירקלעך געווען גרייט אויף די גרעסטע און שווערסטע קרבנות פאַר דער שטאַרקסטער ליידנשאַפט פון זיין לעבן — די בונדישע באַוועגונג. ער האָט דאָס באַוויזן אין זיינע לעצטע יאָרן...

דאָס צענדליק יאָר, 1920—1930, וועגן וועלכע איך שרייב יעצט, זיינען געווען די יאָרן פון אַרטורס וואוקס אין אַלע הינזיכטן. פון דעם פּראָווינציעלן, אַביסל פאַרחלומטן בחור, האָט זיך אָנגעהויבן אויס־שיילן אַ גוטער רעדנער, אַ סאָציאַליסטישער פּובליציסט, אַ מענטש מיט אַ חוש פאַר אַ צייטונג, פאַר דעם געדרוקטן וואָרט בכלל, אַ נאָוועלן־שרייבער, אַ יידישער קולטור־טוער אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

צו דעם אַלעמען האָט אַרטור קיין מאָל שוין מער נישט פאַרלאָרן זיין פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער טרייד־יוניאָניסטישער מאַסן־באַוועגונג, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אַזוי אומדערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, אין וואַרשעווער מעטאַל־פאַריין.

ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ער פאַרבליבן געבונדן מיט אונזער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אין וועלכער ער האָט פאַרנומען במשך פון יאָרן די העכסטע אָנפירנדיקע פּאָזיציעס. מער און אָפּטער איידער אַ סך פון אונז, איז אַרטורן אויסגעקומען צו קומען אין באַ־רירונג מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָניסטי־שער באַוועגונג, מיט אירע אָרגאַניזאַציעס און איינצעלנע טוער. ער האָט זיך דאָרט דערוואָרבן פריינט, אָבער נאָך מער אָנערקענונג. אַרטור האָט זיך נישט נאָר זייער שנעל אויסגעלערנט אַ פּליסיקן און גוטן פּויליש. אַ יידישער זון פון דער פּוילישער ערד האָט ער אַריינגעזויגן אין זיך דעם דורות־ אַלטן געפיל פון צוגעבונדנקייט צו פּוילן, וועלכער

איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יידישן לעבן אין פוילן. דער דאָזיקער דרימלדיקער אין אים, האַלב באַוואוסטזיניקער סענטימענט, איז אָבער אין לויף פון די יאָרן וועגן וועלכע איך דערמאָן יעצט, אויסגע־וואַקסן ביי אַרטורן אין אַ באַוואוסטזיניקע צוגעבונדנקייט צום לאַנד, צו אירע בירגער און צו איר געשיכטע. אַרטור איז נישט נאָר לאָגיש געווען איבערצייגט נאָר ער האָט אויך מיט זיין גאַנצן האַרצן געפילט, אַז פוילן איז דאָס פאָטערלאַנד פון זיינע יידישע בירגער. ער האָט גע־שטרעבט צו אַ וואָס ענגערן קאָנטאַקט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן מיט די פּוילישע. די סאָציאַלע און די נאַציאָנאַלע דערלייזונג פון די יידישע מאַסן האָט ער דערוואַרט פון אַ אמת דעמאָקראַטיש און סאָ־ציאַליסטיש פוילן.

זיין פּאַרטיי און זיין פאָלק זיינען פאַר אים געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם פוילן, וועלכע איז אים געווען טייער און נאָענט. נישט איינמאָל קומענדיק פון דער פּראָווינץ, טיילנדיק זיך מיט זיינע איינ־דרוקן, פלעגט אַרטור אָנווייזן דערויף, אַז אין די יידישע אַרבעטער־לאָ־קאַלן דאַרפן אויפגעהאָנגען ווערן בילדער פון די באַקאַנטע העלדן פון די פּוילישע באַפרייאונג־קאַמפן. צו דער טעמע פלעגט ער זיך עקשנות־דיק אומקערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. זי האָט אים אַפּנים נישט גע־לאָזט צורו.

איך דערמאָן זיך אַ סך געשפּרעכן מיט אים וועגן דער נויטיקייט צו דערנענטערן צווישן זיך די יידישע און די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן. אומבאַמערקטערהייט פאַר אונז און פאַר אים אַליין, האָט דאָס לעבן אים צוגעגרייט צו דער ראָל און צו דעם אָרט, וועלכע אַרטורן איז באַשערט געווען צו פאַרנעמען אין דער געשיכטע פון „בונד" נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939 . . .

*

אַרטורס פאָרשלאָג וועגן בילדער פון פּוילישע פרייהייט־העלדן אין אונזערע אַרבעטער־לאָקאַלן דערמאָנט מיר אין אַ געוויסן, וויניק באַ־קאַנטן, שטריך אין אים: אַרטור האָט געהאַט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן גע־פיל פאַר דעקאָראַציע, אַ געבאָרענעם חוש פאַר טעאַטראַלישקייט אין ברייטן זין פון דעם וואָרט. אמתער טעאַטער פאַרלאַנגט, אַז דער אַר־טיסט זאָל נישט „שפּילן" נאָר לעבן און איבערלעבן זיין ראָל אויף דער בינע. די העכסטע אַרטיסטישע בינע־דערגרייכונג קומט דאַן, ווען דער אַרטיסט פאַרגעסט אין דעם אַרטיסט און פאַרהאַלט זיך אויף

דער בינע ווי אַ מענטש מיט געוויינלעכע מענטשלעכע פריידן און ליידן. דער צוקוקער פֿאַרגעסט, אַז ער איז אין אַ טעאַטער און נעמט זיך אַדורך מיט דעם, וואָס ס׳קומט פֿאָר אויף דער בינע, פּונקט ווי ער וואָלט פֿאַר זיך געהאַט רעאַל, פּולסירנדיק, פּולבלוטיק לעבן... ס׳קען זיין, אַז ס׳קלינגט אַביסל פּאַראַדאָקסאַל; אָבער פּונקט ווי אַן אמתער, גאָט געבענטשטער אַקטיאָר, פּירט זיך אויף אויף דער בינע ווי אַ פּשוטער מענטש, אַזוי מוז אַ געוויינלעכער מענטש מיט אַן עכטן טעאַטראַליש געפֿיל אַריינברענגען אונפֿאַרמיידלעך אין זיין גאַנץ לעבן און באַזונדערס אין זיינע עפֿענטלעכע אַרויסטרעטונגען אַן עלעמענט פֿון אַן אַרטיסט.

ווען אַרטור פֿלעגט זיך צוהערן צו די דערציילונגען פֿון אַלטע בונדיסטן וועגן אונזער העראָישן בראשית — פֿלעגט ער זיך טיף איבערנעמען און איבערלעבן אַליין אַלע פּרטים. אַגב האָט ער זייער ליב געהאַט אַזעלכע דערציילונגען פֿון אַמאָל. ווען אַרטור פֿלעגט זיך באַטייליקן אין פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען און זיך צוהערן צו די אַרויסטרעטונגען פֿון אונזערע פֿירער פֿלעגט ער, ווי ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, האָבן דאָס געפֿיל פֿון איינעם, וועלכער איז אַנוועזנדיק — „ווי ס׳ווערט געמאַכט געשיכטע". עפּעס פֿון דער זעלביקער באַציאונג פֿלעגט זיך פֿילן אין זיינע אייגענע עפֿענטלעכע אַרויסטרעטונגען און אין זיין באַהאַנדלען זיינע אייגענע צוהערער.

אַרטור האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט עלימינירן דעם דאָזיקן פֿאַרוואָרצלטן אין אים געפֿיל פֿון עכטער טעאַטראַלישקייט. פּונקט ווי אין די פֿריערדיקע פֿאַלן, וועלכע זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן, האָבן אַ סך דעם דאָזיקן שטריך אין אַרטורן נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט. אַרטור האָט געמיינט טיף ערנסט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן. טויט־ערנסט. דער לעצטער פּעריאָד פֿון זיין לעבן האָט איבערצייגט אין דעם אַלע די, וועלכע האָבן עס נישט פֿאַרשטאַנען.

מען קען לערנען פֿון ביכער, מ׳קען אָבער אויך זיך אַ סך אויסלערנען פֿון לעבן גופא און פֿון די מענטשן, מיט וועלכע איינער קומט אין באַרירונג. אַרטור האָט געהערט צו דעם דאָזיקן צווייטן טיפּ. ער האָט פֿאַרמאָגט די מעלה פֿון לאָזן זיך באַאיינפֿלוסן פֿון יענע חברים און פֿריינט, פֿון וועלכע ער האָט געקענט — לערנען. זיין קומען פֿון דער פּראָווינץ אין וואַרשע האָט אים געגעבן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די עלטסטע און דערפֿאַרנסטע פּאַרטיי־טוער פֿון „בונד", איך קען זאָגן, אַז אַרטור האָט דעם דאָזיקן קאָנטאַקט און פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפֿט

אויסגענוצט אין דער פּולסטער מאָס. ווי אַ שוואָם האָט ער אַריינגעזויגן אין זיך זייער דערפאַרונג, זייער סטיל אין ריידן, זייער וויסן, זייער באַנעמען זיך. אין אייניגע פון אונזערע פירער איז אַרטור געווען ממש פאַרליבט ווי אַ יונגער גלויביקער חסיד איז פאַרליבט אין זיין רבין. דער כאַראַקטער־שטריך אין אַרטורן, וועלכן איך האָב אָנגערופן — „טעאַטראַלישקייט", האָט אים געצוואונגען, אָפט מאָל אָן זיין אייגענעם וויסן, צו מאַניפעסטירן אויסערלעך זיין דורכגעדרונגענקייט מיט זיינע „פאַוואָריטן" אין אונזער פאַרטיי־פירערשאַפט. צווישן זיי האָבן העכריק ערליך און בייניש מיכאַלעוויטש פאַרנומען ביי אַרטורן דעם ערשטן אָרט. ווי אַן אמת גלויביקער קאַטאָליק ווערט נאָך מער געשטאַרקט אין זיין גלויבן אַ דאַנק די הייליקע רעליגיעזע בילדער און איקאָנען, אַזוי איז דער גלויביקער בונדיסט אַרטור געשטאַרקט געוואָרן אין זיין איבערגעבנקייט דער באַוועגונג דורך די לעבעדיקע ביישפּילן פון עלטערע און דערפאַרענערע פון אים בונדישע פירער. אויב קאַטאָליציזם באַדייט עכטער רעליגיעזער געפיל, געפּאָרט מיט אַ מיסטישן אונבאַגרענעצטן גלויבן, אויסגעדריקט אין סימבאָלן און אין אַ צערעמאָניאַל, האָט אַזאַ געפיל באַהערשט אַרטורן אין באַצוג צו דעם „בונד". אין דעם זינען וואָלט איך אַפילו געוואַגט די באַהויפּטונג, אַז אַרטור איז געווען דער אויסגעשפּראָכענסטער קאַטאָליק צווישן אונז אַלעמען.

כ'דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד פון אונזער לעבן און קאַמף אין פּוילן, וועלכער שטייט מיר יעצט בולט פאַר די אויגן.

ס'איז געווען אַ מאַי־נאַכט אין וואַרשע, אין יאָר 1926. פּילסודסקי איז אַריבער די אַ. ג. פּאָניאַטאָווסקיס בריק און געגאַנגען מיט זיינע פּולקן אויפן בעלוועדער. אין ערשטן טאָג פון פּילסודסקיס פאַרכאַפּן די מאַכט, איז פאַר אַ סך נאָך ניט געווען אין גאַנצן קלאָר דער כאַראַקטער פון דער מלוכה־איבערקערעניש. די שוואַרצע און רויטע קאָרטן פון רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע זיינען געווען אויף אַ משונהדיקן אופן צעמישט. און קיינער האָט נישט געקענט זאָגן מיט פולער זיכערקייט, וועלכע קאָרט וועט ענדלעך דער גורל פון פּוילן אַרויסציען. מיר זיינען אַלע געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־ציישונג", וועלכע האָט יעדע האַלבע שעה באַקומען טעלעפאָנישע קאָמוניקאַטן פון באַלאַגערטן דורך פּילסודסקיס אַרמייען סיים וואו ס'האָט דיזשורירט אונזער אייגענער סיים־קאָרעספּאָנדענט גרשון זיבערט. דער נאַכט־רעדאַקטאָר, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט דעם נומער „פאָלקס־ציישונג", איז געווען בייניש מיכאַלעוויטש. אַ זייגער 2

אָדער דרײַ בײַנאַכט, ווען דער נומער איז אַראָפּגעגעבן געוואָרן צו דער ראָטאַציע־מאַשין, האָט בײַנוש פֿאָרגעשלאָגן מאַכן אַ שפּאַציר איבער די וואַרשעווער גאַסן, כּדי צו באַקומען אַן אוממיטלבאַרן אײַנדרוק פֿון דער שלאַכט און פֿון דער שיסערײַ. שלאָפֿן האָט דאָך סײַ ווי קײנער זיך נישט געקליבן און נישט געקענט. מיר זײַנען אַרויס פֿון טויער אין די פֿינצטערע, ליידיקע וואַרשעווער גאַסן: בײַנוש מיכאַלעוויטש, אַרטור, בערנאַרד, נאָך אַ פּאָר חברים און איך. דורך דעם פּזשעיאַזד, דלוגע און מיאַדאָוואַ זײַנען מיר אַרויס אויף דעם קראָקעווער פּאָרשטאָט, נײַע וועלט און פֿון דאָרט דורך אַ זײַטיקער גאַס אויף קרולעווסקאַ און גזשיבאָוו. איך האָב נישט בדעה צו באַשרײַבן דעם אויסזען פֿון דער שטאָט אין דער דאָזיקער היסטאָרישער פּאַר פּוילן נאַכט. כ׳וועל אויך ניט דערצײלן דאָ וועגן אונזערע דעמאָלסטיקע געשפּרעכן און פּערזענלעכע איבערלעבונגען. איך וועל זיך באַגנוגענען בלויז דערמיט, אַז אָנהויבנדיק פֿון ענדע מיאַדאָווע און קראַקאָווער פּאָרשטאָט ביז ווײַט אַרויף אויף נײַע וועלט צום בעלוועדער. זײַנען די גאַסן געווען באַלאַגערט מיט מיליטער־אָפּטײלונגען. די זעלנער האָבן זיך צעלײגט שלאָפֿן אויף די טראָטואַרן מיט די ביקסן בײַ דער זײַט, גרייט יעדע מינוט אויסצופֿירן באַפֿעלן. מיר האָבן זיך נאָענט צוגעקוקט אָדער אַרײַנגעקוקט אין די פּנימער פֿון די יונגע פּוילישע פּויערים־זין, וועלכע זײַנען אַרויס אונטער דער פֿירונג פֿון פּילסודסקי, אַרעסטירן די פּוילישע רעגירונג, אַראָפּזעצן דעם פּרעזידענט פֿון דער פּוילישער רעפּובליק א. א. וו. מיר האָבן נישט באַמערקט אין זייערע אויסדריקן קײן סימנים פֿון עפּעס אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונגען. די זעלנער זײַנען קענטיק געווען שלעפֿעריק און געוואָלט . . . עסן. אַרטור האָט זיך זייער אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו די זעלנער. מיר דאַכט זיך, אַז מער ווי יעדערער פֿון אונז. אין אַ געוויסן מאָמענט זאָגט ער צו מיר: „אָט אַזוי הייסט דאָס זעט אויס אַן איבערקערעניש, אַ רעוואָלוציע". — „נישט אַן איבערקערעניש" — ענטפֿער איך — נאָר „זייערע אַן איבערקערעניש". „דו מיינסט, אַז אונזערע וועט אויסזען אַנדערש?" — פֿרעגט אַרטור. איך האָב אים אויף דער פֿראַגע נישט געענטפֿערט. מיר האָבן זיך בײדע פֿאַרטראַכט. ווער פֿון אונז האָט דעמאָלט געקענט אײַנפֿאַלן, אַז אין אַן אַנדערער פֿינצטערער נאַכט פֿון סעפּטעמבער 1939, וועט אַרטור אויף די זעלביקע וואַרשעווער גאַסן אַליין אָרגאַניזירן אָפּטײלונגען פֿון יידישע אַרבעטער־זעלנער, וועלכע וועלן צוזאַמען מיט זייערע פּוילישע ברידער פֿאַרטיידיקן די הויפּט־שטאָט

פון פוילן קעגן דער מעכטיקסטער אַרמיי פון אונזער צייט, קעגן די מאָ־טאָריזירטע אַרמייען פון נאַצי־דייטשלאַנד?

*

אין דעצעמבער 1924, אויף אונזער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין וואַר־שע, איז אַרטור אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד”. ער איז פאַרבליבן אַ מיטגליד אין דער העכסטער פּאַרטיי־אינ־סטאַנץ ביז זיין טראַגישן זעלבסטמאָרד, ווייל יעדער נייער פּאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר פלעגט אַרטורן ווידער אויסוויילן אין צענטראַל־קאָמיטעט. במשך פון צוויי צענדליק יאָר פּאַרטיי־טעטיקייט לעבט מען איבער ביי אַלע באַדינגונגען אַ סך. באַזונדערס פיל איז אונז אָבער אויסגעקומען אַדורכצולעבן און אַדורכצוטראָגן במשך פון אָט דעם צייט־אָפּשניט אין פוילן. נישט בלויז אויסצורעכענען די וויכטיקסטע עטאַפּן פון אונ־זער אַרבעט פאַר די 20 יאָר אין אומאָפּהענגיקן פוילן, נאָר אפילו אָנ־צייכענען זיי, וואָלט באַדייט אַרויסגיין ווייט איבער די ראַמען, וועלכע כ׳האָב זיך געשטעלט.

אַרטורן איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו דערפילן זייער פאַר־אַנטוואָרטלעכע שליחות פון דער פּאַרטיי. ער פלעגט אַלע מאָל אַריינ־טראָגן אין דער אַדורכפירונג פון דער אנפאַרטרויטער אים אַרבעט אַן אייגענאַרטיקן, אַ טיף אינדיווידועלן שטריך, וועלכער פלעגט געוויינ־לעך פאַרוואונדערן. איך מיין נישט, נאַטירלעך, דעם פּערזענלעכן מאָ־מענט, וועלכן יעדער איינער טראָגט אַריין אין זיין אַרבעט. אַרטורס שטריך איז געווען מער ווי דער געוויינטלעכער „פּערזענלעכער מאָ־מענט”. אַפילו היינט בעת איך טראַכט וועגן דעם איז מיר שווער צו גע־פינען די ריכטיקע באַצייכענונג פאַר דעם „עפּעס”, וועלכן איך רוף — אַרטורס שטריך. אַ סך פון אונז האָבן געהאַלטן, אַז אַרטור האָט אַן אָפּ־נויג צו פאַנטאַסטיק... היינט ווייסן מיר בעסער. היינט וואָלט איך דעם דאָזיקן שטריך אין זיין אַרבעט צוגעשריבן נישט צו זיינע עקסקורסיעס אין קעניגרייך פון פאַנטאַסטיק, נאָר גיכער, צו אַ געוויסער וויזיאָ־נערישקייט, וועלכע איז געווען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון אַר־טורס נאַטור.

איז אַרטור געווען אַ „לייכטער” מענטש אין צוזאַמענאַרבעטן? אויסערלעך האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז יאָ, אַרטור פלעגט פאַר־העלטעניסמעסיק לייכט זיך לאָזן „איבערצייגן”, ווי ס׳איז אָנגענומען צו זאָגן אויף אונזער פּאַרטייאישן זשאַרגאָן. אָבער די דאָזיקע „לייכטקייט” איז אין אַרטורן געווען אַ פאַרפירערישע. זיין נאַטור האָט זיך נישט גע־

לאָזט בויגן אָדער ענדערן, אַפּילו ווען ער פלעגט מסכים זיין מיט אייך. זיין אינערלעכער ווערן פלעגט רעוואָלטירן קעגן זיין אייגענעם הסכם. זי איז געווען שטאַרקער ווי די אַרגומענטן, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אין דעם מיינונג־אויסטויש. אין דער געמיינזאַמער אַרבעט באַגעגנט מען זיך מיט פאַרשידענע מענטשן. ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע וועלן קיינמאָל אָדער זייער זעלטן אָפּטרעטן פון זייער מיינונג. ס׳דוכט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין וועגן זיי צו איבערצייגן. די דאָזיקע אויסערלעכע עקשנות איז אָבער צו אָפט געפּאָרט מיט אַן אינערלעכע נאָכגיביקייט, וועלכע שטייגט איבער אַלע דערוואַרטונגען. אין דער אַרבעט גופא, קעגן זייער אייגענעם ווילן, גיבן זיי זיך אונטער. מיט אַרטורן איז געווען פאַרקערט. זיין „סטיל" אין דער אַרבעט האָט מען נישט געקענט ענדערן. איך מיין, אַזביידע סימנים — זיך „לאָזן איבערציגן" ד. ה. זיין אויפנאַמפּעאיק פאַר אַרגומענטן און אין דער זעלביקער צייט פאַרמאָגן אַן אויסגעשפּראָכן אייגענעם וועג, וועלכער איז אָפט שטאַרקער ווי די שטאַרקסטע לאָגישע ראיות, איז אַ סימן פון יעדער אויסגעשפּראָכענער פּערזענלעכקייט. אַרטור איז בלי ספק געווען אַזאַ פּערזענלעכקייט.

אַרטור האָט געהערט צו יענעם מין געזעלשאַפטלעכע טוער, וועמענס פּייאיקייטן און טאַלאַנטן בליען זיך פאַנאַנדער אַמשטאַרקסטן אין מאָמענטן פון גרעסטער פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ס׳זיינען פאַראַן נאַטורן, וועלכע גיבן פון זיך אַרויס דעם מאַקסימום בלויז אין אַ קאָלעקטיוו. זיי פאַרטראָגן נישט דעם געפיל פון פּערזענלעכער אַחריות. איבערגעלאָזט אַליין פעלט זיי דער ווילן אָדער די פּעאיקייט פון באַשליסן, פון — דעציזיע.

אַרטור האָט צו זיי נישט געהערט.

אין אַ קאָלעקטיוו פלעגט ער אָפט אַזוי ווי פאַרוועלקט ווערן. דערפאַר אָבער פלעגט ער אַלע מאָל, ווען די באַוועגונג פלעגט אים אַוועקשטעלן אויף אַ קאַמפּס־אַפּשניט, וואו די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געלעגן בלויז אָדער קודם־כל אויף אים, אַזוי ווי אויפבליען. אויך אין דעם פּרט האָט זיין נאַטור און זיין פּאַרטיי־לעבן ווי צוגעגרייט אים צו דער היסטאָרישער ראָל אין לעבן פון די יידישע מאַסן פון פוילן, וועלכע אים איז אויסגעקומען צו טראָגן נאָכן אויסברוך פון דער יעצטיקער מלחמה.

לויט זיין גאַנצער נאַטור איז אַרטור געווען נישט צוגעפּאַסט צו דער גרויער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. ער האָט איר געטאָן נישט ערגער ווי אַ סך פון אונז. אָבער זיין נשמה איז אין אַזאַ אַרבעט נישט גע־

ווען. ער איז געווען אַ מענטש נישט פונדערוואַכנס פון דער באַוועגונג, נאָר פון אירע גרויסע קאַמפּס־יום־טובים. אָבער אין אַ גרויסער מאָסן־באַוועגונג זיינען שטענדיק פאַראַן, מוזן זיין פעריאָדן פון באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, ווי צופלוסן און אָפּפלוסן ביים ברעג פון אָפענעם ים. אין די גרויע וואָכעדיקע טעג און יאָרן פלעגט ער זיך נישט קענען גע־פינען קיין אָרט. ס׳פלעגט אים ווי אויספעלן לופט צו אָטעמען. מער אַ מענטש פון אומיטלבאַרן גרויסן טאַט איידער פון אַנאַליטישן גע־דאַנק, פלעגט אַרטור אין אַזעלכע צייטן פּרובירן אויסלאַדעווען זיין ענערגיע אויף „זייטיקע״ וועגן: ליטעראַטור, טעאַטער, זען די וועלט, כלערליי אַנדערע עקספּערימענטן צו פאַרטאָן זיך אַליין... פון אַן ערך 1929 ביז 1933 איז אונזער באַוועגונג אין פּוילן אַריין אין אַ צושטאַנד פון צייטווייליקן שטילשטאַנד, אויסגעפּילט מיט אַ זייער אינטענסיווער וואָכעדיקער אַרבעט, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם שפּעטערדיקן שטורמישן וואוקס פון „בונד״. די אַטאַקעס פון רעכטס מצד דעם ציו־ניסטישן לאַגער און די מערדערלעכע פאַרניכטונג־אַנגריפן פון לינקס מצד די קאָמוניסטן, זיינען אָפּגעשלאָגן געוואָרן אין אַ ביטערן קאַמף. נישט פאַרבויגנדיק זיין אידייאישן פּנים און נישט מאַכנדיק קיינע הנחות אויף רעכטס אָדער אויף לינקס, האָט דער „בונד״ אויסגעקעמפט זיך אַ בכבודיקן אָרט אין יידישן לעבן פון פּוילן און אין פּוילישן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן בכלל. נאָך די דאָזיקע ביטערע שלאַכטן איז ווי גע־ווינלעך געקומען אַן אָטעם־פּויזע. דער אינער־לעכער אידייאישער שטרייט אין דער פּאַר־טיי איז צו יענעם מאָמענט אויך אין אַ גרויסער מאָס פאַרענדיקט געוואָרן. אין אייראָפּע האָבן געבלאָזן רעאַקציאָנערע ווינטן און אַנטשפּרעכענדיק דערצו האָט די האַלב פאַשיסטישע פּילסודסקי־הערשאַפט אין פּוילן געפרעסט ווי אַ בלייענע מאַסע. די דאָזיקע „שטי־לע״ פינף יאָר זיינען געווען די שווערסטע אין פּאַרטיי־לעבן פון אַר־טורן. איינע פון זיינע „עקספּערימענטן״ פון יענע יאָרן איז געווען זיין אָפּפאָרן אויף העכער אַ יאָר צייט אין אַמעריקע אַגיטירן און פאַר־שפּרייטן דאָס יידישע בוך.

ווען אַרטור האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון אַמעריקע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פּילן אין דער לופט די אָנקומענדיקע שטורמען. ס׳איז געווען די צייט נאָך דעם ווינער קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, וועלכער איז פאַרגעקומען אין 1931.

ס׳איז נאָך געווען פּריש אין זכרון דער מיינונג־דועל אויפן קאָנ־

גרעס צווישן דעם פּאַרזיצער פון דער דייטשער פּאַרטיי וועלסן, וועלכער האָט פּאַרזיכערט, אַז דייטשלאַנד וועט קיינמאָל נישט באַהערשט ווערן דורך היטלערן, און הענריק ערליך, וועלכער האָט נביאיש געוואָרנט דעם קאָנגרעס פאַר דער שרעקלעכער סכנה, וועל־כע רוקט זיך אָן אויף דייטשלאַנד און צוזאַמען דערמיט אויף דער גאַנ־צער וועלט. ס׳האָבן נאָך געקלונגען אין די אויערן פון די אַנטיילנע־מער אויף דעם קאָנגרעס די לעצטע אַקאָרדן פון דער רעדע פון אָטטא באוערן, וועלכער האט געשלאָסן דעם קאָנגרעס מיט אַ וואָרנונג צו דער וועלט וועגן דער נייער מלחמה, וועלכע רוקט זיך אָן. גלייך נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין יאַנואַר 1933 האָט אונזער באַוועגונג אין פּוילן, אָרגאַניזאַציאָנעל און פּאָ־ליטיש, זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די אָנקומענדיקע שטורמען. דער ווינער אויפשטאַנד אין יאָר 1934 האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־טוער דאָס געפיל פון אַחריות און דעם ווילן צום קאַמף. אין די יאָרן האָבן מיר ערנסט גענומען טראַכטן וועגן די מיטלען און פאָרמען פון אונזער קאַמף קעגן אַן אָפע־נער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין פּוילן לויטן מוסטער פון היט־לער דייטשלאַנד. די ערשטע צוגרייטונגען, אַז אַזאַ איבערקערעניש זאָל אונז נישט טרעפן אינגאַנצן אומגעריכט זיינען דעמאָלט געמאַכט גע־וואָרן. ס׳איז דאָ נישט דער אָרט צו שילדערן די דראַמאַטישע לעצטע יאָרן פון אונזער לעבן און קאַמף אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן.

אַרטור האָט צוזאַמען מיט אונז אַלעמען זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער מערקווירדיקער מאָביליזיר־אַרבעט קעגן דעם אויסערלעכן און אינערלעכן פאַשיסטישן שונא, — אַן אַרבעט, וועלכע האָט אונז באַ־שאָנקען מיט דעם צוטרוי פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן. אַלס יידישע פּאַרטיי האָבן מיר אין די דאָזיקע יאָרן געפייערט די גרעסטע נצחונות און פון יעדער נייער וואַל־קאַמפּאַניע אַרויס אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ביז, ענדלעך, בעת די אַלגעמיינע שטאַט־ראַט־וואַלן אין גאַנץ פּוילן אין די יאָרן 1938—9 באַוויזן אין די גרעסטע יידישע צענטערן פון פּוילן מאָביליזירן אַרום אונזער פאָן די ווייט־גרעסטע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

איך געדענק אַ געשפּרעך מיט נחן, קורץ איידער מיין אָפּפאָרן אין אַמעריקע אין אָנהויב פון יאָר 1939, בעת וועלכן ער האָט אויף זיין שטייגער, אין קאָרגע אָבער אײַנדרוקספולע ווערטער, אויסגעדריקט זיין שטאָלץ צוליב דעם פירענדיקן אָרט פון „בונד״ אין יידישן לעבן

פון פוילן. אין דער זעלביקער צייט אָבער האָבן מיר אַלע, אַלס אַ טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, גוט גע־וואוסט, אַז מיר געפינען זיך אויף אַ וואולקאַן, וועלכער האַלט אַט־אַט ביים אויסברעכן מיט פייער און אַש, וועלכע וועלן פאַרברענען און פאַרשיטן אַלץ אַרום אונז...

די צוגרייטונגען צו דעם אנקומענדיקן „מאָרגן", צוזאַמען מיט די אומגעוויינלעכע וואָל־נצחונות, האָבן באַשאַפן אַ דרינגענדיקע נ ו י ט װ ע נ ד י ק ײ ט צו פאַרשטאַרקן דעם א. ג. „בונדישן ראַ־יאָן" מיט מענטשן פון צענטער. אין אָנהויב 1938 האָט דער צענטראַל קאָמיטעט באַשלאָסן צו באַזעצן אַרטורן אין לאָדז; אַרטור האָט דעמאָלט צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד געוואוינט אין וואַרשע. ס'איז נישט געווען קיין לייכטער ענין. באַזונדערס אַרטורן האָט מסתמא זייער ווייניק געשמייכלט די פערספּעקטיוו צו פאַרלאָזן דעם צענטער, כדי זיך צו באַזעצן „אויף שטענדיק" אין לאָדז. ער האָט אָבער קיין צווייט וואָרט נישט געזאָגט אַנטקעגן דעם פּלאַן. אין געציילטע טעג האָט ער ליקווידירט זיין דירה אין וואַרשע און מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אָפּ־געפאָרן צו זיין נייעם קאַמף־פּלאַץ. אַרטור האָט אויף דעם געזעגנונג־אָונט וועלכן די באַוועגונג האָט איינגעאָרדנט פאַר אים אין וואַרשע געהאַלטן אַ שלוס־רעדע אויף דער טעמע — וואָס די פּאַרטיי איז פאַר אים און וואָס ער איז שולדיק דער באַוועגונג. אגב איינע פון זיינע בעסטע און שטאַרקסטע רעדעס, וועלכע איך האָב אים ווען נישט איז געהערט. מיר האָבן זיך דערנאָך געטיילט מיט די איינדרוקן פון דעם אָונט. איך ווייס נישט צי ס'איז געווען איינער, וואָס זאָל נישט האָבן געווען טיף גערירט און אָדורכגענומען מיט אַרטורס דעמאָלסטיקער אַרויסטרעטונג...

יעצט טראַכט איך וועגן יענעם געזעגענונג־אָונט ווי וועגן אַ וויי־טערדיקן עטאַפּ פון אַ געהיימען גורל, וועלכער האָט געפירט אַרטורן צו זיין דראַמאַטישן סוף. ווען אַרטור פאָרט נישט דעמאָלט אַוועק קיין לאָדז וואָלט ער מסתמא אָדורכגעמאַכט דעם זעלביקן וועג פון אונזער גאַנצער וואַרשעווער עמיגראַציע פון סעפּטעמבער 1939. אַרטור איז אָבער פון לאָדז געקומען קיין וואַרשע, ווען די שטאָט איז שוין געווען עוואַקו־אירט. אָבער מיט דער הילף פון נאָך איניגע חברים האָט אַרטור אַרויסגעגעבן די וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג" ביז פאַרן סוף פון דער דייטשער באַלאַגערונג, אָרגאַניזירט אין דער זעלביקער צייט יידי־שע אַרבעטער־באַטאַליאָנען צום שוץ קעגן די נאַצי־אַרמייען, געלייגט די

פונדאַמענטן פון אונזער אונטערערדישער באַוועגונג אין נאַצי־פוילן און... געטראַכט, ווי ער האָט אונז שפּעטער דערציילט, יעדע שעה און יעדע נאַכט וועגן טויט... אָן אומזעעוודיקע האַנט האָט געפירט אַרטורן צו זיין היסטאָרישער ראָל.

*

זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן מיר געהאַט דאָ אין ניו יאָרק צוויי מאָל „גרוסן" וועגן אַרטורס טעטיקייט אין אָקופּירטן פוילן:

אין יאַנואַר 1940 האָט דער אָפיס פון דער בונדישער דעלעגאַציע אין ניו־יאָרק באַקומען אַ אומדערוואַרטעטע דעפּעשע פון בערלין. צו־ליב געוויסע טעמים וויל איך נישט אויסזאָגן פון וועמען. די דעפּעשע האָט אונז מודיע געווען, אַז אַרטור זיגעלבוים געפינט זיך דאָרט, אַז ער איז אין גאַנצן אָן געלט און בעט מ׳זאָל אים באַזאָרגן מיט אַ וויזע און רייזע־דאָקומענטן קיין סאַן־דאָמינגאָ.

ביז דעם טאָג ווען די דאָזיקע דעפּעשע איז אָנגעקומען האָבן מיר אַלע געוואוסט, אַז אַרטור איז אין וואַרשע בראש פון דער בונדי־שער אונטערערדישער באַוועגונג. ס׳איז זיך דעריבער לייכט פאָרצו־שטעלן אונזער שטוינונג און איבעראַשונג. אין דער ערשטער מינוט האָט קיינער פון אונז נישט געוואוסט, וואָס איבערצוטראַכטן. אָבער, נישט אונזערע דעמאָלסדיקע געפילן זיינען יעצט וויכטיק. גיך האָט זיך די רעטעניש אויפגעקלערט. ענדע דעצעמבער 1939, נאָך 4 מאָנאַטן אין אָקופּירטן וואַרשע, זייענדיק יעדן טאָג אויסגעשטעלט אויף די שרעקלעכסטע געפאַרן, האָט אַרטור פאַרלאָזן פוילן מיט דער מיסיע זיך אַדורכגנבענען דורך גאַנץ דייטשלאַנד, כדי ברענגען דעם ערשטען באַ־ריכט, וואָס טוט זיך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע דעם עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט געדאַרפט אָפּ־האַלטן איינע פון זיינע לעצטע סעסיעס אין ברוסעל — בעלגיע.

די דערמאָנטע דעפּעשע פון בערלין האָט געהאַט אַ שייכות צו דער דאָזיקער אומגלויבלעכער רייזע פון וואַרשע קיין ברוסעל, וועלכע אַר־טור האָט אַדורכגעמאַכט. זיינע שווידערלעכע איבערלעבונגען בעתן גאַנצן וועג וועלן נאָך אַמאָל מיט אַלע פּרטים פאַרעפענטלעכט ווערן.

די געוואָגטע אונטערנעמונג איז געלונגען. אַרטור איז אָנגעקומען קיין ברוסעל עטלעכע וואָכן איידער בעלגיע איז אקופּירט געוואָרן דורך דייטשלאַנד.

אַרטור איז געווען דער ערשטער פאָרשטייער פון דעם אונטער־

ערדישן יידישן אַרבעטער „בונד" אונטער נאַצי־אָקופּאַציע, אויף דער לעצטער סעסיע פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, איידער היטלער האָט אָקופּירט דעם קאָנטינענט. אַרטור איז געווען דער ערשטער שליח פון דעם נייעם אונטערערדישן עטאַפּ פון דער אייראָפּייאישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכער האָט זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט דער העכסטער רעפּרעזענטאַנץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר אַלטער, פאַר־מלחמהדיקער געשטאַלט. דער ביטערער „היינט" פון דער באַוועגונג האָט זיך אויף אַ רגע באַגעגנט מיט איר „נעכטן". די פירער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל זיינען געווען גערירט פון אַרטורס דראַמאַטישן באַווייזן זיך. זיין באַריכט האָט געמאַכט אַ רושם. די דאָזיקע סעסיע פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע אַרטור האָט בייגעוואוינט, האָט געמאַכט אויף אים צוליב אַ סך סיבות אַ גרויסן איינדרוק. אויך מיר דאָ אין ניו־יאָרק און אונזערע אין ווילנע, וואו ס'האָט זיך דעמאָלט גרופּירט אונזער עמיגראַציע פון וואַרשע, האָבן טיף איבערגעלעבט די דאָזיקע ידיעה.

אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער, אין מיטן זומער פון זעלביקן יאָר 1940 האָבן מיר באַקומען אַ צווייטן גרוס פון אַרטורן. אַ יידישער כּלל־טוער פון וואַרשע איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ער איז געוואָרן אַ ראַטמאַן אין דער וואַרשעווער יידישער קהלה שוין נאָך דעם, ווי וואַרשע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. אַרטור איז אויך געווען דאָרט אַ ראַטמאַן. די דייטשן האָבן די אַלע ראַטמענער פון דער יידישער קהלה מיט דעם ראש הקהל אינזשיניער טשערניאַקאָוו געהאַלטן פאַר זאַקלאַדניקעס, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם באַנעמען זיך פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער דאָזיקער יידישער כּלל־טוער איז קיינמאָל נישט געווען נאָענט צום „בונד". ער איז שטענדיק געווען אונזער אַ פּאָליטישער קעגנער. נישט איינמאָל איז אונז אויסגעקומען אין דער היים זיך קעגנזייטיק צו באַקעמפן, אָפט מאָל שאַרף. אָבער ער איז אַדורך צוזאַמען מיט אַרטורן די ערשטע חדשים פון יידישן לעבן פון וואַרשע אונטער דעם גיהנום פון נאַצי־אָקופּאַציע. ער האָט זיך כּסדר געטראָפן אויף די זיצונגען פון דער יידישער קהלה מיט אַרטורן, זיך צוגעהערט צו זיינע אַרויסטרעטונגען, געווען אַן עדות פון אַרטורס טעטיקייט. ער האָט זיך אין וואַרשע געטראָפן מיט צענדליקער, מיט הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן אים דערציילט וועגן

אַרטורן. אַרטור איז געווען אויף די ליפּן פון דער גאַנצער יידישער וואַרשע, וועלכע האָט אים באַוואונדערט ווי איר לעבעדיקע לעגענדע. ער האַלט דעריבער פאַר זיין מענטשלעכן פליכט אונז אָפּגעבן אַ „באַריכט", אונז צו דערציילן וועגן אַרטורס טעטיקייט אין וואַרשע.

דער גאַסט פון „יענער וועלט", דער יידישער כלל־טוער פון וואַרשע, איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ זיצונג פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד האָט ער אונז דערציילט וועגן לעבן פון די וואַרשעווער יידן אונטער נאַציס. איין בילד איז געווען שוידערלעכער פון דעם צווייטן. סצענעס פון אונזער לעבן אין דער היים זיינען אונז געשטאַנען פאַר די אויגן. נעמען פון באַקאַנטע פריינד און קעגנער האָבן כסדר געקלונגען אין די אויערן. יעדעס מאָל אָבער, ווען ער פלעגט זיך אומקערן צו באַשרייבן די אומגלויבלעך העלדישע האַלטונג פון אַרטורן, זיין מוט אין די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע מאָמענטן, פלעגט זיך די שטים פון רעדנער ענדערן. מ'האָט געפילט, אַז ער איז נאָך יעצט, אין ניו־יאָרק, אונטער דעם גוואַלטיקן איינדרוק פון אַרטורס געשטאַלט, אַזוי ווי ער האָט זי געזען אין וואַרשע. ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם דאָזיקן איינדרוק, און מיר האָבן אים געגלויבט בעת ער האָט אונז געזאָגט, אַז די יידן אין וואַרשע פלעגן רופן אַרטורן — אונזער צדיק, אָדער אונזער העלד — ווי איינער.

ער האָט אונז אויף דער דאָזיקער זיצונג דערציילט צוויי עפּיזאָדן פון אַרטורס דעמאָלסטיקער טעטיקייט, וועלכע האָבן זיך מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון; אַרטורס אַרויסטריט אויף אַ זיצונג פון קהלה־ראַט קעגן דער פאַראָרדנונג פון די נאַציס, אַז דער ראַט זאָל תּיכּף אָרגאַניזירן אַליין דעם געטאָ און אַרטורס מיטינג פאַר צענדליקער טויזנטער יידן אויף די חורבות פון גזשיבאָווסקאַ גאַס, און ער האָט גערופן נישט אונטערגעבן זיך דער פאַראָרדנונג פון די נאַציס, נישט לאָזן זיך איינשפּאַרן אין געטאָס.

די דרייסטקייט פון אַרטורס אַרויסטרעטונגען, זיין ווירדע און שטאָלץ האָבן עלעקטריזירט די יידישע באַפעלקערונג, האָבן זיי אָנגערעגט צו עקשנותדיקער שטאַנדהאַפטיקייט. אָט די האַלטונג האָט געהאַט אַ פּעולה. עס איז טאַקע דעמאָלט געלונגען אָפּהאַלטן אויף לאַנגע מאָנאַטן דעם געטאָ־אומגליק. אַרטורן איז דעמאָלט געלונגען צו דערהויבן די יידישע ראַטמענער פון דער וואַרשאַווער קהלה צו אַ גייסטיקער הויך, וואו פּערזענלעכער גורל שפּילט מער קיין ראָלע נישט אין פאַרגלייך מיטן גורל פון פאָלק, מיטן גורל פון כלל. אונזער גאַסט האָט

מיט אַזוי פיל געפיל און עכטער איבערגעגעבנקייט דערציילט וועגן דער סצענע פון עפענטלעכן גאַסן־מיטינג, גערופן דורך ארטורן אין וואַרשע, אז מיר האָבן דאָס בילד געזען און אַדורכגעלעבט נאָכאַמאָל אין ניו יאָרק.

מיר האָבן געהערט זיין באַריכט און אונזער פיין צוליב די ליידן פון די יידן איז געווען געמישט מיט שטאָלץ: אַרטור, יידישע אַרבעטער, „בונד"...

אַרטור האָט געהאַט אַ געפיל, אַז דער נאַצי־שונא פאַרפאָלגט אים שטאָט נאָך שטאָט און לאַנד נאָך לאַנד. אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען פון וואַרשע אין ברוסעל איז בעלגיע אָקופּירט געוואָרן. באַלד ווי ער האָט באַוויזן אַנטלויפן פון ברוסעל אין פאַריז איז פראַנק־רייך געפאַלן. ער איז אַוועק פון פאַריז אין מאַרסעל, וואו דער דרוק פון די דייטשן איז שוואַכער געווען און פון דאָרט איז דעם יידישן אַרבע־טער־קאָמיטעט געלונגען אים אַראָפּצובריינגען קיין ניו־יאָרק. ער איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פון די נאַצים־טישע נעגל.

איך געדענק דעם ניו־יאָרקער פרימאָרגן, דעם 12־טן סעפּטעמ־בער 1940 ווען איך בין אַוועק צום שיף באַגעגענען אַרטורן. ער איז אָנגעקומען מיט דער גרויסער שיף „ניו־העליאַס". די פאָרמאַליטעטן האָבן געדויערט זייער לאַנג און ס'האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז מ'האָט אים אַראָפּגעלאָזן פון שיף. גלייך ווי מיר האָבן אים דערזען אַראָפּגייענדיק פון שיף אַ דאַרן, אַן אָפּגעברענטן, מיט אַ מאָגער רענצל אין האַנט, האָט זיך מיר ווי לעבעדיק אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן דאָס בילד מיט 20 יאָר צוריק ווען איך האָב אים אין וואַרשע באַגע־גענט, ווען ער איז געקומען, כדי אָנצוהויבן זיין לעבנסוועג אין „בונד".

דער זעלביקער אויסזען, האָב איך נישט ווילנדיק, אַ טראַכט גע־טאָן, דער זעלביקער אויסדרוק פון דורשטיקער נייגעריקייט צו אַ ניי לעבן, וואָס עפענט זיך פאַר אים, צו אַ ניי פעלד פון אַרבעט און קאַמף. דער זעלביקער בליק פון אויגן, וואָס זוכן דעם צווייטן אָפּשניט פון וועג נאָך איידער זיי האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם ערשטן. דער זעל־ביקער פראַגע־צייכן, פונקט ווי ער וואָלט זיך אַליין געשטעלט די פראַ־גע — וואוהין...

היינט ווייסן מיר, וואוהין דער דאָזיקער לעצטער וועג פון אַר־טורן האָט געפירט: פון ניו־יאָרק קיין לאָנדאָן און פון דאָרט צו ער־

דישן טויט און אייביקן לעבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג, אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

מיר זיינען אָרעמער געוואָרן מיט אַ נאָענטן חבר און פריינט. די יידישע מאַסן זיינען רייכער געוואָרן מיט אַ נאָמען פון אַ העלד, וואָס וועגן אים, וועלן דיכטער שרייבן לידער, וועלכע דאָס פאָלק וועט זינגען...

ז. אַרטור

# מיין רייזע דורכן נאַציש גיהנום

(אַ קאַפּיטל פון אַ פאַרבליבענעם כתב־יד, אין וועלכן ח׳ זיגלבוים באַשרייבט זיין אַרויספאָר פון נאַצי־פּוילן)

## 1. דער ערשטער עטאַפּ

אין אַ פּראַסטיקן פרימאָרגן בין איך געבליבן שטיין אויפן שלעזישן וואָקזאַל אין בערלין — אַן אויסגעשעפּטער און האַלב־צעטומלטער, נישט וויסענדיק געגוי וואָס ווייטער צו טון.

אין קאָפּ און אַלע גלידער זיינען מיר געלעגן די איבערלעבונגען פון די לעצטע חדשים, די טויזנטער גרויל־בילדער וואָס קאָנען שוין קיינמאָל נישט אַרויס פון געדעכעניש און וועלכע רויבן ביי אַ מענטשן אויף אייביק צו זיין רואיקייט. צום שטאַרקסטן אָבער האָב איך געפילט די אָנשטרענגונגען פון די לעצטע עטלעכע טעג. מיינע נערוון און מיין ווילן זיינען געווען אָנגעשפּאַנט פון דעם באַוואוסטזיין, אַז איך האָב אונטערגענומען אַ ריזיקאַלישע, כמעט פאַנטאַסטישע רייזע, כּדי זיך אַרויסצוראַטעווען פון אַ זיכערן טויט, אָדער אפשר פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און דער אינקוויזיציע פון דער געסטאַפּאָ, וואָס איז נאָך ערגער פון דעם טויט. די בילדער, מיט וועלכע איך בין געווען פול און דאָס אָנגעשטרענגטע טראַכטן ווי זיך אויפצופירן איצטער, ווען איך געפין מיך שוין אין סאַמע צענטער פון נאַצי־לאַנד, האָבן געמאַכט, אַז איך בין אַ ביסל ווי אַ ווילדער, ווי אויפן עולם־הדמיון, ניט באַמערקענדיק כמעט וואָס אַרום מיר טוט זיך.

מענטשלעכע פיגורן האָבן געשוועבט פאַרביי מיר ווי אין אַ נעפּל. מענטשלעכע שטימען און ווערטער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין מיין אויער און זיינען נישט דערגאַנגען צו מיין באַוואוסטזיין. עמיצער האָט מיך אַ שטויס געטון, עמיצער האָט מיך געבעטן „פערצייהונג“, אַ רויטלעך פּנים מיט קורץ־געשניטענע וואָנסעס איז אַ סעקונדע געווען זייער נאָ־

ענט פון מיינעם. איך האָב מיך ביסלעכווייז אויפגעכאַפּט פון מיין פאַר־
גליווערונג און בין צוריקגעקומען צו דער רעאַליטעט.
איך האָב מיך אַרומגעקוקט און האָב באַמערקט נייגעריקע בליקן,
וועלכע באַטראַכטן מיך. מענטשן אין גרוי־בלויע מונדירן פון דער „ס.
אַ.“, אין שוואַרצע מונדירן פון הימלערס „טויטענקאָפּ־קאָמאַנדע“ „ס.
ס.“ זיינען דאָ כּסדר געגאַנגען פאַרביי. עס זיינען אויך געגאַנגען מענטשן
אין די מונדירן פון דער דייטשער „רייכסווער“, מיט מעדאַלן אויף די
ברוסטן, טייל אָפיצירן האָבן געטראָגן מאָנאָקלען אין די אויגן און מיט
פאַרריסענע קעפּ אין דערהויך, זיינען זיי געגאַנגען מיט אַזאַ שטאָלצן
פאַראַד־גאַנג, מיט וועלכן עס גייען די העלדן פון אַלטע אָפּערעטעס.
דאָס רויטלעכע פּנים האָט זיך ווידער דערנענטערט צו מיר. ס'איז
געווען אַ באַן־טרעגער: צי קאָן ער מיר מיט עפּעס דינען? — „ניין, אַ
דאַנק“.
אינם וואָקזאַל־האָל האָט געפעלט די אויפגערעגטע רירעוודיגקייט
און טומל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גרויסשטעטישע וואָקזאַלן.
דורך די שוואַרץ־פאַרשמירטע שויבן פון די הויכע פענסטער (כּדי ביי־
נאַכט זאָל זיך קיין ליכט־שטראַל נישט אַרויסבאַקומען) האָט אַ טונקל
ליכט אַיינגעהילט דעם וואָקזאַל אין טרויער. ס'איז פאַרהעלטנישמעסיק
געווען ווינציג מענטשן און צווישן זיי — גאָר ווייניג ציווילע. די צי־
ווילע מענטשן אויפן וואָקזאַל האָבן זיך באַקענט אָן דער ספּעציפישער
עקזאַלטאַציע פון רייזענדע, זיי זיינען געווען שוויגענדיקע און זיינען גע־
גאַנגען אַזוי ווי קעגן זייער ווילן. ביי דער וואַנט, נעבן אַריינגאַנג־טיר
איז געשטאַנען אַ רייע באַן טרעגער. זיי האָבן געהאַט מאָגערע און
טרויעריקע געזיכטער און האָבן געשוויגן, ווי זיי וואָלטן דאָ געוואַרט
אויף עמיצנס לוויה. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעשריגן קריגס־פּלאַקאַטן,
אילוסטרירטע מיט די „פריידיקע“ בילדער פון ריזיגע פרייסישע זעל־
נער, וואָס שפּרייזן מיט גרויסע שטיוול און פון אונטער זייערע טריט
וואַקסן־אויס הייזער, זוניקע שטעט, מיט האַקנקרייצן, האַקנקרייצן...
אַ פריידיקע בשורה פון דער זוניקער וועלט, וואָס דער פרייסישער זעל־
נער מיטן האַקנקרייץ אויפן העלם גרייט פאַר זיין פאָלק. און אין מיין
טעמפּן און „נישט־רעאַלן“ קאָפּ האָבן די דאָזיקע בילדער גראָד אַרויס־
גערופן דעם אָנבליק פון די חורבות וואָס דער זעלבער פרייסישער זעל־
נער האָט געמאַכט אין די שטעט פון מיין לאַנד. און איך האָב אין מיין
פאַנטאַזיע געזען די זעלבע חורבות אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט,
וואו נאָר דער שטיוול פון פרייסישן זעלנער וועט דערגרייכן. פון די

ווענט האָבן אויך אַראָפּגעשריגן אַז אַ שיעור פּלאַקאַטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער גרויסער איבערשריפט: „וואָרנונג״. מען האָט געוואָרנט נישט צו רעדן, צו היטן זיך פאַר שפּיאָנען, לאַנגע אינסטרוקציעס האָבן געלערנט ווי זיך אויפצופירן בשעת אַ לופט־אַלאַרם.

די פּאַסאַזשירן פון דעם צוג, מיט וועלכן איך בין אָנגעקומען, זיינען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען. דער וואָקזאַל איז געווען כמעט ליידיק. בלויז גרופּקעס זעלנער מיט זייערע פּעקלעך האָבן זיך נאָך געדרייט איבערן וואָקזאַל. זיי האָבן געוואָרפן אויף מיר בליקן. איך האָב אַליין אויך גיך מיטן בליק אַרומגעטאַפּט מיין פיגור. איך האָב מיך דערזען מיט די צוויי וואַליזעס אין ביידע הענט, מיט מיין גרויען ווינטער מאַנטל מיטן געלן פוטערנעם קראַגן, איך האָב מיר פאָרגעשטעלט ווי פאַרמאַטערט און נישט אויסגעשלאָפן עס מוז אויסזען מיין פּנים, און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך טאָר דאָ אַזוי נישט שטיין, אַז איך זע אויס אַנדערש ווי אַלע מענטשן דאָ אַרום און מוז אוודאי צוציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. איך האָב מיר ווידער קלאָר געמאַכט די געפאַר, וואָס הענגט איבער מיר. איך האָב אָפּגעטרייסעלט פון זיך די מידקייט און האָב אָנגעשפּיצט מיין גאַנצע וואַכזאַמקייט. אינסטינקטיוו האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און האָב דערזען אין אַ ווינקל, צווישן די גרויסע טאָוולען מיט די פאָר־פּלאַן־טאַבעלעס, אַ פּאַרשוין אין ציווילע קליידער, וועלכער איז כלומרשט פאַרטיפט אין די פאָר־פּלענער, אָבער ער שפּיזט מיך דורך מיט די אויגן.

מאָמענטאַל האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און בין מיט אַ זיכערן טראָט צוגעגאַנגען צו דער אינפאָרמאַציע־שטעלע. אין דעם בעסטן דייטש, וועלכן איך האָב נאָר געקאָנט פון זיך אַרויסברענגען, האָב איך געפרעגט ווען עס גייט אָפּ דער נאָענטסטער צוג קיין האַנאָווער. אַן עלטערער אוניפאָרמירטער דייטש מיט אַ גוטמוטיק פּנים האָט מיר געענטפערט, אַז איך דאַרף וואַרטן ביז פאַרנאַכט. נאַכלעסיק, אַזוי ווי צוליב סתם נייגיריקייט, האָב איך, שוין זייענדיק אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, ווייטער אַ פרעג געטון, צי דער דאָזיקער צוג גייט דירעקט ביז בענטהיים (די לעצטע דייטשע סטאַציע ביי דער האָלענדישער גרעניץ), און איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ניין, אַפילו ביז האַנאָווער גייט נישט דער צוג דירעקט און איך וועל ערגעץ מוזן זיך איבערזעצן.

איך בין געלאַסן אַוועק צו דער „בעוואַרונגס־שטעלע״ און האָב אַוועקגעגעבן מיינע צוויי וואַליזעס. אַ באַפרייטער פון לאַסט האָב איך מיך אַרומגעקוקט מיט אַ געמאַכטער געמיטלעכקייט. איך בין געווען

בלויז עטלעכע שפּאַן אַוועק ווען איך האָב באַמערקט ווי דער פּאַרשוין אין די ציווילע קליידער איז צוגעקומען צו דער „בעוואַרונגס־שטעלע" און האָט באַטראַכט מיינע וואַליזעס, שמועסנדיק עפּעס מיטן מאַן, וועל־כער האָט געקלעפּט אויף זיי צעטלען.

אין קאָפּ איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז שוין איצטער, ביי מיינע ערשטע טריט אינם דייטשן רייך, קאָן איך אַריינפאַלן. מיינע נערוון זיינען געוואָרן אָנגעשפּאַנט, ווי סטרונעס. איך האָב דערפילט, אַז מיין יעדער טראָט, יעדע באַוועגונג מוזן זיין געמאָסטן. איך האָב אַרויפגעצויגן אַן אויסגערעכנטע מאַסקע אויף מיין פּנים און בין געלאָסן צוגעגאַנגען צו דעם ציימונגס־קיאָסק. איך האָב געקויפט אַ פּעקל סיגאַ־רעטן און האָב גענומען באַטראַכטן די צייטונגען. מיט אַ רואיקער באַ־וועגונג האָב איך אַרויסגעצויגן אַ „פּעלקישען בעאָבאַכטער". אַ דייט־שער זעלנער, וועלכער האָט איינגעהאַנדלט סיגאַרעטס, האָט אַריינגע־קוקט אין מיין צייטונג. אָנווייזענדיק מיט די אויגן אויף אַ שרייענדיקן קאָפּ וועגן דערטרונקענע ענגלישע שיפן, האָט ער צו מיר גוטברודעריש אַ זאָג געטון:

— די ענגלענדער האָבן עס איצט פּיין...

איך האָב אים פּונקט מיט דעם זעלבן טאָן געענטפערט:

— יאָ, זיי האָבן וואָס עס קומט זיי...

מיר האָבן ביידע געשמייכעלט, קוקענדיק זיך אַ ווײַלע אין די אויגן, ווי גוטע „פאָלקס־גענאָסן".

איך האָב דערפילט אימיצן פון מיין לינקער זייט. איך האָב מיך אומגעקוקט און דערזען דעמזעלבן ציווילן פּאַרשוין. ער איז געשטאַנען און האָט כּלומרשט מיט אינטערעס באַטראַכט די אַנזיכטס־קאַרטן. הויך און אומגעשטערט האָב איך דעם זעלנער אַ פרעג געטאָן, צי ער פאָרט אויף אורלויב. ווען ער האָט, אַ זייער צופרידענער, באַשטעטיקט מיין פראַגע, האָב איך אים ווייטער אַ פרעג געטאָן, אין וועלכער ריכטונג ער פאָרט. — „פּילייכט פאָרן מיר צוזאַמען, קאַמעראַד?" — ניין, ליידער פאָרט ער אין אַן אַנדער ריכטונג. „שאַדע". און איך האָב אַרויסגענו־מען אַ סיגאַרעט פון דעם נאָר וואָס געקויפטן פּעקל. דער ציווילער פּאַרשוין פון מיין לינקער זייט האָט גראָד געהאַט אָנגעצונדן אַ שווע־בעלע צו פאַררויכערן זיין סיגאַרעט. איך האָב מיך אויסגעדרייט צו אים און מיט אַ פאַרטרוילעכן שמייכל אַ זאָג געטאָן: „וואָלטן זי זאָ פרוינדליך זיין? מאַן מוז הויטע פערדאַמט שפּאַרזאַם זיין". ער האָט אַריינגעטאָן אין זיינע שפּיזנדיקע אויגן עפּעס, אַזוי ווי אַ שמייכל, און

האָט מיר העפלעך אונטערגעטראָגן פייער. בשעת איך האָב מיט מיין סיגאַרעט געצויגן דאָס פייער פון זיין האַנט, האָט ער כלומרשט צופע־ליק אַ פרעג געטאָן: פאַרען זי וויט ?״ — ״אַ, ניכט זייער״ — האָב איך אויך אַזוי נאָכלעסיק געענטפערט — ״נאָך האַנאָווער״. איך האָב פאַר־צויגן דעם רויך פון סיגאַרעט און מיט אַ פאַרטרויליכן בליק צוגעגעבן: ״פאַמיליען־פליכטן״.

ער האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף מיין דיקן מאַנטל מיט דעם פוטערנעם קאָלנער און האָט ווייטער אַזוי ווי צופעליק געפרעגט: ״זי קאָמען וואַרשיינליך פון קאַלטע געגענדן ?״ — ״יאַ, פון אָסטען״ — האָב איך אַ וויז געטאָן מיטן קאָפּ. — ״אָסט־פּרויסן ?״ — האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן. איך האָב אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אַזוי, אַז עס זאָל הייסן אי יאָ, אי ניין. דאַן האָב איך זיך צו מיינעביידע מיטשמועסער רו־איק אַ ווענד געטאָן: ״גריסע גאָט, צייט צו גיין״. — ״הייל היטלער״ — האָבן ביידע אויסגעשטרעקט די הענט. מיט אַ ניט געאײַלטן טריט בין איך אַרויס פון וואַקזאַל. די גאַס פון בערלין האָט געבלענדט מיט דער ווייסקייט פון שניי. אַ שניידנדיק פרעסטל האָט מיך אַרומגענומען. פון דערווייטנס איז געשטאַנען אַ ריזיק־גרויסער און דיקער דייטשער פּאָליציי־מאַן אין זיין גרינעם מונדיר און האָט אויף מיר געקוקט. איך בין אַ ווײַלע געשטאַנען און געטראַכט וואוהין צו גיין. אומבאַמערקט האָב איך אַריינגעוואָרפן בליקן אין וואַקזאַל, צו זען, צי יענער פאַר־שווין שפּירט מיר ניט נאָך. איך האָב באַמערקט, ווי ער איז צוזאַמען מיטן סאָלדאַט פאַרביי געגאַנגען דעם וואַקזאַל־האָל אין דער ריכטונג פון רעסטאָראַן. איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט און האָב מיך אַוועק גע־לאָזן אויף מיין ערשטן שפּאַציר איבער די נאַציש־בערלינער גאַסן. איך בין געווען פול מיט שווערע פאַרגעפילן און האָב כמעט ניט פאַרמאָגט קיין גלויבן, אַז עס איז מעגלעך דער נס, איך זאָל קאָנען אַרויסקומען פון אָט דעם גרויליקן לאַנד. דאָס וואָס איז מיט מיר ווייטער געשען, איז מאָמענטענווייז געווען ערגער אַפילו פון דעם, וואָס איך האָב דער־וואַרט, אָבער דער נס איז פאַרט געקומען.

## 2. פאַנטאַסטישע פּלענער

איך האָב שפּאַצירט איבער די בערלינער גאַסן מיט דער גוטמוטי־קער מינע פון אַ געוויינלעכן שפּיס־בירגער. איבערטראַכטנדיק אַלע פּרטים פון מיין ווייטערדיקן פּלאַן, בין איך אין געדאַנק נאָך אַמאָל דורכגעגאַנגען מיין געפערלעכע אונטערנעמונג פון אָנהויב אָן: בלייבן

אין וואַרשע האָב איך מער ניט געקאָנט. שוין זינט וואָכן האָט די געס־טאַפּאָ געפירט מיט מיר אַ קאַץ־און־מויז שפּיל. איך האָב ניט געקענט מער אַנגיין מיט מיין אַרבעט, און צוליב מיין ספּעציפישער לאַגע האָב איך מיך אויך ניט געקאָנט באַהאַלטן. איבער מיר איז געהאַנגען מיין גורל ווי אַ שווערד, גרייט יעדע מינוט זיך אַראָפּצולאָזן אויף מיין קאָפּ. אַלע מיינע פריינד האָבן געפילט, אַז איך שפּיל מיט פייער, אַז מיינע טעג, אפשר שעהן, זיינען געציילטע... זיי האָבן מיך געיאָגט איך זאָל וואָס גיכער אַנטרינען ווערן.

לאַנג האָט מען געפּלאָנט דעם אופן פון מיין אַנטרינען. עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פּלענער, מאַנכע פון זיי גאַנץ פאַנטאַס־טישע. אָט איז באַשאַפן געוואָרן אַ פּאַספּאָרט פון אַ געבוירענעם טערק, וואָס האָט זיך אַמאָל נאַטוראַליזירט אַלס אַרגענטינישער בירגער, און האָט געהאַט זיין שטענדיקן וואוין־אָרט אין האָלענדישן קיראַסאָ. דער פּאַס איז געווען אויסגעשטעלט פון אַרגענטינישן קאָנסולאַט אין פּאַריז. אין אים זיינען געווען מייסטערהאַפט איבערגעמאַכט די גע־בורטס־דאַטן, צוגעפּאַסט צו מיר, און עס איז געווען אַריינגעקלעפּט מיין פאָטאָגראַפיע. דער נאָמען איז געווען אַזאַ מאָדנער און לאַנגער, אַז איך געדענק אים אַפילו ניט. עס קאָן זייער זיין, אַז מיט דעם דאָ־זיקן פּאַס, וועלכער וואָלט מיך געמאַכט פאַר אַן „אַריער" און דערצו אַן אַרגענטינישן בירגער, וואָלט זיך מיר געווען איינגעגעבן רואיק און באַקוועם אַרויסצופאָרן פון די נאַצישע לענדער, אָבער מיר האָבן דעם פּלאַן פאַרוואָרפן: אַ טערק, וואָס איז אַן אַרגענטינישער בירגער, האָט פאַרבראַכט אין פּאַריז און האָט זיין שטענדיקע רעזידענץ אויף אַ האָ־לענדישן אינזל, — און ער קאָן ניט רעדן ניט קיין טערקיש, ניט קיין שפּאַניש, ניט קיין האָלענדיש און ניט קיין פראַנצויזיש, — „אַזאַ טערק מוז אַוודאי זיין אַ פאַרדעכטיקער טערק",—האָב איך מיר געטראַכט. איך האָב די דאָזיקע „טערקישע" ריזיקע ניט געוואָלט נעמען. (אַ חוץ דעם זיינען געווען מאָטיוון פון מאָראַלישן כאַראַקטער, צוליב וועלכע איך האָב ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך פאַר זיך צו אַנטלויפן פון פּוילן אונ־טער אַ פרעמדן נאָמען, ווייל דאָס וואָלט, צוליב אַ געוויסער סיבה גע־קאָנט אפשר שטעלן אין געפאַר צענדליקער און אַפילו הונדערטער אַנ־דערע מענטשן). איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל אַוועק נאָר דאַן, ווען עס וועט געלינגען צו באַשאַפן כאָטש אַ שיין פון לעגאַליטעט פאַר מיין רייזע, ד. ה. איך זאָל אַרויספאָרן אונטער מיין אייגענעם נאָמען, און ער־געץ וואו זאָל אין אַ דייטשן אַמט בלייבן אַ סימן, אַז איך בין אַרויס־

געפאָרן לעגאַל. איינצואָרדנען דאָס דאָזיקע איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכן. עס האָט אַפילו אויסגעזען אוממעגלעך. מיר האָבן גע־וואוסט, אַז אין די דייטשע אָקופּאַציע אַמטן אין וואַרשע הערשט קאָ־רופּציע, אַז ביי געוויסע באַאַמטע פון דער געסטאַפּאָ אַפילו קאָן מען זייער פיל אויפטון פאַר געלט. אָבער מען האָט געדאַרפט האָבן די נוי־טיקע פאַרבינדונגען כדי צו קאָנען צוקומען צו זיי. און מיר האָבן אַזעל־כע נישט פאַרמאָגט.

מיט די געציילטע חברים, וועלכע האָבן געוואוסט וועגן גאַנצן ענין פון מיין אַנטלויפן האָבן מיר באַטראַכט פאַרשידענע פּלענער. מיר האָבן געוואויגן און געמאָסטן די שאַנסן וואָס יעדער פּלאַן האָט געגעבן און האָבן אָפּגעוואָרפן איינעם נאָכן אַנדערן. עס איז אַפילו געבוירן גע־וואָרן אַזאַ פאַנטאַסטישער פּראָיעקט, אַז איך זאָל פאַרמעל שטאַרבן. אַזוי ווי קיין מתים האָבן דעמאָלט אין וואַרשע נישט געפעלט, זאָל מען אַ פרעמדן מת באַגראָבן טאַקע אונטער מיין נאָמען, מען זאָל „מיר" מאַכן אַ לויה, און אין אַלע ביכער זאָל פאַרשריבן ווערן, אַז איך בין געשטאָרבן. דאַן וועל איך מיט אַ רואיק געוויסן קאָנען אַוועקפאָרן אונ־טער אַ פרעמדן נאָמען. אין אָנפאַנג איז דאָס מיר געפעלן און מען האָט אַפילו שוין אָנגעהויבן טריט כדי אָט דעם פאַנטאַסטישן פּלאַן צו רעאַליזירן. אָבער שפּעטער האָט עס מיר אויסגעזען שוין צופיל פאַנ־טאַסטיש און צו „גוט", עס זאָל קאָנען זיין אמתדיק. צופיל מענטשן האָבן מיך געקאָנט, און עס וואָלט דאָך געגנוג געווען, אַז מען זאָל מיך ערגעץ דערקאָנען נאָך „מיין" לויה, עס זאָל זיך פאַרשפּרייטן דער סענ־סאַציאָנעלער קלאַנג, אַז דער געשטאָרבענער גייט גאָר אַרום אַ לעבעדי־קער און דער קלאַנג זאָל דערגיין צו דער געסטאַפּאָ, און דער גאַנצער „גוטער פּלאַן" זאָל ערשט אויף אַן אמת באַגראָבן סיי מיך און סיי אפשר אויך אַנדערע. מיר האָבן דעריבער אויך דעם דאָזיקן פּלאַן פאַר־וואָרפן און אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געזוכט אַנדערע וועגן.

דערווייל זיינען אַוועק וואָכן אין אומרואיקייט און פּיין, בשעת וועלכע סיי ביי־טאָג און סיי ביי־נאַכט האָב איך יעדע סעקונדע דערוואַרט, אַז אָט וועלן זיך דערהערן די האַרטע קלעפּ אין דער טיר און עס וועלן זיך אַריינרייסן נאָך מיין גוף און נשמה יענע לייט מיטן טויטן־שיידל אויף זייערע היטלען, וואָס בלויז זייער אָנבליק אין וועלכן עס איז הויז מאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

סאלא — מיין בראַווע פרוי און יוסף — אונזער ניין יעריקער זון האָבן אַלץ געטון כדי מיר גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן פון יענע טעג.

יעדן אינדערפרי פלעג איך אַרויסגיין פון שטוב כדי צו טון יענע אַר־בעטן, וואָס האָבן געדיכטער געמאַכט די טויט־געפאַר אַרום מיין קאָפּ. סאַלאַ פלעגט מיך באַגלייטן מיט אַ מוטיקן שמייכל אויף די ליפּן ביז דער טיר. אָבער איר בליק פלעגט מאָדנע הילפלאָז אַ פלאַטער טון ווען זי פלעגט קוים צו הערן אַרויסשעפּטשען:

— זיי פאָרזיכטיק...

און יאָסעלע, ליגענדיק אין זיין בעטל, מיט דער קאָלדרע ביז דער גאָמבע און שפּילענדיק זיך מיט דער פּאָרע פון זיין מויל אינם נישט געהייצטן צימער, פלעגט מיך אָפּגיסן מיט אַ לאַנגן בעטענדיקן בליק פון זיינע גרויסע, פאַרשטענדיקע אויגן:

— טאַטע, קום נישט שפּעט, טאַטע, ס'איז אַזוי אומעטיק...

ביידע פלעגן נישט פרעגן וואו איך וועל זיין: סאַלאַ — ווייל זי האָט געקאָנט אונזערע כללים. און יאָסעלע — ווייל באַלד אין אָנפאַנג האָב איך אים אָנגעזאָגט:

— מען טאָר היינט גאָר נישט פרעגן און קיינעם גאָרנישט ענט־פערן, פאַרשטייסט, זונעלע?

און ער, מיט אַ בלאַס און איבערנאַטירלעך ערנסט פּנימל און מיט גרויסע, גרויסע אויגן:

— יאָ, טאַטע, איך פאַרשטיי...

ער איז געווען ערנסט און שטאָלץ און געטריי זיין צוזאָג: ער האָט זיך געפילט אַריינגענומען אין דער ערנסטער שפּיל פון די גרויסע.

ווען איך פלעג אין אָוונט, האַרט פאַר דער „פּאָליציי־שטונדע" עפענען די טיר, פלעג סאַלאַ אַרויסלאָזן פון דער האַנט דאָס העמדל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרריכטן און ביים שפּיל פון ליכט און שאָטן, וואָס דאָס טאַנצענדיקע פלעמל פון חלבנעם ליכט האָט געשאַפן, פלעג איך קאָנען באַמערקן, ווי עפּעס אַן אָנגעשטרענגטקייט אין איר פּנים און אין גאַנצן גוף לאָזט נאָך און גיט איר אַ דערלייכטערונג. כמעט אַן אָפּגעשטאָרבענע און אָן כוחות פלעגט זי ענטפערן אויף מיין קוש, אַרויסברענגענדיק אַ קוים־אָנזעעוודיקן שמייכל אויף אירע וויים־געוואָרענע ליפּן. יאָסעלע פלעגט אויפשפּרינגען פון זיין בוד, וואָס ער האָט געלעזן, האַלטענדיק זיין קאָפּ כמעט ביים סאַמע ליכט אויפן טיש, און טאַנצענדיק אַרום מיר, פלעגט ער מיך אָנכאַפּן פאַר די געפרוירע־נע הענט:

— אָ, ענדלעך ביזטו דאָ, טאַטע, מיר וועלן שפּילן היינט עפּעס אַ נייע שפּיל?...

די פרייד האָט געשפּראָצט פון זיין גאַנצן רירעוודיקן גופל.

אַ ווײַלע שפּעטער פלעג איך וואַרעמען די הענט ביים הייסן גלאָז בלאַסע טיי און עסענדיק דאָס מאַלצייט, וואָס סאַלע האָט גאָט ווייס פון וואָס אויסגעכישופט, פלעג איך אויסהערן סאַלעס טאָג־באַריכט. מיט האַלבע ווערטער און מיט אָנצוהערענישן, כּדי דער קליינער זאָל נישט פאַרשטיין, פלעג זי מיר דערציילן ווער עס איז דאָ היינט געווען פון מיינע חברים, וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן. זי פלעגט מיט אַ וואונק אָנווייזן וואו זי האָט עפּעס אַוועקגעלייגט, וואָס חברים האָבן געבראַכט.

יאָסעלע פלעגט זיך דערביי מאַכן פאַרנומען מיט זיינע זאַכן: ער הערט גאָרנישט און פאַרשטייט גאָר נישט. אָבער אָפט פלעג איך אי־בעררױשט ווערן פון דעם פאַרשטענדיקן בליק פון זיינע גלאַנצענדיקע אויגן, וואָס ער פלעגט אויף אונז וואַרפן פון צייט צו צייט. אַ פאַרשעמ־טער פלעגט ער צוריקכאַפּן דעם בליק, יעדעס מאָל וואָס איך פלעג אים באַגעגענען, גלייך מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ פאַרברעכן...

שפּעטער, פלעגט ער, געטריי דעם אָפּמאַך, ליגן אין זיין בעטל אויס־געדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך מאַכן שלאָפן, בשעת איך פלעג נאָך שעהען לאַנג אַרבעטן ביים טיש. און איך האָב געוואוסט, אַז מיט אַלע פיבערן האָרכט ער זיך אײַן אינם רוישן פון פּאַפּיר, וואָס איך פּאַק פאַנאַנדער און אינם סקריפּען פון מיין פעדער, און אַז פּונקט ווי די מוטער ליגט ער מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און שפּיצט אַן די אויערן: צי קלאַפּט מען נישט אין טויער? צי ווען „זיי" מיך נישט פּאַקן אין מיטן דער פאַרבאָטענער אַרבעט?...

אַזוי האָט זיך געצויגן איין טאָג נאָכן צווייטן. יעדן טאָג האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט צענדליקער מענטשן, צווישן זיי אַ סך פון מיי־נע פריינד. אַ חוץ דעם פלעגט יעדן טאָג אַן אַנדערער פון מיינע פריינד באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען אין געסטאַפּאָ־אָפּיס „אויף אַ קאָנ־פערענץ". פון די דאָזיקע „קאָנפערענצן" פלעגט זיך כּמעט קיינער שוין מער נישט אומקערן אַהיים. פאַר מיינע אויגן שוועבן היינט די פּנימער פון אַ סך, אַ סך מיינע פריינד און חברים, וועלכע זיינען אין יענע טעג אַרעסטירט געוואָרן אָדער ביי זיך אין היימען, אָדער בשעת אַזעלכע „קאָנפערענצן". אַ טייל פון זיי האָט שוין לאַנג אויסגעהויכט די נשמות, שטאַרבענדיק ווי מאַרטירער אונטער די ראַפינירטע פּייניקונגען פון דער געסטאַפּאָ. וועגן אַנדערע פון זיי קאָן מען גאָר נישט דערגיין, צי זיינען זיי שוין אומגעקומען, אָדער שלעפּן זיי נאָך ערגעץ אין קאָנצענט־ראַציע לאַגערן דאָס פּיינפולע לעבן, וואָס איז ערגער ווי דער טויט.

איך אַליין האָב אין יענע טעג געטאַנצט אויפֿן גליטשיקן אײַז: יעדן טאָג פֿלעגט מיר אימיצער נאָכגיין טריט נאָך טריט. אָפֿט פֿלעג איך דערקאָנען דעם זעלבן מענטש וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען נעכטן, אָדער אייערנעכטן. אַמאָל פֿלעגט דאָס זיין אַ מענטש אָנגעטון ווי אַ פּוילישער פּויער, אַמאָל — ווי אַ נאָרמאַלער שטאָטישער איינוואוינער, און אַמאָל — ווי אַ גאַסן־יונג. — „וואָס איז די שפּיל?" — פֿלעג איך טראַכטן — פּאַר וואָס נעמען זיי מיך נישט גלייך? אָן אָנזאָג, אַז מען וועט מיך רופֿן צו אַ „קאָנפֿערענץ" האָב איך געהאַט שוין פֿון לאַנג. אויף וואָס זשע וואַרטן זיי? — איך און מיינע חברים האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז איידער זיי נעמען מיך ווילן זיי איך זאָל זיי אַרויספֿירן אויף די שפּורן פֿון אַ גאַנצער אָרגאַניזאַציע, פֿון די אונטערערדישע גרופּעס, וואָס זיי זוכן אַזוי אייפֿעריק אַרום און פֿאַר וועלכע זיי האָבן געמאַכט פֿאַראַנט־וואָרטלעך גראָד די יידישע באַפֿעלקערונג. זיי האָבן געפֿאָדערט פֿונעם „יודענראַט" ער זאָל זיי אַרויסגעבן די אָנפֿירער פֿון די געהיימע פּוילי־שע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס.

שעהנלאַנג פֿלעג איך אויף די גאַסן מאַנעווורירן כּדי צו פֿאַר־לירן דעם נישט געוואונטשענעם „עק", וואָס האָט זיך מיר נאָכגע־שלעפּט, איידער איך פֿלעג אַריינגיין צו די מענטשן וועלכע איך האָב געדאַרפֿט זען. אָפֿט פֿלעג איך גאַנצע טעג פֿטרן אויף גאָרנישט, ווייל איך פֿלעג נישט קאָנען אָפּנאַרן מיין פֿאַרפֿאָלגער און פֿאַרשוואונדן ווערן פֿון זיינע אויגן. אָפֿט פֿלעג איך אויף דער גאַס נישט ענטפֿערן אויף באַ־גריסונגען פֿון מיינע פֿריינד, כּדי נישט צו שטעלן זיי אונטער אַ חשד. דאָס איז געווען אַ מאָדנע לעבן מיט דעם אומדערטרעגלעכן געפֿיל פֿון אַ פֿאַרמשפּטען, וועלכן מען לאָזט זיך נאָך שפּילן אין פֿרייהייט, אָבער ווי לאַנג? דער פֿאַרמשפּטער ווייס נישט ווען די לאַפּע וועט זיך אויס־ציען נאָך זיין קאָפּ — אין פֿינף מינוט אַרום, אין צוויי שעה, אָדער מאָרגן?... דאָס לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט אין זיך די פּיין פֿון אַ גאָר אייגנאַרטיקן מין. אָפֿט פֿלעג איך פֿילן ווי מיינע נערוון הייבן אָן נאָכלאָזן, זיי האָבן עס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איך האָב געמוזט מיט אַלע כּוחות אונטערדריקן דעם חשק זיך צו וואַרפֿן אויף מיין פֿאַרפֿאָלגער, אָדער פֿון אים צו פֿאָדערן ער זאָל מאַכן אַ סוף צו דער שפּיל, זאָל ער מיך נעמען, זאָלן זיי טון מיט מיר וואָס זיי ווילן, אָבער זאָל מען מיך אויפֿהערן צו פֿאַרפֿאָלגן.

אָבער נאָך ערגער איז געווען די כּסדרדיקע מורא, אַז איך וועל דאָך פֿאַרשלעפּן די שפּיאָנען צו די ערטער וואָס זיי זוכן, אַז צוליב מיר

וועלן מיינע נאָענטע חברים, אָדער אַמאָל גאָר פרעמדע און אומשול־דיקע מענטשן ליידן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין פאַרזיכטיקייט איז געוועז פאַלקאָם, אַז איך בין שוין געווען פולשטענדיק „ריין", ווען איך בין שוין צו אימיצן אַריין. איינמאָל אָבער איז מיין זיכערקייט צו־שטערט געוואָרן: איך בין אַריין זען מיין חבר ד"ר ב. ער איז געווען אַ טוער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, אָבער נישט פון יענע אַרויסגערוקטע פיגורן, וועלכע זיינען גוט באַקאַנט דער ברייטער עפנטלעכקייט. בשעת דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע האָט ער קיין עפנטלעכע ראָלע נישט געהאַט, און איצט האָט ער מיט אונזער געהיימער אַרבעט געהאַט נאָר אַ גאָר ווייטע שייכות. ער האָט דערי־בער געהאָפט, אַז אים וועט אפשר געלינגען „אַריבערצושווימען", ווי אַ לעגאַלער מענטש, וועלכער האָט נישט קיין שייכות צו פּאָליטיק. ער האָט זיך מיט אונזער הילף איינגעאָרדענט ווי איינער פון די אָנפי־רער פון אַן עפנטלעכער הילפס־אינסטיטוציע, וועלכע פלעגט דאַרפן באַזאָרגן מיט קוואַרטירן די טויזנדער אומגליקלעכע היימלאָזע, וואָס דער מערדערישער בליץ־קריג און די נישט ווינציקער מערדערישע דעפּאָרטאַציעס וואָס די דייטשן האָבן כסדר געמאַכט, האָבן געשאַפן. די אינסטיטוציע איז געווען אַ טומעלדיקע. שטענדיק פלעגן דאָרטן זיין הונדערטער מענטשן, וואָס פלעגן וואַרטן אויף אַ שטיקל דאַך אי־בערן קאָפּ. מיר האָבן דעם ד"ר ב. דעריבער אויסגענוצט ווי אַ פאַר־בינדונגס־פּונקט צווישן אונז אין ספּעציעלע פאַלן. עס איז געווען זיי־ער איינפאַך צו שטעלן זיך אין דער רייע פון היימלאָזע און צוקומענ־דיק צו אים זאָל מען פון אים באַקומען די עטלעכע ווערטער אינפאָר־מאַציע אָדער אינסטרוקציע, וואָס אַן אַנדערער האָט אים פריער אויף דעם זעלבן אופן איבערגעלאָזן.

אין איינעם פון יענע טעג האָב איך געוואָלט דורך אים איבערגעבן אַ וויכטיקע ידיעה צו מיינע חברים. אָנגעמענדיק פריער די געוויינלע־כע פאַרזיכטיקייט־מיטלען בין איך אין אַריין אין דער אינסטיטוציע און האָב מיך געשטעלט אין דער רייע. ער האָט מיך גיך באַמערקט און האָט מיך אַריינגענומען אין זיין צימער. כלומרשט אויספילענדיק אַן אַפּליקאַציע אויף אַ וואוינונג האָבן מיר צען מינוט געשמועסט וואָס מיר האָבן געדאַרפט. צומאַרגנס האָט ער מיר געדאַרפט איבערגעבן אַן ענטפער פון מיינע חברים. אָבער צומאָרגענס איז ער שוין מער צו דער אַרבעט נישט געקומען: פאַרטאָג האָט אים די געסטאַפּאָ אַרעסט־

טירט און ביז היינט צו טאָג ווייס איך נישט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען.

נאַטירלעך האָב איך מיך געקאָנט טרייסטן, אַז דער דאָזיקער אַרעסט איז אפשר פאַרגעקומען צוליב אַנדערע סיבות און נישט דער־פאַר וואָס איך בין צו אים אַריין. בין איך דאָך פריער עטלעכע מאָל אויף דעם זעלבן שטייגער ביי אים געווען. אָבער דאָס וואָס איך האָב נישט געקאָנט האָבן קיין פולשטענדיקע זיכערקייט, אַז עס איז נישט געשען צוליב מיין שולד, האָט ביי מיר צוגערויבט דאָס לעצטע ביסל רואיקייט, דאָס שפּילן זיך מיט מיינע פאַרפאַלגער אויף די גאַסן האָט מיר מער נישט געגעבן יענע עמאָציע, און דאָס אָפּנאַרן זיי האָט מיר מער נישט געגעבן די סאַטיספאַקציע וואָס פריער, ווייל איצט האָב איך שוין נישט געהאַט די זיכערקייט, צי עס געלינגט מיר טאַקע זיי אָפּצונאַרן. די אַזוי אויך ענגע וועלט איז מיר נאָך ענגער געוואָרן. איך האָב געפילט ווי אַ פּעטלע וואָלט זיך אַלץ ענגער פאַרצויגן אַרום מיין האַלז און איצט האָב איך אַליין שוין אָנגעהויבן מיט אַלע חושים צו שטרעבן וואָס גיכער פון דעם אַלעמען פּטור צו ווערן. אַלץ אין מיר האָט געררופן: „אַרויס, אַרויס וואָס גיכער, איידער איך ווער אין גאַנצן דערשטיקט!” איצט האָב איך ווי מיט עפּעס אַן אינסטינקט געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך די קריטישע מינוט, ווען דאָס טירל פון דער פאַסטקע אין וועלכער איך האָב מיך געפונען וועט זיך פאַרקלאַפּן.

גראָד דאַן האָט זיך אָפּגעזוכט די אַזוי לאַנג געגאַרטע פאַרבינ־דונג צו די קאָרומפּירטע בעאַמטע פון דער געסטאַפּאָ: געוויסע איינ־פלוסרייכע פּאָלאַקן האָבן זיך אונטערגענומען אַרויסצובאַקומען פאַר אַ געוויסער סומע, אַן אויסרייזע דערלויבניש פון דער געסטאַפּאָ אויף מיין נאָמען. די פּראָצעדור איז געגאַנגען אויף דעם אופן, וואָס דער אונטערגעקויפטער באַאַמטער האָט געדאַרפט דאָס פּאַפּירל מיט מיין נאָמען אונטעררוקן צום אונטערשרייבן צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאַק אַנ־דערע ענלעכע כשרע פּאַפּירן. די אויסרעכענונג איז געווען, אַז דער העכערער בעאַמטער וועט דאָס אויטאָמאַטיש אונטערשרייבן. פונדעסט־וועגן איז געווען אַ געוויסע ריזיקע, אַז דער העכערער בעאַמטער זאָל זיך כאַפּן און אָנהויבן פרעגן ווער עס איז דאָס דער מענטש, וועמען ער דאַרף אונטערשרייבן די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, אָדער ער זאָל זיך הייסן ווייזן די ביטע און דעם רעקאָרד פון דעם מענטשן. די וואָס האָבן זיך דאָס אונטערגענומען צו מאַכן האָבן מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער דאָזיקער געפאַר און געפרעגט צי איך נעם די ריזי־

קע. איך האָב זי גענומען און עס האָט געאַרבעט: איך האָב דאָס פּאַפּירל באַקומען.

גלייכצייטיק האָט זיך אויך אונטערגערוקט אַ האָלענדישער ייִד מיט פאַרבינדונגען אין האָלענדישן קאָנסולאַט, וועלכער האָט אויף אַ פּאַרזיכטיקן אופן געפּרואווט עפּעס פּאַרדינען פון די דאָזיקע פאַרבינדונגען דורך אויסאַרבעטן פאַר געוויסע מענטשן האָלענדישע וויזעס. אַ דאַנק דעם דאָזיקן ייִד בין איך געקומען אין פאַרבינדונג מיט אַ האָלענדישן זשורנאַליסט, וועלכער איז געקומען קיין וואַרשע שטודירן די לאַגע, און אויך מיטן האָלענדישן קאָנסול. דער קאָנסול האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ וויזע. די דאָזיקע וויזע האָט נישט געגעבן קיין שום זיכערקייט, אַז מען וועט מיך טאַקע אַריינלאָזן קיין האָלאַנד. מיר האָבן געוואוסט, אַז די אויסלענדישע רעגירונגען באַציִען זיך איצט זייער שטרענג און פּאַרזיכטיק ביים אַריינלאָזן מענטשן אין זייערע לענדער און אַז אַ ריכטיקע האָלענדישע וויזע מוז פריער באַשטעטיקט ווערן דורך דער רעגירונג אין האַאַג. אָבער דאָך האָט די וויזע געגעבן אַ געוויסן שאַנס און דער שאַנס איז געווען מיין איינציקע רעטונג, ווייל איך האָב סיי ווי נישט געהאַט וואָס אָנצוווערן.

איך האָב פאַרמאָגט אַן אַלטן, פון לאַנג שוין אויסגעגאַנגענעם אויסלענדישן פּאַס. דאָס אַריינשרייבן אַן אַנטידאַטירטע געפעלשטע פאַרלענגערונג אינעם אַנטשפּרעכנדיקן בלעטל פון דאָזיקן פּאַס האָט פאַר ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט נישט פאַרגעשטעלט קיין באַזונדערע שוועריקייט. און אינעם דאָזיקן פּאַס איז אויך אַריינגעשריבן געוואָרן די האָלענדישע וויזע.

מיר האָבן זיך אַלזאָ אָפּגעשטעלט אויפן סאַמע פּשוטסטן און סאַמע געפערלעכסטן פּלאַן: איך זאָל פאָרן אויף מיין אייגענעם נאָמען דורך היטלער־דייטשלאַנד גופא, כדי צו פּרוּוון אַרויסקומען קיין מערב־אייראָפּע. קיין אַנדער וועג איז פאַר מיר סיי ווי נישט געווען. ביי דער גאַנצער געפערלעכקייט פון דער אונטערנעמונג האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז ביי אַ ביסל גליק קאָן זי געלונגען: מיר האָבן גערעכנט אויף דעם כאַאָס וואָס הערשט אין די דייטשע אָקופּאַציע אַמטן, און די דאָזיקע אויסרעכנונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. מיר האָבן גערעכנט, אַז אין וואַרשע קאָן מיך די געסטאַפּאָ אַרומזוכן און אין בערלין זאָל מען וועגן דעם נישט וויסן. און אויך דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק.

אַגב — וואָס האָב איך געהאַט אנצואווערן? — אַרעסטירט צו

ווערן אין וואַרשע אָדער אין בערלין איז איינס און דאָסזעלבע. אָבער בשעת אין וואַרשע האָט מיין אַרעסט געשיינט צו זיין אומפאַרמיידלעך, האָט די רייזע מיר דאָך געגעבן אַ געוויסן שאַנס.

*

דער פּלאַן איז געווען פאַרטיק. אַלע פאָרמאַליטעטן זיינען, מיט די גרעסטע שוועריגקייטן, שוין געווען דורכגעפירט. איצטער איז נישט געווען מער קיין צייט צו טראַכטן און זיך מיישב צו זיין. מען האָט געדאַרפט האַנדלען.

מיט אַן אָוונט פריער האָבן מיינע נאָענטסטע חברים, וועלכע האָבן געוואוסט וועגן גאַנצן פּלאַן, זיך מיט מיר געזעגנט אויף אַ רי־רענדן און האַרציקן שטייגער: מיר זיינען געזעסן פאַרמאַכט אונטער שלאָס און ריגל. די פענסטער פאַרהאַנגען, עס זאָל אונז קיין „גוט־אויג" נישט טרעפן. איין חבר האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ פלעשל בראַנפן, אַ צווייטער האָט אויפגעוויקלט אַ הערינג, וואָס ער האָט געבראַכט אונטער דער פּאָלע, אַ דריטער — דער באַלעבאָס פון דער דירה, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, האָט אונז גאָר אי־בעררעשט מיט די געקאָכטע מאכלים, וואָס ער האָט צוגעגרייט. עס זיינען געווען די סאַמע איינפאַכסטע מאכלים, אָבער פאַר אונז, אין דעם היטלער־וואַרשע, זיינען דאָס געווען ממש קעניגלעכע לוקסוס־שפּייזן. עס איז געווען ליהודים, פריילעך, ווי אויף אַן אמתער בונדי־שער „לאַמע", הגם מיר האָבן געצווימט אונזערע שטימען מען זאָל אונז נישט הערן אין דרויסן. ווען עמיצער, אַ זייטיקער, וואָלט אויף אונז דעמאָלט אַ קוק געטאָן, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז ער זעט פאַר זיך אַ זאָרגלאָזע און גליקלעכע חברה. עס איז נישט געווען צו דערקענען, אַז דאָס זענען מענטשן, אויף וועלכע ס'לויערן פון אַלע זייטן די הינט פון דער „געסטאַפּאָ", מענטשן, וועלכע שטעלן יעדן טאָג אײַן זייער לעבן, און איבער וועלכע די טויט־געפאַר הענגט טאָקע שטענדיק.

דערביי אָבער האָבן מיר נישט פאַרגעסן דאָס לעצטע מאָל אַרומ־צורעדן אַלע פּרטים פון דער אַרבעט, פונעם קאַמף דאָ אויפן אָרט און אויך די אויפגאַבן, וואָס מיינע חברים שטעלן פאַר מיר דאָרטן, אין דעם פאַנטאַסטיש־פרייען „אויסלאַנד", אויב מיר וועט אָפּגליקן אַרויסצוקו־מען אַהין אַ גאַנצער.

דער באַלעבאָס פון דער דירה, איינער פון די דרייסטעסטע מענטשן, וואָס איך קען, האָט מיך אַרומגענומען און אַריינקוקנדיק מיר מיט ברידערלעכער ליבשאַפט אין די אויגן, האָט ער געזאָגט:

— אלזאָ, מאָרגן פאַרטאָג לאָזטו זיך אין וועג אַריין. דו ביזט אַ מזלדיקער „יאַט". איך בין זיכער, אַז דיר וועט עס געלונגען... זע, פאַרגעס נישט וועגן אונז...

און מיר האָבן אַ טרייען ברידערלעכן קוש „פאַרביסן" מיט אַ גלעזל בראָנפן.

*

ווען דעם דאָזיקן געזעגענען זיך מיט מיינע נאָענטסטע חברים האָב איך אומאויפהערלעך געטראַכט בשעתן פאַרפּאַקן מיינע זאַכן צו־מאָרגנס פאַרטאָג. — וועל איך זיי נאָך אַמאָל זען? וועל איך אַרויס־קומען אַ לעבעדיקער אין יענעם טייל וועלט, וואָס איז נאָך פריי, און וועל איך קאָנען דאָרטן איבערגעבן וועגן זייער עקשנותדיקער העל־דישקייט, וועגן זייער שטילן, אָבער גרויסן מסירת־נפש? איינער נאָכן אַנדערן זיינען מיר אין קאָפּ פאַרבייגעגאַנגען די געשטאַלטן פון יעדן פון די טייערע און נאָענטע מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען דורך צענדליקער יאָרן געאַרבעט און געקעמפט.

ס'איז געווען אַ גרויער ווינטערדיקער פאַרטאָג. איך און סאַלאַ האָבן זיך שווייגנדיק און אייליק געפּאַרעט אינם ענגן און טונקעלן צימערל. מיר האָבן נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, כדי נישט צו ציען די אויפ־מערקזאַמקייט פון אונזערע שכנים, און כדי נישט אויפצואוועקן אונ־זער יינגל, וואָס איז געלעגן אין זיין בעטל. ביים קאַרגן שיין וואָס איז געפאַלן דורכן פענסטער איז אונז אַלץ געפאַלן פון די הענט. סאלא האָט זיך באַמיט צו זיין רויק און זי האָט אַפילו פאַרמאָגט גענוג כוח, כדי אַרויפצוציען אויף איר פּנים אַ שמייכל מיט אַן אָפּשיין פון זאָרג־לאָזיקייט. זי האָט מיך געוואָלט באַרויקן און איין גאָט ווייס וויפיל מי דאָס האָט איר געקאָסט. אָבער אַפילו ביים קאַרגן ליכט האָב איך געקאָנט זען דעם אויסדריק פון אירע אויגן: ער האָט צונישט געמאַכט אירע באַמיאונגען, ער האָט אָפּגעלייקנט דעם שמייכל און די געמאַכ־טע זאָרגלאָזיקייט. וויפיל מאָל איך בין געווען אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן האָב איך געפילט, אַז זי האָט איבערגעריסן דאָס וואָס זי האָט געטון און איז געבליבן פולשטענדיק שטיל. איך בין געווען זיכער, אַז זי שטייט אומבאַוועגלעך און לעבט שטילערהייט איבער אירע פּיין. איך האָב מיך איינגעהאַלטן נישט צו „כאַפּן" זי דערביי. איינמאָל אָבער האָב איך מיך פאַרט אויסגעדרייט. סאַלא איז געשטאַנען אַן אויסגעע־גלייכטע, אַ פאַרגליווערטע, מיט די פינגער צונויפגעפלאָכטן אויף דער ברוסט און מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט אויף מיר, אַזוי ווי

זי וואָלט געוואָלט אײַנזאַפּן אין זיך מײַן יעדע באַוועגונג. איר בליק האָט מיך דערשיטערט: אין אים איז געווען אַן אַ שיער ווייטאָג און גרע־נעצלאָזע שרעק. ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז איך קוק אויף איר האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ שטילן, דערשראָקענעם „אָך!" און האָט זיך גלייך גענומען פּאָרען מיט דער זעלבער רואיקייט, וואָס פריער. וועלנדיק פאַרדעקן וואָס זי לעבט איבער, האָט זי מיך גענומען מוסרן אין אַ זאַכלעכן טאָן:

— שטיי נישט אַזוי און קוק נישט אויף מיר... האָסט דען צייט צו שטיין? מען וועט דאָך באַלד קומען נאָך דיר...

זי האָט אָבער דאָס מאָל נישט געקאָנט באַהערשן איר שטימע, וועלכע איז געווען הייזעריקלעך און דורכגעזאַפּט מיט טרערן.

עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטילע קלעפּ אין דער טיר. עס איז געווען דער אָפּגערעדטער סיגנאַל פאַר מײַן פּוילישן חבר, וועל־כער האָט מיך געדאַרפט אָפּפירן ביז דער גרענעץ פון „גענעראַל־גוב־ווערנאַמענט". שטיל האָבן מיר אים געעפנט. שעפּטשענדיק האָט ער אונז איבערגעגעבן, אַז די גאַס איז „ריין", פאַרן טויער שטייט נאָך נישט קיינער פון די שפּיר־הינט.

## ש. מענדעלסאָן

# די טאַט

דער זעלבסטמאָרד פון ח׳ שמואל זיגעלבוים (אַרטור) האָט אויפֿגערודערט די ייִדישע און טיילוויז די ניט־ייִדישע וועלט. אַרטורס טאַט איז אַריין אין דער ייִדישער געשיכטע. דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט נישט קענען אין דעם קאַפּיטל „ייִדיש לעבן, טויט און קאַמף אין נאַצי פּוילן״ פאַרבייגיין דעם נאָמען שמואל זיגעלבוים. און ווייל ער איז דעם אַקט באַגאַנגען בעת ער האָט זיך געפֿונען אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן, אויף וועלכן עס האָט אים אַוועקגעשטעלט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג — דער „בונד״ — איז אַרטורס טראַגישער רוף און פּראָטעסט צו דער וועלט גלייכצייטיק אַן אַקט פֿון דער העראָאישער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט. נישט נאָר איז אַרטור אַ קינד פֿון „בונד״, נישט נאָר האָט אַרטור געשטאַלטיקט זיין כאַראַקטער אין „בונד״, נישט נאָר האָט ער זיך געלערנט מוטיק קעמפֿן אין „בונד״ — נאָר ער האָט די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן אויף אַן אויפֿטרייסלענדיקן אופֿן דעמאָנסטרירט די אַבסאָלוטע פֿאַרבונדנקייט פֿון „בונד״ מיטן גורל פֿון די ייִדישע מאַסן. דער שליח זייערער האָט זיך נישט באַטראַכט בלויז ווי דאָס מויל פֿון די פֿאַרשטומטע און צעבלוטיקטע ייִדן, נאָר ער האָט געפֿילט ממש, אַז ער איז פֿיזיש אַפֿילו אַ טייל פון דער דאָזיקער מאַסע. ווען זי ווערט געמאָרדעט און קומט אום, דאַן איז אים אוממעגלעך געוואָרן צו לעבן. נישט בלויז אין געדאַנק, נישט בלויז אין געפיל איז ער געווען באַהאַפֿטן מיט די העלדן פֿון געטאָ־גראַד — נאָר זיין פֿיזישע עקסיסטענץ איז געוואָרן אוממעגלעך, ער האָט זי אַפֿילו עמפֿינדן ווי אוממאָראַליש, ווען אַרום הערשט טויט און פֿאַרניכטונג.

עס איז אַ זעלטענע, אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, ווען אַ רעפּרעזענטאַנט פֿון אַ מאַסע זאָל זיך אַזוי אַבסאָלוט אידענטיפֿיצירן מיט

איר. ער זאָל זיך באַטראַכטן, ווי דער פֿאַרשפּרעכער און גלייכצייטיק זיין אַזוי שטאַרק אַ טייל פֿון איר. דער אויסגעוויילטער, דער וואָס געפֿינט זיך אויף אַן אַרויסגערוקטן פּאָסטן און אין דער זעלבער צייט — איינער פֿון אַ סך, איינער פֿון אַלע.

שטיין אויף דער טריבונע פֿון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט און אַזוי אומדערמידלעך קעמפֿן, ווי אַרטור האָט דאָס געטאָן און אין זעלבן מאָמענט אינערלעך מאַרשירן מיט די דעפּאָרטירטע יידן צו די טרעבלינקער וואַגאָנען, אינערלעך מיטבאַטייליקן זיך אין דעם פֿאַנטאַסטישן קאַמף אויף די וואַרשעווער געטאָ גאַסן. און עס איז פֿאַר אים געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז ער פֿאַלט אין איין שורה מיט זיינע און אונדזערע נאָענטסטע — אַבראַשאַ בלום, ל. קלאָג, סאָניע נאָוואָגרודסקאַ א. אַ. און אויב עס פֿאַרניכטעט נישט זיין לעבן אַ נאַצי־קויל — דאַן ווערט דאָס דערגרייכט דורך אַן איבעריקער דאָזע פֿון שלאָף־מיטלען. סיי ווי האָט זיך אין די לעצטע מינוטן אַרטור אפֿשר געפֿילט „פֿריי־ווילעגירט" לגבי אַנדערע. ער האָט דאָך אַזאַ „לייכטן טויט", אָן טויט־שרעק, אָן בזיונות, אָן פּייניקונגען...

מען דאַרף, דאַכט זיך, אַרטורס זעלבסטמאָרד נישט באַטראַכטן בלויז ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער וועלט, אפֿשר קעגן אונדז אַלעמען, וואָס מען האָט אַזוי ווייניק געטאָן אויף צו ראַטעווען די יידן פֿון נאַצי־מדינות פֿון אומקום (דער עלעמענט האָט זיכער געשפּילט ביי אים אַ גרויסע ראָל, אָבער נישט די אויסשליסלעכע), נאָר אויך ווי אַ פענאָמענאַלע אינערלעכע צונויפֿגיסונג מיט דער יידישער מאַסע.

ער איז געקומען פֿון איר, און כאָטש ער איז הויך געשטיגן אויפֿן לייטער פֿון אינטעליגענץ און פּירערשאַפֿט — ווייזט אויס, אַז אין זיין טיפֿסטן וועזן האָט ער געהערט צו דער שוואַרץ־ערד פֿון דער יידישער געדיכטער מאַסע „איך באַלאַנג צו זיי" שרייבט ער אין זיין געזעגענונג־בריוו. אַ זאַך אַ פּשוטער, זייער אָפֿט באַנוצטער, אָבער ער האָט באַקומען אַזוי פֿיל וואָג, אַזאַ טיפֿן זין, ווען ער איז געהייליקט געוואָרן דורך אַ לעבן פֿון אַ מענטשן; פֿרייוויליק איז ער אַוועק צו די ברידער־קברים; עס האָבן אים דאָרט געצויגן עפּעס געהיימע כוחות, וואָס זיינען אַ סך שטאַרקער ווי לעבנסלוסט און לעבנסווילן. אין אַנבליק פֿון די מאַסן־קברים איז אים, ווייזט אויס, די וועלט געוואָרן פֿרעמד און נישט נייטיק.

זעלבסטמאָרדן זיינען געווען אַן אָפֿטע דערשיינונג, בפֿרט ביי דער יידישער אינטעליגענץ פֿון מערב־אייראָפּע נאָך היטלערס קומען

צו דער מאַכט. דאָס זיינען געווען אַקטן פֿון פֿאַרלוירנקייט, דער־שראָקנקייט, הילפֿלאָזיקייט.

ווער קען דען זיי פֿאַראורטיילן? מיר קענען בלויז זעען די טראַגישע וואָרצלען פֿון די פֿאַרצווייפֿלונג־אַקטן. עס האָט אויסגעפֿעלט כּוח. אַלע הימלען זיינען פֿאַר די אומגליקלעכע איינגעפֿאַלן. אַלע אידעאַלן צערונען, געבליבן בלויז אַ פּוסטע, פֿינצטערע, וועלפֿישע וועלט. בעסער דעריבער — אַריינשפּרינגען אין דער אומענדלעכקייט פֿון נישט זיין!

אַדאַם טשערניאַקאָוו איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אַ פּראָטעסט־אַקט פֿון שוידערלעכער אָנמאַכט. ער האָט נישט געוואָלט צולייגן זיין האַנט צום מאַסן־מאָרד, וועלכער האָט זיך געגרייט. עס איז אפשר נישט געווען נאָך רייף דער ווידערשטאַנד און אפשר האָט דער אויסגעמאַטערטער נאָך קנאַפּע דריי יאָר זיין ראָש־הקהל — טשערניאַקאָוו — נישט געפֿילט זיך אימשטאַנד אַזאַ ווידערשטאַנד צו העלפֿן אָרגאַניזירן. ער האָט זיין לעבן געבראַכט פֿאַר אַ קרבן, געוואָלט סיגנאַליזירן דער וועלט, אַז עס רוקט זיך אָן די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿע. ליידער צו אונדזער חרפּה, איז די וועלט טויב געבליבן.

„ער וואָלט געקאָנט שטיין אויף דער וואַך אין לאָנדאָן אַ סך יאָרן, ער וואָלט געקענט אויספֿירן זיין עפֿנטלעכן אַמט, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, שיקן אַלאַרם־טעלעגראַמעס צו דער וועלט... און נאָכדעם; זיצן אין דער היים אָדער אין געזעלשאַפֿט פֿון פֿריינד, קרעכצן, וויינען און... אַ ביסל הנאה האָבן פֿון לעבן... מיט איין וואָרט, טאָן דאָס אַלץ, וואָס מיר טוען... אַלע ווייטיקן מיר צוליב דעם, וואָס עס ווערט געטאָן מיט די יידן אין אייראָפּע, שרייבן אַר־טיקלען שיקן מאַנונג־ און פּראָטעסט־טעלעגראַמעס... מיר ווייסן, אַז 4 מיליאָן שטייען פֿאַר אומקום און מיר רייסן נישט איבער אונזער נאָרמאַל לעבן. איז אויפֿגעשטאַנען דער בונדיסט, יידישיסט און אַנטי־ציוניסט זיגעלבוים און האָט געזאָגט: גענוג, איך קען מער נישט פֿאַרטראָגן די רואיקייט. די מנובלדיקע וועלט איז נישט פֿאַר מיר. איך וועל שטאַרבן צוזאַמען מיט מיינע ברידער אין וואַרשעווער געטאָ" — אַזוי שרייבט דער העברעאישער זשורנאַל „מצודה", וועלכער דער־שיינט אין לאָנדאָן.

טויט — פֿרייוויליקער, אַליין אים ברענגען אויף זיך.

יעדע געזעלשאַפֿטלעכע און סאָציאַליסטישע לאָגיק איז קעגן זעלבסטמאָרד אַלס מיטל אין קאַמף. אָבער — איך בין זיכער —

אַז אַרטור איז צו זיין באַשלוס געקומען נישט אויפֿן סמך פֿון לאָגישע באַטראַכטונגען, נישט נאָך אַ שכלדיקן ישוב הדעת. פֿון די אומ־ענדלעכע טיפֿענישן פֿון אונטערבאַוואוסטזיין איז צו אים געקומען אַ מאַנונג, וועלכע האָט נישט אָפּגעלאָזן, האָט אים געפּייניקט און גערופֿן. אינסטינקט, פֿריי פֿון יעדן ראַציאָנעלן עלעמענט, האָט אים באַוועל־טיקט. און די עלעמענטן זיינען געוואָרן דאָס פּרימערע. זיי האָבן אים באַהערשט. ער איז פֿון זיי נישט אַנטלאָפֿן. ער האָט זיך אפֿשר פֿון זיי נישט געזוכט צו באַפֿרייען.

ער האָט כּסדר זיין אומרואיקייט אויסגעשריען — אין טעלע־גראַמעס אין ס. אָ. ס. רופֿן, אין קאָנפֿערענצן, אין רעדעס. אַ פּוסטער עכאָ האָט זיך צו אים צוריק דערטראָגן. ער האָט דערפֿילט די צוועק־לאָזיקייט. אים האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז מיר שטייען פֿאַר אַ טויבער וואַנט, נישט דורכצובּרעכן. איז אַלץ שטאַרקער און איינ־געשפּאַרטער געוואָרן דער רוף. פֿון די טיפֿענישן פֿון זיין „איך" — קום, וואו דו געהערסט.

דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער טראַגישער באַוואוסטזיין — אויב מיט מיינע ווערטער קען איך גאָרניט דערגרייכן, וועל איך אפֿשר דורך דעם העכסטן קרבן פֿון לעבן, אויפֿוועקן די דרימלענדיקע, וועל איך אפֿשר די גלייכגילטיקע אויפֿמונטערן!

זיין צוואָה — דער שטורמישער רוף, וואָס איז אַזוי גרויס אין זיין פּשטות, אין זיין איינפֿאַכקייט!

אַרטורס טויט איז געווען אַבסאָלוט פֿריי פֿון יעדן שפּור פֿון אַ פּערזענלעכער טראַגעדיע. טייל צייטונגען האָבן געפּרוּווט דאָס פֿאַר־בינדן מיט אַ כּלומרשטער ידיעה וועגן דערמאָרדן זיין פֿרוי און קינד. אין דעם בריוו צו די פּאַרטיי־חברים (ווערט אָפּגעדרוקט אין אונדזער זאַמלבוך) רעדט ער, אַז אויב מען וועט טרעפֿן זיין פֿרוי און קינד, זאָל מען זיי געוויסע זאַכן איבערגעבן. נישט דאָס אומברענגען דעם אָדער יענעם מענטשן איז געווען אַרטורס טראַגעדיע, נאָר דער אומקום פֿון די יידן אין פּוילן.

די גרויסע לאַסט פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און אומבאַשרייב־לעכע צוגעבונדנקייט צו דער יידישער מאַסע — דאָס זיינען די גרונט־שטריכן, וועלכע אַרטור האָט דערוואָרבן אין „בונד", — אַן אוצר, פֿאַר וועלכן מען באַצאָלט אַמאָל זייער טייער.

די עלעמענטן האָבן דעם „בונד" נישט איינמאָל געשטעלט אין אַ פּאָזיציע, וועלכע זיינע קעגנער האָבן נישט געקענט פֿאַרטראָגן. זיי

פלעגן מיט שוים אויף די ליפן זיך וואַרפן אויף דער פאַרטיי; זיי פלעגן זיך פאַר קיין שום רכילות און אינסינואַציעס נישט אָפּשטעלן. דער זעלבער גורל האָט געטראָפן אַרטורן בעת ער האָט אויסגעפירט זיין שווערע מיסיע אין לאָנדאָן.

אַלע פּרואוון אָפּצושיידן אַרטורן נאָכן טויט פון „בונד" זיינען אַ פאַרשוועכונג פון דעם הייליקן קרבן. צו זיין טאָט איז אַרטור דער־גאַנגען נאָר און ווייל זיין היים איז געווען דער „בונד". דעריבער — ווי עס גיבן איבער די לאָנדאָנער חברים — האָט ער די לעצטע טעג אַזוי אָפּט און אַזוי וואַרעם, מיט אַזוי פיל דאַנקבאַרקייט און אַנט־ציקונג גערעדט וועגן דער פאַרטיי.

*

אין די קאַטאַקאָמבן פון די געטאָס, בעת די העלדישע שלאַכטן זיינען געפירט געוואָרן אויף די גאַסן פון וואַרשע — דערציילן די אונטערערדישע באַריכטן — איז געערט געוואָרן דער אָנדענק פון אונדזערע מאַרטירער הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער און אַרטור זיגעלבוים. אַלע דריי זיינען געפאַלן — אמת, אויף פאַרשיידענע אופנים — אַלס קרבנות פון זייערע אידעאַלן, פון זייער בונדישער טריישאַפט.

יעדן פון אונדז מאַטערט אָפט אַ שטים, וואָס דערטראָגט זיך פון אונטער דער ערד פון טרעבלינקע, סאָביבאָר, וואַרשע: „אויב איר האָט אונדז נישט געקאָנט ראַטעווען, קומט אַהער צו אונדז, זייט צוזאַמען מיט אונדז, טיילט אונדזער גורל"! מען מוז האָבן אַ סך גבורה בייצו־קומען דעם רוף.

אַרטור האָט דעם רוף געפאָלגט. ער איז רואיק, זיכער — אַוועק צו זיי!

# שמואל זיגעלבוימס לעצטער געזעגענונגס־בריוו

מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פֿון דעם בריוו, וועלכן ח' אַרטור האָט אַדרעסירט צו דער פּוילישער רעגירונג און דורך איר צום געוויסן פֿון דער וועלט.

איך דערלויב זיך צו אַדרעסירן צו אייך מיינע לעצטע ווערטער, און דורך אייך צו דער פּוילישער רעגירונג און פּוילישן פֿאָלק, צו די רעגירונגען און פֿעלקער פֿון אַלע אַליאירטע מלוכות און צום געוויסן פֿון דער וועלט.

פֿון די לעצטע ידיעות, וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פֿון פּוילן, איז קלאָר, אַז די דייטשן ברענגען איצט אום מיט זייער שוידערלע־כער אַכזריות דאָס ביסל יידן, וואָס זיינען פֿאַרבליבן אין פּוילן. הינטער די מויערן פֿון געטאָ קומט איצט פֿאָר דער לעצטער אַקט פֿון דער טראַגעדיע, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. די פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם פֿאַרברעכן פֿון אויסמאָרדן די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן פֿאַלט אין דער ערשטער ריי אויף די מערדער גופֿא, אָבער אומדירעקט באַלאַסטעט די דאָזיקע אַחריות אויך די גאַנצע מענטשהייט, די פֿעלקער און די רעגירונגען פֿון די אַליאירטע מלוכות, וועלכע האָבן ביז איצט ניט געמאַכט קיין באַמי־אונגען צו אַ ממשותדיקער אַקציע פֿאַר אָפּשטעלן דאָס פֿאַרברעכן. דורך פּאַסיוון צוקוקן זיך צו דער דערמאָרדונג פֿון מיליאָנען שוצלאָזע געפּייניקטע קינדער, פֿרויען און מענער זיינען די דאָזיקע לענדער גע־וואָרן שותּפֿים פֿון די פֿאַרברעכער.

איך וויל אויך דערקלערן, אַז כאָטש די פּוילישע רעגירונג האָט אין אַ גרויסער מאָס בייגעשטייערט צו באַווירקן די עפֿנטלעכע מיי־נונג פֿון דער וועלט, האָט זי עס אָבער ניט געטאָן אויף אַ גענוגנ־דיקן אופֿן. זי האָט ניט געטאָן גאָרניט וואָס זאָל אַנטשפּרעכן צו דער אומגעהייערקייט פֿון דער דראַמע, וואָס קומט איצט פֿאָר אין פּוילן. פֿון די בערך דריי און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע יידן און פֿון די 700,000 יידן, וועלכע זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן פֿון אַנ־דערע לענדער, האָבן אין אַפּריל, 1943 — לויט דער אינפֿאָרמאַציע

פון דעם אָנפירער פון דער אונטערערדישער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן צו אונדז דורך רעגירונגס־דעלעגאַטן — נאָך געלעבט נאָר 300,000. און די אויסראָטונג האַלט ווייטער אָן אָן אויפהער.

איך קאָן ניט בלייבן שטיל. איך קאָן ניט לעבן, ווען די רעשט־לעך פון יידישן פאָלק אין פוילן, וועמעס פאָרשטייער איך בין, ווערן אומגעבראַכט. מיינע חברים אין וואַרשעווער געטאָ זיינען אומגעקומען מיט געווער אין האַנט אין דעם לעצטן העראָאישן געראַנגל. עס איז מיר ניט געווען באַשערט צו שטאַרבן אַזוי ווי זיי, צוזאַמען מיט זיי. אָבער איך געהער צו זיי און צו זייערע מאַסן־קברים.

מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דער־לאָזט די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק.

איך ווייס ווי ווייניק אַ מענטשלעך לעבן איז ווערט ביים היינטיקן טאָג, אָבער ווייל איך האָב ניט געקאָנט טאָן גאָרניט בעת מיין לעבן וועל איך אפשר מיט מיין טויט מיטהעלפן, אַז עס זאָל געבראַכן ווערן די גלייכגילטיקייט פון די, וועלכע האָבן די מעגלעכקייט צו ראַטעווען איצט, אפשר אין לעצטן מאָמענט, די נאָך־פאַרבליבענע פוילישע יידן.

מיין לעבן געהערט צום יידישן פאָלק אין פוילן און דערפאַר גיב איך עס אים אַוועק. מיין וואונטש איז, אַז דאָס ביסל, וואָס וועט פאַרבלייבן פון די פאַר מיליאָן פוילישע יידן, זאָל דערלעבן צו זען, צוזאַמען מיט דער פוילישער באַפעלקערונג, די אויסלייזונג, וואָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן אין פוילן, אין אַ וועלט פון פרייהייט און אין דער גערעכטיקייט פון סאָציאַליזם. איך גלויב אַז אַזאַ פוילן וועט אויפשטיין און אַז אַזאַ וועלט וועט קומען.

איך בין זיכער, אַז דער פּרעזידענט און דער פּרעמיער־מיניסטער וועלן איבערגעבן מיינע ווערטער צו די אַלע, צו וועלכע זיי זיינען געווענדט און אַז די פוילישע רעגירונג וועט באַלד אָנהייבן די אַנט־שפּרעכנדיקע אַקציעס אויפן דיפּלאָמאַטישן געביט פאַר די, וועלכע לעבן נאָך. איך זאָג מיין „זיי געזונט" צו אַלעמען און צו אַלץ, וואָס איז מיר טייער און וואָס איך האָב ליב געהאַט.

שמואל זיגעלבוים

# געזעגענונג־בריוו פון ח׳ ש. זיגעלבוים צו די פאַרטיי־חברים

ח׳ אַרטור האָט אויך אָנגעשריבן אַ געזעגענונגס־בריוו צו די פאַרטיי־חברים. דער בריוו איז אַדרעסירט אויף די נעמען פון אַלער און בליט, פון יענע חברים, מיט וועלכע ער האָט אין די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן אין לאָנדאָן צוזאַמענגעאַרבעט.

מיינע טייערע לעאָן און לוציאָן:

איך בעט אייך ביידן, איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר די אומאָנגענעמלעכקייטן וואָס איך פאַרשאַף אייך. עס איז צו שפּעט און עס איז ניטאָ קיין צייט פאַר לאַנגע דערקלערונגען און אויסדרוקן פון געפילן. איך בענטש, נעם אַרום און קוש אייך, מיינע טייערע חברים, וואָס האָבן באַדייט אַלץ אין מיין לעבן און האָבן מיר געהאָלפן. איר וועט פאַרשטיין אַלץ אָן אויפקלערונגען. און אויך די חברים אין ניו־יאָרק און אין פּוילן (וואו אַ טייל וועט אפשר מיך איבערלעבן — וואָס פאַר אַ פרייד און פאַרלייכטערונג וואָלט דאָס געווען צו קענען גלויבן אין דעם) וועלן מיך פאַרשטיין. איך שרייב ניט באַזונדער צו די חברים אין ניו־יאָרק, ווייל איך בין זייער און זייער מיד.

איך לאָז איבער בריוו פאַרן פרעזידענט, פאַרן פרעמיער־מיניס־טער, פאַר מיקאָלאַיטשיק און קאָט. איך לאָז איבער קאָפּיעס פון דעם בריוו. שיקט זיי צו *) . . .

מיינע טייערע פריינט, טרויערט ניט צופיל איבער מיר; ווידמעט אַלע אייערע זאָרגן דער אַקציע צו ראַטעווען די יידן, וואָס לעבן נאָך אין פּוילן.

איך לאָז דאָ איבער אַן אונטערגעשריבענע דעפּעשע. איר וועט אַזוי גוט זיין זי איבערשיקן קיין ניו־יאָרק. דאָס איז מיין לעצטער זיי־געזונט צו אַלע מיינע חברים.

טייערער לעאָן, איך לאָז דאָ איבער 50 פונט און אַ טשעק. דאָס איז פאַר מיין משפחה.

מיינע טייערע פריינט, אויב עמיצער פון אייך וועט ווען עס איז זען מאַניען **) אָדער אימיצן פון מיינע קינדער, זאָגט זיי, אַז איך האָב קיין מאָל זיך ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס איך האָב זיי איבער־געלאָזט.

*) דאָ ווערן אויסגערעכנט אַ ריי פּערזאָנען פון דער פּרעסע.

**) אַרטורס פרוי.

### י. האַרט

# די געטאָ־העלדן

שוער צו וויסן ווער עס זענען געווען די אַלע העלדן פון די געטאָ־קאַמפּן. אין לעצטן באַריכט פון אונטערערדישן „בונד“, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דער גרויסער אויפשטאַנד פון וואַרשאַווער געטאָ, ווערט געזאָגט: ס׳איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די נעמען פון די געפאַלענע בונדיסטן, — אַזוי גרויס איז זייער צאָל. עס ווערן בלויז דערמאָנט, אַלס אויסנאַם, די נעמען פון אַ פּאָר, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל ביים צוגרייטן און אָנפירן דעם אויפשטאַנד. צו דעם קומט צו אַ צאָל נעמען פון בונדיסטן, און יוגנט־בונדיסטן, וועלכע געפינען זיך אין אַ רשימה, וואָס ציוניסטן האָבן פון פוילן אַרויסגעשיקט.

לאָמיר דאָ דערמאָנען די נעמען כאָטש פון יענעם קליינעם טייל, וועגן וועלכע מיר דאָ אין דער פרייער וועלט וויסן. די רשימה פון בערך 4 צענטליק בונדיסטן נעמט אַרום מענטשן, וועמענס ראָל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען פאַרשיינדאַרטיק, מענטשן וועלכע האָבן זיך אונטערגעשיידט דורך זייער אָפּשטאַמונג, עלטער, בילדונג און כאַראַקטער. אָבער איינס איז געווען געמיינזאַם פאַר אַלע: זיי זענען געווען אויסגעקנאָטן פון אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס בויגט זיך נישט; פאַר זייער אויג האָט תמיד געלויכטן אַזאַ ליכט, וואָס האָט זיי געוויזן דעם וועג אַפילו אין דעם שטאַרקסטן חושך—מענטשן, וועגן וועלכע מען האָט געקענט זיין זיכער: זיי וועלן קענען ביישטיין דעם גרעסטן נסיון.

### אינזשיניער מיכאַל קלעפּפיש

זיין נאָמען, אין שייכות מיט באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז באַוואוסט געוואָרן דער ערשטער. שוין דעם 11־טן מאַי, 1943, ווען קליינע מחנות געטאָ־קעמפער, האָבן נאָך געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָט די פוילישע אונטערערדישע ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט“ געמאָלדן:

„דער העראָישער ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ דויערט ווייטער. אייניקע שטאַרק־באַשיצטע פונקטן האַלטן זיך נאָך. די יידי־שע קעמפנדע גרופּעס ווייזן אַרויס גרויס קאַמף־געניטשאַפט און מוט. דער פירער פון יידישן „בונד", אינזשעניער קלעפּפיש, וועלכער איז געווען דער זייל פון דעם ווידערשטאַנד, איז געפאַלן אין די שלאַכטן, ווי אַ העלד".

ערשט די לעצטע טעג איז אויפגעקלערט געוואָרן, וואָס עס באַ־דייטן די ווערטער „זייל פון ווידערשטאַנד". נישט בלויז איז ער געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון ווידערשטאַנד, נאָר ער איז געווען דער, וועלכער האָט צוגעגרייט דאָס געווער און אַמוניציע פאַר די געטאָ־קעמ־פער. ער האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ אַ פאַבריק, וואו מען האָט פּראָדו־צירט די אַמוניציע — קוילן און האַנט־גראַנאַטן.

אַ „זייל פון ווידערשטאַנד" און „געפאַלן אין די שלאַכטן ווי אַ העלד". און ערשט נעכטן איז ער נאָך געווען אַ שטילער באַשיידענער בחור, וואָס האָט געקוקט מיט גוטע רואיקע אויגן אויף דער וועלט. ווער איז ער געווען, מיכאל קלעפּפיש, און ווי אַזוי איז ער געקומען צו שטיין בראש פון איינער פון די גרעסטע טאַטן אין דער יידישער געשיכטע?

מיכאל קלעפּפיש שטאַמט פון אַ באַוואוסטער וואַרשעווער חסי־דיש־רבנישער פאַמיליע. זיין פאָטער יעקב איז אין די יונגע יאָרן גע־ווען אַ חסיד, ער איז אָבער נאָך אַלס יונגערמאַן געוואָרן אַ וועלטלעכער מענטש און בונדיסט. זיין באַשעפטיקונג איז געווען אַ לערער אין די שולן פון דער וואַרשעווער קהלה. אויך די מוטער פון מיכאל קלעפּפיש, מרים, איז געווען אַ לערערין. זי האָט געלערנט פּוילישע שפּראַך און ליטעראַטור אין די מלוכהשע פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער. זי איז געווען די פירערין פון די יידישע לערער אין די מלוכהשע שולן. ביז דער לעצטער רגע איז זי געווען פאָרזיצערין פון זייער פאַריין און אַ מיטגליד פון דער העכסטער אָנפירונג (לאַנד־ראַט) פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַריינען פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן. אויך זיין שוועס־טער און 3 מומעס זענען געווען טעטיק אין „בונד". זיינס אַ פעטער איז איינער פון די עלטסטע טוער פון „בונד" — וו. שולמאַן.

ער, מיכאל קלעפּפיש גופא, איז געווען טעטיק אין די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — יוגנט־בונד „צוקונפט", סטודענטישע גרופּע „רינגען" און אין דער אַרבעטער ספּאָרט־געזעלשאַפט „מאָרגנשטערן". אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פלעגט מען אָפט זען דעם הויכן, שלאַנקן,

געזונטן בחור מיט אַ לענגלעך ברוין פּנים און מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. אַ מענטש אַ באַשיידענער און ערלעכער, האָט ער זיך קיין מאָל ניט געריסן צום אויבן אָן און זיך באַגנוגנט מיט טאָן קליינע פּראַקטישע אַרבעט.

כּדי מען זאָל האָבן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ מין מענטש דאָס איז געווען, וועל איך דאָ ברענגען אַ פּאָר עפּיזאָדן פון זיין לעבן. אין זומער 1934 האָט דער יוגנט־בונד „צוקונפט" איינגעאָרדנט אַ לאַגער פאַר יוגנטלעכע אין די בערג פון מערב־גאַליציע, ביים טייך דונאַיעץ. אין יענע טעג איז פאָרגעקומען אַ פאַרפלייצונג פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין משך פון הונדערט יאָר. גאַנצע שטעטלעך און דערפער זיינען פאַרגאָסן גע־וואָרן, דער שטראָם האָט מיטגעריסן מיט זיך הייזער, מענטשן און בהמות. פויערים, געניטע פליסאָקעס און שווימער, האָבן מורא געהאַט זיך צו וואַרפן אין וואַסער אַריין ראַטעווען. מיט אויגן פול מיט שרעק האָבן זיי געקוקט אויף די שווימענדע הייזער. בלויז מיט איבער־צלמן זיך האָבן זיי געענטפערט אויף די הילף־רופן. און אָט שווימט אַ האַלב־צעשניטענע כאַטע, אין איר אַ וויגל מיט אַ קינד. ביים ברעג שטייען מיכאל און זיין מאַמע מרים. ביידע קוקן אין איין פונקט — צום שווימנדיקן קינד. זיי רעדן ניט קיין וואָרט, זיי שטייען ווי פאַר־גליווערט. און פלוצלינג גיט זיך מיכאל אַ ריס פון אָרט, שפּרינגט אַריין אין וואַסער, לאָזט זיך אויף די כוואַליעס פון האַסטיקן דונאַיעץ, וואָס האָט זיך אַזוי פונאַנדערגעגאָסן ברייט און פאַרשלינגט אַלץ אין זיך. ער שווימט העט וועיט מיטן שטראָם. מיט ציטערדיקע הערצער האָט זיין מוטער און דער גרויסער עולם אַרום געזען ווי דער שווימער ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס, האַלטנדיק אין זיין לינקער האַנט דאָס קינד. אַ פאַרמאַטערטער און אַ גליקלעכער איז ער צוגעקומען צום ברעג. און אין זעלבן אָוונט האָט דער סטאַראָסטע פון דעם פאָוויאַט דורכן ראַדיאָ דערציילט פוילן וועגן דער העלדישקייט פון יונגן קלעפּ־פּיש און אים געשטעלט פאַר אַ מוסטער, ווי אַזוי מען דאַרף איינ־שטעלן דאָס אייגענע לעבן, כּדי צו ברענגען הילף אַנדערע.

מיכאל קלעפּפּיש האָט שטודירט אין וואַרשעווער פּאָליטעכני־קום. זיין שטודיום האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג אין די לעצטע טעג ערב דער איצטיקער מלחמה. ווען אַנטיסעמיטיש־כוליגאַנישע סטודענטן האָבן געשטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון די למודים און זיך באַמיט צו דערנידעריקן דעם יידישן סטודענט, איז

מיכאל קלעפפיש, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרק געפיל פאַר ערנ־האַפטיקייט און אָרגאַניש ניט געקענט פאַרטראָגן קיין שום דערנידע־ריקונג, תּמיד מיט אַ לייכטקייט און אַפילו מיט שמחה געגאַנגען זיך שלאָגן מיט די פאַשיסטישע כוליגאַנעס. נישט איין מאָל האָט ער באַקומען קלעפּ און דערלאַנגט קלעפּ. ער האָט אויך געלערנט די ספּעציעלע אָפּטיילונגען פון יוגנט־בונד, דעם אַזוי גערופענעם „צו־קונפט־שטורם", ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט געווער און צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די פאַשיסטישע באַנדעס.

דעם 7טן סעפּטעמבער 1939, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אויפגעפאָדערט אַלע קאַמף־פעאיקע מענער צו פאַרלאָזן וואַרשע, איז ער אויך אַוועק. אויפן וועג האָט ער געהערט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג און וואַרשע וועט דאָך פאַרטיידיקט ווערן. ער גייט צוריק, כּדי צו זיין צווישן די פאַרטיידיקער פון וואַרשע, אָבער די שטאָט איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. שפּעטער איז ער געקומען קיין לעמבערג, וואָס איז געווען פאַרנומען דורך דער סאָוועטישער מאַכט, פון לעמבערג איז ער געפאָרן קיין דאָנבאַס, וואו ער האָט גע־אַרבעט אַלס אינזשיניער אין אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן־פאַבריק. און כאָטש ער האָט דאָרט באַקומען אַ פאַרהעלטניסמעסיק הויכן געהאַלט און זיך ווי ניט איז איינגעאָרדנט, איז ער פונדעסטוועגן ניט געבליבן. פאַר אים איז געווען אומדערטרעגלעך און דערווידער זיין געפיל פון ערנהאַפטיקייט צו טראָגן אַ מאַסקע און צו פאַרלייקענען זיינע איבער־צייגונגען פון אַ פרייהייטלעכן סאָציאַליסט. און זאָגן, אַז ער איז אַ בונדיסט, האָט ער געוואוסט, אַז עס איז געפערלעך. דער גורל פון ערליך און אַלטער און הונדערטער אַנדערע יידישע און פּוילישע סאָ־ציאַליסטן איז געווען פאַר אים אַ וואָרנונג. ער האָט זיך דעריבער דע־צידירט צוריקצוגיין מיט פרוי און קינד קיין פּוילן. זיין וועג האָט אים געפירט צוריק קיין לעמבערג. נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן די שטאָט פאַרנומען, איז ער אַוועק צוריק קיין וואַרשע, וואו ער האָט געטראָפן זיינע עלטערן, אַ סך פריינד און חברים, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג.

ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז מיכאל קלעפּפיש זאָל זיין צווישן די אַקטיוועסטע פון די אונטערערדישע אַנטי־נאַצי־קעמפער. ווען די דייטשן זיינען צוגעטרעטן צו ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ, איז פאַר דער אונטערערדישער באַוועגונג געוואָרן קלאָר, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך און דאָס איינציקע, וואָס עס איז איבערגעבליבן,

איז צו שטאַרבן מיט כּבוד. עס איז געוואָרפן געוואָרן די לאָזונג פון שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

דער ערשטער ווידערשטאַנד איז געקומען אין יאַנואַר 1943. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ פאָרשפּיל. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געציילט 3000 מאַן. געשולטע און דע־צידירטע קעמפער זיינען דאָס געווען. זיי זיינען געווען אַנטשלאָסן נישט אומזיסט אַוועקצוגעבן זייערע לעבנס, נאָר צו נעמען פון שונא אַ הויכן בלוט־פּרייז. מיכאל קלעפּפיש, אַן אומגעוויינלעך דרייסטער, אַ מענטש מיט מיליטערישע קענטענישן, איז געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

צו באַערן דעם העלדנמוט פון די געפאַלענע געטאָ־קעמפער, האָט די אונטערערדישע אַרמיי אין פּוילן פאָרגעשלאָגן דער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן צו געבן מיכאל קלעפּפּישן די העכסטע מיליטערישע אויסצייכענונג — „ווירטוטי מיליטאַרי". אין חודש מערץ 1944 האָט די פּוילישע רעגירונג אַזאַ באַשלוס אָנגענומען און דורכן ראַדיאָ געמאָלדן פּוילן וועגן דעם. דער פירער פון די פּוילישע סאָציאַליסטן, אַדאַם טשאַלקאַש, וועלכער האָט וועגן דעם געמאָלדן אין בראָדקעסט קיין פּוילן, האָט דערקלערט:

„די העכסטע פּוילישע מיליטערישע אויסצייכענונג „ווירטוטי מי־ליטאַרי", מיט וועלכער עס איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיכאל קלעפּ־פּיש, דער יידישער אַרבעטער־פירער, וואָס איז געפאַלן אין דעם ווי־דערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, איז פאַקטיש אַ סימבאָלישע באַ־ערונג פאַר אַלע יידישע מענער און פרויען אין די געטאָס און טויטן־לאַגערן, וועלכע האָבן זיך דאָרטן אַנטקעגנגעשטעלט די נאַציס מיט וואָפן אין די הענט."

אַ פּאָר יאָר פאַרן קריג, אין אַ שבת פאַרנאַכט, איז אין די וואַרשעווער דינאַסן פאָרגעקומען אַ ספּאָרט־פעסט פון „מאָרגנשטערן". טויזנטער יינגלעך און מיידלעך האָבן פאַרברענגט אין ספּאָרט־שפּילן און פאַרמעסטן. און פון דאָרט, שפּעט אין אָוונט, האָט איבער די גאַסן פון צענטער שטאָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ מעכטיקע דעמאָנסטראַציע — מיט פענער, טראַנספּאַרענטן און ברענענדיקע פאַקעלן. ווי איינער פון די פירער פון דער דעמאָנסטראַציע, ווי אַ לידער, האָט מאַרשירט פאָר־אויס פאַר דער מחנה — מיט אַ לייכטנדיקן פאַקעל אין האַנט — דער צעשטראַלטער יוגנטלעכער קלעפּפּיש. אַ באַשיידענעם סנאָפּ ליכט האָט ער געוואָרפן פאַר דער מחנה. היינט, נאָכדעם ווי ער איז אין עלטער

פון 30 יאָר געפאַלן אויף די באַריקאַדן אין וואַרשעווער געטאָ, איז דער נאָמען מיכאל קלעפּפיש אַליין אַ פּייער־זייל, וואָס וועט לייכטן אויף דור־דורות.

## אינזשיניער אַברהם (אַבראַשאַ) בלום

זיין גרעזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין אויס־פירן די פונקציעס אַלס מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד", מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט", סעק־רעטאַר פון דעם פאַרבאַנד פון די עלטערן פון די יידישע קינדער אין די פּוילישע מלוכה־שולן אין וואַרשע, ווי אויך סעקרעטאַר פון די וואַרשעווער בונדישע שולן. אונטער דער נאַצי־ממשלה איז צוגע־קומען: מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד". דאָס אַלץ זאָגט וועגן די גרויסע פליכטן, וואָס די באַוועגונג האָט אַרויפגעלייגט אויף די פּלייצעס פון דעם הויכן, דאַרן און רואיקן מאַן, מיטן נאָמען אַבראַשאַ בלום. מיר דאַרפן אָבער אויך וויסן, וואָ־סער מין מענטש ער איז געווען.

ער שטאַמט פון ווילנע. ווען ער איז אומגעקומען, איז ער אַלט געווען בערך 39 יאָר. אַ קינד פון פאַרמעגלעכע עלטערן, האָט ער באַזוכט און געענדיקט די יידיש־וועלטלעכע גימנאַזיע אין ווילנע. ער האָט שפּעטער שטודירט אין בעלגיע און געענדיקט דעם פּאָלי־טעכניקום אין גענט אַלס אינזשיניער. גלייך נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום קומט ער צוריק קיין פּוילן און באַזעצט זיך אין וואַרשע, וואו ער איז געווען טעטיק אין „בונד" און אין יוגנט־בונד „צוקונפט".

אין צענטער פון וואַרשע, אויף קראַכמאַלנע גאַס, האָט געוואוינט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אָרעמקייט, גאַסן־הענדלער, טרעגער, ווי אויך אונטערוועלט־מענטשן. עס איז נייטיק געווען צווישן אָט דעם עלעמענט אַ גרויסע אויפקלערונג־ און הילף־אַרבעט. צו געווינען ביי אָט דעם עולם צוטרוי, צו קריגן אויטאָריטעט און באַוועגן צו פאָלגן, האָבן געקענט נאָר מענטשן געזונטע און שטאַרקע, פאַר וועלכע מען האָט מורא געהאַט. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אָבער באַשלאָסן נישט צו גיין אויף דעם וועג. ער האָט באַשלאָסן צו שיקן אַהין אַרבעטן אַ מענטש, וועלכער זאָל געווינען מיט זיין גוטסקייט, צאַרטקייט און איידלקייט, ווי אויך מיט ספּעציעלער הויכער מאָראַל. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף אַבראַשאַ בלום. און טאָג און נאַכט איז ער געווען אין די אָפּגעלאָזענע, שמוציקע הויפן פון קראַכמאַלנע

גאַס, פֿאַרברענגט אין די פּייכטע שטיבלעך, געריעדט מיט די מענטשן און געווירקט מיט זיין שטראַלנדיקער פערזענלעכקייט. זיינס אַ וואָרט איז דאָרט געוואָרן הייליק. און ווען סוף 1938 זיינען פֿאַרגעקומען די שטאָטראַט־וואַלן זיינען ביידע יידישע ראַטמענער פון דעם ראַיאָן געווען בונדיסטן.

אַבראַשאַ בלום איז אויך פון צייט צו צייט אַלס שליח פון „בונד" אַרומגעפֿאָרן איבערן לאַנד און געהאַלטן פֿאַרלעזונגען אין שטעט און שטעטלעך און געטאָן פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן. אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און הויכער קולטור, האָט ער זיך אומעטום שנעל דערוואָרבן ליבע און דרך־ארץ.

ביים אָנהייב פון דער איצטיקער מלחמה, ווען די דייטשן זיינען צוגעקומען צו וואַרשע און גרויסע מאַסן איינוואוינער האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן די שטאָט, האָט אויך בלום געקלערט וועגן אַוועקגיין, אָבער ער איז פֿאָרט געבליבן. „ווייסט, פֿאַרוואָס איך בלייב — האָט ער מיר געזאָגט בעת דער לעצטער געזעגענונג — צוליב מיין קליין יינגעלע. ווען די דייטשע עראָפּלאַנען הייבן אָן צו רוישן און וואַרפֿן באָמבעס אויף די הייזער, ציטערט מיין יינגעלע פֿאַר שרעק, אָבער ער באַרואיקט זיך פולשטענדיק, ווען איך נעם אַריין זיין הענטל אין מיין האַנט. איך בלייב, מיין יינגעלע דאַרף מיין האַנט".

מעגלעך, אַז דעם יינגעלעס הענטל איז געווען דער לעצטער שטויס, אָדער אפשר גאָר אַ תירוץ, וואָס האָט אים געהייסן בלייבן, אָבער געבליבן איז ער כּדי אָנצופירן מיט דעם אונטערערדישן קאַמף קעגן דער היטלערישער מאַכט. נאָך דעם ווי ער האָט אָנגענומען זיין באַשלוס, איז ער גלייך אַוועק צום צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". באַקומענדיק אַ ריי אינסטרוקציעס, האָט ער גענומען מאַכן די נייטיקע צוגרייטונגען אומצושטעלן די אַרבעט פון „בונד" אויף אַנדערע יסודות.

בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע איז ער זעלטן ווען געווען אין זיין שטוב צו דערלאַנגען די האַנט זיין קינד. ער איז געווען דער צענטער, וואו עס זיינען זיך צונויפגעגאַנגען די פעדים פון דער אַרבעט ביים אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער־באַטאַליאָנען פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פון וואַרשע, ביים אויפשטעלן קיכן פֿאַר די מאַסן פּליטים און ביים אָרגאַניזירן די שוץ־אָפּטיילונגען קעגן די מערדערישע לופט־אַטאַקעס.

בעת דער באָמבאַרדירונג איז זיין היים פֿאַרניכטעט געוואָרן. די גאַנצע מעבליקע געביידע, וואו עס האָבן זיך געפינען הונדערטער

דירות, איז געווען אין גרויסער פלאַם פייער. ער האָט זיך אַ צייט
אַרומגעדרייט אַרום דער ברענענדיקער געביידע און איז לסוף אַני־
דערגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. ערשט פאַרטאָג האָבן אים פאַרביי־
גייער אויפגעוועקט. און מיט שעהן שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט,
אַז זיין פרוי מיט די קינדער אויף די הענט, אַ באַרוועסע און אַ נאַ־
קעטע אין בלויזן העמד, איז געלאָפן איבער די גאַסן פון דער ברענענ־
דיקער וואַרשע ביז זי האָט געפונען אַ „זיכער" אָרט...

במשך פון די קנאַפּע 4 יאָר צייט, אונטער דער שרעקלעכער
בייטש פון דער געסטאַפּאָ, איז ער געווען אומדערמידלעך טעטיק אַלס
מיטגליד פון דער הויפּט־אָנפירונג פון דער אונטערערדישער בונדישער
באַוועגונג. אייניקע מענטשן, וועלכע האָבן באַוויזן זיך אַרויסצורייסן
פון די געטאָ־ווענט און קומען קיין אויסלאַנד, האָבן וועגן אים אי־
בערגעגעבן: „אַבראַשע בלום איז געוואָרן אַ לעגענדאַרע פּערזאָן צווישן
די יידן פון געטאָ".

און אַזוי אומדערמידלעך איז ער אויך געווען אין דער אָרגאַני־
זירונג פון דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. אומ־
געקומען איז ער ערשט אין יוני 1943. נאָכדעם ווי די שלאַכטן האָבן
אויפגעהערט און די הייזער פון געטאָ זיינען דורך פייער און דינאַמיט
שוין געווען פאַרניכטעט, האָט ער צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע
קעמפער זיך דורכגעריסן אויף דער צווייטער זייט פון די געטאָ־מויערן,
וואו ער איז דורך די נאַצישע בעסטיעס דערמאָרדעט געוואָרן.

## לאָזער קלאָג

ער איז געווען איינער פון די שענסטע טיפּן, וואָס די יידישע
אַרבעטערשאַפט האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. סך־הכל 56 יאָר האָט ער
געלעבט, און 41 יאָר פון זיין לעבן זיינען געווען געווידמעט דער
יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אירע בעסטע, שווערסטע און הע־
ראָאישסטע מאָמענטן האָט ער געהאַט זיין בכבודיקן חלק.

קלאָג איז געווען אַ פּשוטער אַרבעטער, כל ימיו ביי זיין אַר־
בעטס־וואַרשטאַט, און דאָך איינער פון די בעסטע און געניטסטע אַרבע־
טער־פירער. זיין אַרבעט ביזן קריג האָט אים פאַרשאַפן פּאָפּולאַריטעט,
זיין אַרבעט אין קנאַפּע 4 יאָר פון קריג האָט אים פאַרשאַפן אומ־
שטערבלעכן רום.

לאָזער קלאָג איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע. זיין פאָטער, אַליין
אַ דרוקער־אַרבעטער, האָט זיין קינד צו 12 יאָר אַריינגעגעבן אַרבעטן

אין ווילנער דרוקערייען. אין 1902 איז דער יונגער קלאַג — לאַזקע האָט מען אים גערופן — שוין געווען טעטיק אין דער באַוועגונג צווישן די ווילנער דרוקער־אַרבעטער און אין „בונד". זיין ספּעציאַליטעט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַזונדערס באַרימט געמאַכט, איז געווען די אַרבעט אין אומלעגאַלע דרוקערייען, וואו עס האָט זיך געדרוקט אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. זיין אויפטו איז געווען צו פאַרוואַרפן דעם אַלטן סיסטעם פון גנבענען שריפט אין די דרוקערייען און אויפשטעלן געהיימע דרוקלעך. דער דאָזיקער פּרימיטיווער מעטאָד האָט שוין ניט געקאָנט באַפרידיקן דעם פאַרגרעסערטן באַדאַרף צו דריקן אָפטער אויפרופן און בראָשורן פאַר די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ער האָט פאָרגעשלאָגן און טאַקע אַליין דורכגעפירט דעם סיסטעם פון דעראָבערן לעגאַלע גרויסע דרוקערייען, וואו עס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן הונדערטער טויזנטער אויפרופן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. איין מאָל, ווען ער איז בראש פון אַ גרופּע געקומען פאַרכאַפּן די רוסישע דרוקעריי פון דער באַרימטער פירמע ראָם, איז אין דער זעלבער צייט אָנגעקומען דער אינספּעקטאָר. און לאַזער קלאַג האָט לאַנג ניט געטראַכט און אַרעסטירט דעם צאַרישן אינספּעקטאָר און פאַר זיינע אויגן אָפּגעדרוקט די אומלעגאַלע אויפרופן. צוליב דעם איז די דרוקעריי דערנאָך פאַרחתמעט געוואָרן. אַ צווייטער אינטערעסאַנטער צופאַל איז געווען בעת ער האָט פאַרכאַפּט גאַרבערס דרוקעריי אויף זאַוואַלנע גאַס. דער באַלעבאָס האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, מען האָט אים דעריבער געבונדן. גראָד זיינען אָנגעקומען 2 גאָראָדאָוואָיען, לאַזער האָט באַפוילן אויך זיי צו בינדן. און די 2 צאַרישע היטער האָבן געמוזט צוקוקן ווי מען דריקט פאַרבאָטענע ליטעראַטור...

אַריינגעצויגן געוואָרן איז ער אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג דורך דעם דרוקער־אַרבעטער בערל געקער (בערטשיק דער שוואַרצער), וועלכער איז געווען אַ נאָענטער חבר פון הירש לעקערט. די שכינה פון הירש לעקערטס קידוש השם האָט אין די יונגע יאָרן תמיד געשוועבט איבערן יונגן לאַזקע און אים געטריבן צו די געוואַגסטע העלדן־טאַטן. מען האָט אים אומעטום געטראָפן אין די פאָדערשטע רייען: אַלס פירער פון דעמאָנסטראַציעס, אַלס מיטגליד פון דער בונדישער ב. אָ. (באָיעוואָי אָטריאַד — קאַמף־דרוזשינע), אָדער אַלס פירער פון דרוקער שטרייקן.

אַט ווי אַזוי דער פאַרשטאָרבענער פירער פון „בונד“ נח האָט אים כאַראַקטעריזירט אין אַ ספּעציעלן בוך, וואָס די יידישע דרוקער־אַרבעטער פון פוילן האָבן אַרויסגעגעבן צום 50־יאָריקן יובל פון זייער באַליבטן פירער:

„חבר לאָזער איז כל ימיו אַ מיטגליד פון „בונד“ און אַזוי ווי איר זעט אים איצט איז ער תּמיד געווען אַ בונדיסט מיט ברען, מיט פייער, איבערגעגעבן מיט מסירת־נפש. און באַוויזן האָט ער זיין איבערגעגעבנקייט מיט מעשים, מיט רעוואָלוציאָנערע מעשים. אַז מען האָט באַדאַרפט עפּעס „אַ שטיקל אַרבעט“ מאַכן אין אַ דרוקעריי, איז ניט געווען קיין פלינקערער „מאַכער“, ווי חבר לאָזער. ער האָט געקאָנט די מלאכה פון פאַרפירן אויף „זייטיקע וועגן“ די צאַרישע שפּיר־הינט און... ווען עס איז נייטיק געווען בעת מעשה האָט ער געקאָנט רעדן מיט אַ האַרבן לשון מיט אַ דרוקער־אייגנטימער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער... „נישט צו זען און נישט צו הערן“, איידער מאַכן געוואַלדן“.

לאָזער קלאָג, וועלכער איז פון 1902 געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז אַ פּאָר מאָל געווען אַרעסטירט, אָדער אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט פון ווילנע. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען טעטיק אין קיעוו. פון ווילנע איז ער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אַוועק אין לאָדזש און זיך דאָרט באַזעצט. אויך דאָרט האָט ער באַלד פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט צווישן די יידישע דרוקער־אַרבעטער, הגם ער האָט געלעבט אומלעגאַל אויף אַ פאַלשן פּאַספּאָרט אונטערן נאָמען טביה גלאַז. ער האָט דאָרט געאַרבעט אין „לאָדזשער טאָגבלאַט“. אין 1915, באַזעצט ער זיך אין וואַרשע, וואו ער טרעפט אַ טעטיקן דרוקער־פאַריין. סך הכל מיט צוויי יאָר שפּעטער ווערט ער אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער פון וואַרשעווער דרוקער־פאַריין און ביי אַלע אָן אויסנאַם ווייטערדיקע וואַלן איז ער כּסדר ווידער געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער. אונטער זיין אָנפירונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער לאַנד־פאַריין פון די יידישע דרוקער־אַרבעטער אין פוילן און אין 1925 אויפן ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון פאַריין פון די יידישע דרוקער־אַרבעטער אין פוילן. אויך דעם דאָזיקן אַמט האָט ער פאַרנומען ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן. פאַר זיין טעטיקייט איז ער אין יאָר 1920 אַרעס־טירט געוואָרן און געזעסן אַ צייט אין מאָקאָטאָווער תפיסה.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער אויף דער בונדישער ליסטע געוויילט געוואָרן אַלס פּרנס פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה.

במשך פון 20 יאָר צייט, ביזן אויסברוך פון איצטיקן קריג, האָט ער געאַרבעט אַלס מעטראַמפּאַזש פון דער יידישער צייטונג „דער מאָמענט". הגם באַלאָדן מיט אַ גרויסער פאַמיליע (אַלע זיינע זין זיינען אויך געווען דרוקער־אַרבעטער) האָט ער דאָך זיין גאַנצע פריע צייט געווידמעט אַן שום מאַטעריעלער באַלוינונג דער אַרבעט אין דרוקער־פאַריין. קיין רעדנער איז ער ניט געווען. פאַרקערט, דאָס רעדן איז אים אָנגעקומען שווער, ווייל ער איז געווען אַ ביסל אַ שטאַמ־לער. דאָך פלעגן אים די דרוקער־אַרבעטער הערן מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס, ווייל זיינע ווערטער זיינען געווען וואָגיקע, גוט דורכ־געטראַכטע און די אַרבעטער האָבן געוואוסט, אַז אויף זיינס אַ וואָרט קען מען שטעלן. די יידישע דרוקער־אַרבעטער האָבן זיך געפילט זיכערער, ווען זיי האָבן געהאַט צווישן זיך די הויכע מאַסיווע פיגור פון „שוואַרצן לאָזער", ביי וועמען די שוואַרצע אויגן האָבן שטענדיק געפינקלט מיט פייער.

ער איז געווען אַ הייסער בונדיסט; ער איז געווען געטריי ביז גאָר צו זיינע דרוקער־אַרבעטער — און דאָך זיך געקאָנט אויפהייבן העכער פון זיין פאַך־באַגרענעצטקייט. וועגן זיין אָביעקטיווקייט און גערעכטיקייט־געפיל, זאָגט דער פירער פון „בונד" הענריק ערליך (אין פריער דערמאָנטן בוך):

„אין די מאָמענטן פון ליידנשאַפטלעכסטע אינערלעך־פּאַרטייאישע שטרייטן, בלייבט ח' קלאָג רואיק, האַלט ער איין זיין קאַלטבלוטיקייט. און הגם ער האָט אַליין אַ פעסטע מיינונג אין אַלע פראַגן פון אונזער פאַרטיי־פּאָליטיק, בלייבט ער אַלעמאָל אָביעקטיוו און גערעכט צו די חברים, וואָס האַלטן זיך ביי אַן אַנדער מיינונג, ווי ער".

ווען היטלערס חיילות האָבן אין הערבסט 1939, נאָך דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, אַריינמאַרשירט אין שטאָט און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געמוזט צוריק אַרונטער אין אונטערערד — נאָך טיפער ווי אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן — איז געווען מער ווי נאַטירלעך, אַז לאָזער קלאָג זאָל ווערן איינער פון די צענטראַלע פּי־גורן פון אָט דער אונטערערדישער באַוועגונג. זיין רואיקייט, מיושב־דיקייט, זיין קאָנספּיראַטיווע גאַניטקייט און זיין מאָראַלישע הויכקייט זיינען געווען אַן אומאָפּשאַצבאַרער אוצר פאַר דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. און ווער נאָך אַזוי ווי ער איז געווען דער מענטש צו

אָרגאַניזירן די געהיימע דרוקערייען, וואו מען האָט געדרוקט צייטונגען און אויפרופן קעגן די נאַצישע מערדער — אָן איבערמענטשלעכע אָר־בעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן נישט נאָר פאַר די יידן אין געטאָ, נאָר אויך פאַר דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג אויסער די געטאָ־ווענט. נאָך פאַר דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ זיינען צענד־ליקער יידישע דרוקער־אַרבעטער דערשאָסן געוואָרן אין שייכות מיט אומלעגאַלע צייטונגען. קלאַג איז געווען די נשמה, באַגייסטערער, פירער און טוער פון דעם הערא־אישסטן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און איז געפאַלן, ווי אַ קעמפער אויף זיין פּאָסטן.

## משה קויפמאַן

געבוירן 1909 אין בוסק, די קינדהייט פאַרבראַכט אין ראַבקי, אַריין אין דער באַוועגונג אין קראָקע, אויסגעוואַקסן אין איר אין וואַרשע, וואו ער האָט אין מאַי 1943 בראש פון אַ גרופּע געטאָ־קעמפער געפינען אַ רומרייכן טויט. אַ לעבן אין אָרעמקייט און נויט, און דאָך אַ שפּרודל־דיקער קוואַל פון הומאָר און גוטמוטיקייט.

פון פאַך אַ קאַמאַשנמאַכער, איז ער פאַרן קריג געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט" און סעקרעטאַר פון דער יוגנט סעקציע ביים לעדער־פאַריין. ביי זיין שטענדיקער פריי־לעכקייט און וויציקייט, האָט ער אָבער, ווען ס'איז געווען נייטיק, געקנומען זאַכן טיף ערנסט. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענע געטריישאַפט צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און ליבשאַפט צו אירע פירער. פאַר דער באַוועגונג איז ער שטענדיק געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער. די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון איצטיקן קריג.

צוזאַמען מיטן גרויסן שטראָם פּליטים איז ער פאַרוואַגלט געוואָרן סוף 1939 קיין ווילנע, וואָס איז אין יענעם מאָמענט געווען אונטער דער ליטווישער ממשלה. אין שליחות פון „בונד" און פון יוגנט־בונד „צוקונפט" איז ער אַ פאַר מאָל געגאַנגען איבער די גרענעצן אין די טעריטאָריעס, וואָס זיינען געווען אָקופּירט דורך די סאָוועטן און דורך די דייטשן. און דערביי האָט ער עס געטאָן אַזוי פלינק און אָן שום רייבונגען, ווי עס וואָלט געווען זיין נאָרמאַלע באַשעפטיקונג. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען דאָס גיין איבער די גרענעצן איז שוין געווען אויסערגעוויינלעך שווער, איז נייטיק געוואָרן צו שיקן אַ מענטש קיין



אין וואַרשעווער געטאָ: עס שטייען צוויי פֿירער פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג.
רעכטס — אַברהם פֿיינער, לינקס — משה קויפֿמאַן (אין די ברילן)

וואַרשע. צוליב דער וויכטיקייט פון דער שליחות איז דער אויסוואַל געפאַלן אויף משהלע קויפּמאַן, ווייל מען האָט געהאָפט, אַז ער וועט עס דורכפירן בשלימות. אַ פירער פון „בונד" האָט אים אַרויסגערופן צו זיך און אים פאַרגעלייגט די שליחות. ער האָט אים דערביי געזאָגט: „זייט זיך גוט מישב און פאַרשטענדיקט זיך מיט אייער פרוי, און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט איר מיר ברענגען אַ תשובה".

משה קויפּמאַן האָט גלייך אויפן אָרט געענטפערט, אַז ער האָט זיך ניט וואָס מישב צו זיין, אַז ער איז גרייט צו גיין. וואָס שייך זיין פרוי, דאַרף ער נאַטירלעך מיט איר רעדן. און ער איז אַוועק. עס האָט אָבער נישט געדויערט מער ווי אַ האַלבע שעה און משה קויפּמאַן צוזאַמען מיט זיין פרוי זיינען פאַרסאַפּעטע געקומען צו לויפן צום פּאַרטיי־פאַרשטייער. זייער קומען האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג, ווייל דער זייגער האָט זיך גערוקט צו 10 אין אָוונט, פון ווען אָן עס איז געווען פאַרבאָטן צו גיין אין גאַס. בקיצור: די פרוי האָט געטענהט, אַז עס איז אַ באַליידיקונג פאַר איר, ווען מען צווייפלט צי זי וועט געבן איר הסכם. זי וויל נישט, אַז אָט דער צווייפל זאָל אָנהאַלטן אפילו איין נאַכט. דעריבער זיינען זיי געקומען צו לויפן אין אַזאַ שפּעטער צייט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז משה קויפּמאַן אַוועק קיין וואַרשע.

דאָס מאָל איז אָבער מיט אים עפּעס געשען. מען האָט אים ביים אַריבערגיין די ליטוויש־סאָוועטישע גרענעץ אַרעסטירט.

זיין ווייטערדיקער „נאָרמאַלער" וועג וואָלט נאַטירלעך געווען לאַנגע יאָרן תפיסה און פאַרשיקונג אין סיביר אָדער אין די קאַלטע וועלדער פון ווייטן צפון. אָבער דאָ איז געשען אַ מאָדנער צופאַל, וואָס קאָן פּאַסירן נאָר אין אַזאַ אויסטערלישער צייט און האָט זיין גורל געקירעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג. די טורמעס זיינען דאַן געווען איבערגעפּאַקט. אין יעדער קאַמער זיינען געזעסן פיר־פינף מאָל מער מענטשן ווי געוויינלעך. אַלץ נייע און נייע שטראָמען אַרעסטאַנטן זיינען געבראַכט געוואָרן. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געזאָלט איבערפירן 300 אַרעסטאַנטן אין אַ צווייטער טורמע. מען האָט זיי אַרויסגענומען פון זייערע קאַמערן און געהאַלטן אויפן הויף צום אָפּטראַנספּאָרטירן. זייערע פּלעצער זיינען גלייך פאַרנומען געוואָרן דורך נייע פּאַרטיעס אַרעסטאַנטן. פאַרן אָפּטראַנספּאָרטירן זיי איז אָבער אָנגעקומען אַ טעלעפאָן פון דער צווייטער טורמע, אַז מער ווי 200 אַרעסטאַנטן וועט מען פאַר קיין פאַל ניט צונעמען. עס איז ניט געווען

וואו אַהין צו טאָן די „איבעריקע״ 100 אַרעסטאַנטן. דאָס שווערע פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן אויף אַ זייער פּשוטן אופן: מען האָט אויסגעשטעלט אויפן הויף אַלע 300 אַרעסטאַנטן, געהייסן פון איין עק אָפּציילן ביז הונדערט און זיי סעפּאַרירט פון די איבעריקע. אַ פּאַר־שטייער פון דער סאָוועטישער תּפיסה־מאַכט האָט דאַן געזאָגט צו די 100, אַז אַזוי ווי עס איז ניטאָ מער קיין אָרט אין דער תּפיסה (דאָס איז געווען אין שטעטל לידע) און מען האָט ניט וואו אַהין זיי צו שיקן אין אַן אַנדערע תּפיסה, דעריבער „נעמט די פּיס אויף די פּלייצעס און גייט צו אַלדי רוחות״. מיט פרייד האָבן די הונדערט זיך אַרויס־געשיט פון תּפיסה־טויער און צווישן די גליקלעכע איז אויך געווען משה קויפמאַן און אַ צווייטער וויטקיקער בונדישער טוער, וועלכער איז אויך געגאַנגען קיין וואַרשע, אָבער איז שפּעטער דורך דער סאָ־וועטישער מאַכט אַ צווייט מאָל אַרעסטירט געוואָרן שוין ביי דער דייט־שער גרענעץ.

אַ קויטיקער, אַ שמוציקער, מיט אַ בערדל אַרום זיין ניט־ראַזירטן פּנים, האָט ער זיך באַוויזן צווישן חברים, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין שטעטל. ער האָט זיך באַלד אויפגעריכט און זיך געלאָזט אין ווייטערן וועג אַריין מיטן ציל — וואַרשע. מיט זיין אַלטער זיכער־קייט און פלינקייט איז ער בשלום אַריבער אומלעגאַל די סאָוועטיש־דייטשע גרענעץ. אין וואַרשע איז ער גלייך אַריין אין דער אָנפירונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואו ער איז געווען אויסערגע־וויינלעך אַקטיוו ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן.

אין דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט ער אויף זיך גענומען איי־נע פון די שווערסטע און געפערלעכסטע מיסיעס. ביי אומגלויבלעך שווע־רע באַדינגונגען איז ער אַרומגעפאָרן פון איין אָרט צום צווייטן, פאַר־בונדן איין געטאָ מיטן אַנדערן, געבראַנגט ידיעות און אינסטרוקציעס פון צענטער צו די אָרטיקע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און פון דאָרט באַריכטן צוריק צום צענטער.

ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ העראָאישן טויט אין מאַי 1943, אין די שלאַכטן פון וואַרשעווער געטאָ. ער האָט אָנגעפירט מיט אַן אָפּטיי־לונג, וואָס האָט פאַרטיידיקט אונטערערדישע באַפעסטיקונגען. אַלע קעמפער האָבן דאָרט געפונען זייער טויט.

## אַברהם בערעק שניידמיל

אַ גאַנץ אַנדערער טיפּ מענטש איז געווען אַברהם בערעק שנייד־מיל, וועלכער איז אַזוי ווי משה קויפּמאַן אין שליחות פון „בונד" צוריק געגאַנגען פון ליטע קיין וואַרשע.

ער האָט געשטאַמט פון לאָדזש, וואו ער האָט פאַרענדיקט אַ גימ־נאַזיע, דערנאָך האָט ער שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. די לעצטע יאָרן איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס בוכהאַלטער אין אַ גרויסער וואַרשעווער פירמע. ער איז געווען אַ טיפּ מענטש, וואָס האָט זיך, דאַכט זיך, נישט אַריינגעפּאַסט אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה און דאָך איז ער געווען אויסערגעוויינלעך טריי און צוגעבונדן צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

כּדי אים צו כאַראַקטעריזירן, וועט גוט זיין צו דערציילן פאָלגענדן אינטערעסאַנטן אינצידענט:

אַ פּאָר יאָר פאַרן איצטיקן קריג, האָט ער שפּאַצירט מיט זיינס אַ פריינדין אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, אין וואַרשע. אַ פאַרבייגייענ־דער יונגער פּאָליאַק האָט געמאַכט אַ שפּאַס אויפן חשבון פון זיין פריינדין — פון יענעם מין שפּאַסן, וואָס זיינען אי גוטמוטיק אי באַליי־דיגענדיק. דער דאַרער און שטענדיק בלאַסער שניידמיל האָט דעם הויכן געזונטן פּאָליאַק גלייך אָפּגעענטפערט מיט אַ הילכיקן פּאַטש. עס איז געוואָרן אַ טומל, ס'איז געקומען פּאָליציי אוןביידע זיינען אָפּ־געפירט געוואָרן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. דאָרטן האָט דער פּאָליאַק אַרויסגענומען זיין פערזענלעכן דאָקומענט און דער קאָמיסאַר האָט הויך איבערגעלייענט: מיליטער־מאַן, טיטול „פּאָדכאָראָנזשי". שניידמיל האָט דערלאַנגט זיין דאָקומענט און דער קאָמיסאַר האָט איבערגעלייענט דאָס זעלבע: „פּאָדכאָראָנזשי". — אַזוי גאָר, האָט דער קאָמיסאַר גע־טענהט, איר זענט ביידע מיליטער־לייט און אויף דער זעלבער שטופע, צו וואָס זאָל איך מאַכן אַ פּראָטאָקאָל, בעסער דערליידיקט דעם קאָנ־פליקט אויף אַן „ערנהאַפטן אופן". דער פּאָליאַק האָט גלייך געזאָגט, אַז ער איז מסכּים; שניידמיל — אַ ברירה האָט ער געהאַט? — האָט אויך געזאָגט: יאָ.

„ערנהאַפטער אופן" האָט צווישן מיליטער־לייט געהייסן: שלאָגן זיך אויף אַ דועל. און ווירקלעך, אין צוויי טעג אַרום זיינען צו שנייד־מילן אין וואוינונג געקומען צוויי הערן, געקליידט אין שוואַרצע פראַקן, ווייסע הענטשקעס און הויכע צילינדערס, ווי דער מנהג איז אין אַזעלכע

פאַלן. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען די סעקונדאַנטן פון באַליי־דיקטן פּאַליאַק און זיי פאַרלאַנגען פון שניידמילן אָנצוגעבן די נעמען פון זיינע סעקונדאַנטן, כּדי זיי זאָלן אַרומריידן די פּרטים פון דעם דועל. זיי האָבן אים געגעבן אַ טערמין, ביז ווען צו געבן אַ תּשובה.

חבר בערעק איז געווען אַ ביסל צערודערט. עס האָבן אים געאַרט צוויי זאַכן: ערשטנס, זיינען דאָך סאָציאַליסטן קעגן דועלן; צווייטנס, קען ער דאָך נישט די מלאָכה פון שווערדן־געפעכט. ער איז געלאָפן פון איין נאָענטן חבר צו אַ צווייטן און געבעטן ביי זיי צו פּסקענען די שאלה, צי מעג אַ סאָציאַליסט זיך שלאָגן אויף אַ דועל. אָבער בעת ער האָט געפרעגט, האָט ער שוין טיף אין האַרץ ביי זיך געהאַט באַ־שלאָסן: ער גייט אויפן דועל. דער מאָטיוו: ער וויל נישט, מען זאָל זאָגן, אַז אַ ייד איז אַ פּחדן.

ער האָט גענומען אַ קורס אין דער קונסט פון פעכטן און זיך געשטעלט צום דועל. דער רעזולטאַט: נאָך אַ געוויסער צייט פעכטן אויף שווערדן, האָט זיין קעגנער אויסגעשריגן: יעזוס, מאַריאַ! פון דער ברוסט פון זיין קעגנער איז גערונען אַ שמאָלער שטראָם בלוט...

צוליב זיינע מיליטערישע קענטענישן איז ער געווען קאָמענדאַנט פון „צוקונפט־שטורם“, וואָס האָט נישט נאָר אין די צייטן ערב דעם איצטיקן קריג און בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע זיך אויסגע־צייכנט ביי פאַרשיידענע שוץ־אַרבעטן, נאָר אויך דורכן דירעקטן אָנטייל אין די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ. אַ סך פון די געפאַלענע בעת דעם ווידערשטאַנד זיינען געווען מיטגלידער פון דעם „צוקונפט־שטורם“ (אַ ספּעציעלע קאַמף־אָפּטיילונג פון יוגנט־בונד „צוקונפט“ אין פוילן).

ווינטער 1940 איז בערעק שניידמיל געווען אין ליטע. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז צוריקגיין קיין וואַרשע, כּדי צו זיין דאָרט טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. דערצו האָט ער געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש פון דער אָנפירונג פון „בונד“. ווען די אָנפירונג האָט אים געמאָלדן דעם באַשלוס, אַז ער ווערט דעלעגירט קיין וואַרשע, איז ער געווען מלא שׂמחה. ער איז געשפּרינגען פאַר פרייד.

אָפּיציעל איז ער געגאַנגען נעמען דעם באַפעל צו גיין קיין וואַרשע צום אַלטן פירער פון „בונד“ — נח. חבר נח איז שוין געווען געפּער־לעך קראַנק. ווען דער אַלטער פירער האָט דעם חבר געמאָלדן, אַז ער ווערט געשיקט אין פּאַרטיי־שליחות קיין וואַרשע, האָט בערעק זיך אויס־געגלייכט מיליטעריש, סאַלוטירט און געענטפערט קורץ: דער באַפעל וועט אויסגעפירט ווערן!

ער האָט זיך דאַן פאַרנייגט, אַ קוש געטאָן נחן און האַנט און איז אַוועק.

זיין וועג קיין וואַרשע איז ניט געווען קיין גלאַטיקער. ער איז בשלום אַריבער די ליטוויש־סאָוועטישע גרענעץ, אומלעגאַל פאַרשטייט זיך. אָבער ביים אַריבערגיין די סאָוועטיש־דייטשע גרענעץ האָבן אים די דייטשן געכאַפּט. זיי האָבן אים מוראדיק געקאַטעוועט און לסוף צוריק אַריבערגעוואָרפן אויף דער סאָוועטישער זייט. ער איז געקומען קיין ביאַליסטאָק אַ צעבלוטיקטער און צעמאַזיקטער און שרעקלעך דער־שלאָגן פון דער באַליידיקונג, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צוריק־געבן קלעפּ. אין ביאַליסטאָק האָבן אים פריינד צוגערעדט, אַז ער זאָל דאָרטן בלייבן אָדער צוריקגיין קיין ליטע. שניידמיל האָט ניט געוואָלט הערן דערפון. צוריקקומענדיק צו זיין גלייכגעוויכט נאָך דער שרעקלע־כער איבערלעבונג, איז ער אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער געגאַנגען צו דער דייטשער גרענעץ און דאָס מאָל איז אים געלונגען צו דער־גיין ביז וואַרשע.

מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אימפּעט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און פאַרנומען אַ חשוב אָרט אין דער הויפּט־אָנפירונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. אַ באַזונדערס וויכטיק אָרט האָט ער פאַרנומען ביי דער אָרגאַניזירונג און אָנפירונג פון ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, ער איז געווען איינער פון די הויפּט־קאָמאַנדירן פון ווידערשטאַנד, אין וועלכן ער איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין מאַי 1943 אין עלטער פון בערך 40 יאָר.

## הענעך רופּ

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1909 אין קאַלושין. פון פאַך אַ טעקסטיל־אַרבעטער. ער איז געווען איינער פון די שענסטע און אינ־טערעסאַנטסטע טיפּן פון נייעם יידישן אַרבעטער דור. ער איז געווען אַקטיוו אין דער קולטור־אַרבעט, פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און פּאָ־ליטישער טעטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט. באַזונדערס גרויס זיינען זיינע פאַרדינסטן ביים אָרגאַניזירן די יוגנטלעכע אַרבעטער אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט. ער איז געווען סעקרעטאַר פון דער באַקלייד יוגנט־סעקציע אין וואַרשע, סעקרעטאַר פון דער יוגנט־אָפּטיילונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע יוגנטלעכע אַרבע־טער. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט און פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט" אין פּוילן.



העניך רוס

העניך רוס איז שטענדיק געווען די פאַרקערפּערונג פון יוגנט־לעכקייט. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע פאַרשטענדעניש פאַרן יוגנט־לעבן, די אינטימסטע נשמה־איבערלעבונגען פון דער יוגנט זיינען אים געווען באַקאַנט און נאָענט. קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי ווי ער געווינען דעם צוטרוי פון דער ניט־דרייסטער, אומדערפאַרענער יוגנט, וועלכע האָט אין אים דערפילט אַן אייגענעם. ער איז געווען אַ מאָדנער געמיש פון ערנסט און הומאָר. קיין שום דערגרייכונג האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט תמיד געזוכט עפּעס נייעס, עפּעס העכערס.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַסן־שטראָם אַרויס פון וואַרשע, איז ער אויך מיטגעריסן געוואָרן. אָבער ווייטער ווי ביז צו דער ראַגאַטקע איז ער נישט דערגאַנגען. הגם זיין יונגע פרוי האָט אים געגעבן איר הסכּם, אַז ער זאָל אַוועקגיין, האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז זיין פרוי האַלט ביים געבוירן אַ קינד און זיין געוויסן האָט אים גע־

טריבן צוריק. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אונטער אויסערגעוויינ־לעכע אומשטענדן — בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע. אין מאָמענט פון דער געבורט־אָפּעראַציע, איז דאָס הויז געטראָפן געוואָרן פון אַ באָמבע און מען האָט די קימפּעטאָרין צוויי מאָל געמוזט איבערטראָגן פון איין דירה אין אַ צווייטער. דער סוף איז געווען, אַז אויך אויפן לעצטן אָרט האָט אַריינגעשלאָגן אַ באָמבע און די קימפּעטאָרין האָט מען אַ פאַרחלשטע אַרויסגעטראָגן אויף די הענט. אין דער מהומה איז דאָס ניי־געבוירענע קינד פאַרלוירן געגאַנגען. די פאַרצווייפלונג פון די יונגע עלטערן צוליבן פאַרלירן זייער ערשט קינד איז געווען אומ־געהייער. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען אין שטאָט איז אַ ביסל רואיקער געוואָרן, האָט איינער פון די שכנים זיי געבראַכט צו טראָגן דאָס קינד, וואָס ער האָט בעת דער סומאַטאָכע באַוויזן אַרויסצוכאַפּן און דורך פלאַמען אַדורכצוטראָגן צו אַ „זיכער" אָרט.

רוס איז אין משך פון קנאַפּע 4 יאָר צייט געווען איינער פון די, וועלכע האָבן אויף זייערע פּלייצעס אויסגעטראָגן די שווערע לאַסט פון דער אָנפירונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג און האָט געפינען זיין טויט אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ.

## זלמן פרידריך

ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין דער בונדישער באַוועגונג אין וואַרשע. אַ לענגערע צייט האָט ער געאַרבעט אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ), אין דער אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ, און אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער גרויסער אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מאָרגנשטערן". בעתן אויס־ברוך פון קריג איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי און אָנטייל גענומען אין אַ ריי שלאַכטן מיט די נאַצישע חיילות. לסוף איז ער צוזאַמען מיט זיין גאַנצער אָפּטיילונג גענומען געוואָרן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט.

אַלס געפאַנגענער האָט ער אַ לענגערע צייט אָנגעהאַלטן אַ קאָנ־טאַקט מיט די חברים אין וואַרשע און ענדלעך איז אים געלונגען צוריק אַהיים צו קומען. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אין רשות פון דער אונ־טערערדישער באַוועגונג און איז געווען צווישן די אַקטיוויסטע קעמפער בעתן ווידערשטאַנד.

אין סאַמע לעצטן באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן ווערט וועגן אים געזאָגט, אַז ער איז געווען אויסערגעוויינלעך בראַוו

אין אונטערערדישן קאַמף און אומדערשראָקן אין באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. אין מיטן די שלאַכטן האָט אים די הויפּט־אָנפירונג פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעשיקט פון געטאָ מיט אַ וויכטיקער מיסיע, וואָס ער האָט אָדורכגעפירט בשלימות. ער איז געווען צוגע־פּאַסט פאַר דער שליחות צוליב זיין דרייסטקייט, ווי אויך צוליב זיין אויסזען. דער בלאָנדער, הויכער און פעסטער יונגערמאַן האָט געהאַט אַן אַרישן אויסזען. נאָכן דערליידיקן זיין שליחות איז ער דורך געהיימע וועגן צוריק אַריין אין געטאָ און גלייך זיך ווידער געשטעלט צום באַוואָפנטן קאַמף. געפאַלן איז ער, ווען ער האָט בראש פון אַן אָפּ־טיילונג געפּרואווט זיך דורכרייסן דורך אַ קייט באַוואָפנטע נאַציס.

## וואָלף ראַזאָווסקי

געבוירן 1916. געלערנט אין אַ יידיש־וועלטלעכער פאָלקס־שול, באַקומען מיטל־שול בילדונג. שטאַמט פון אַ בונדישער היים — דער טאַטע איז געווען אַ טוער אין פאַריין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. ער אַליין איז געווען אַ ביוראַליסט.

אין 1926 אַריינגעטרעטן אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף". לאַנגע יאָרן געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט און פון 1935 פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „סקיף". נאָכדעם ווי די דייטשע חיילות האָבן פאַרנומען וואַרשע, האָט ער אָרגאַניזירט אַן אונ־טערערדישע קינדער־באַוועגונג און ער איז געווען איר הויפּט־פירער. אַלס פאַרשטייער פון דעם אונטערערדישן „סקיף" איז ער געווען אַ מיטגליד אין אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צו־קונפט" אין פוילן.

זיין ראָל אין דער באַוועגונג און אין דער יידישער קאַמף־אָרגאַ־ניזאַציע איז געווען אַ באַזונדערס וויכטיקע. 2 מאָל האָבן אים די נאַציס אַרעסטירט, און ביידע מאָל איז געלונגען פאַר גרויסע סומעס געלט אים אויסצוקויפן. דאָס לעצטע מאָל האָט אים אויסגעקויפט די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אים געהאַט באַשטימט אַלס קאָמענ־דאַנט פון אַ פראָנט־אָפּשניט פאַרן אויסברוך פון דער „יידיש־דייטשער מלחמה". ווי אַ פראָנט־אָנפירער האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן. ער איז געפאַלן, ווען ער האָט צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע קעמפער, נאָכן אונטערדריקן דעם ווידערשטאַנד, פון די אונטערער־דישע טונעלן זיך אַדורכגעריסן אויף יענער זייט געטאָ.

## אַברהם פּיינער

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1915. אַ יונגער קירזשנער אַרבע־טער. איז געווען טעטיק אַלס מיטגליד פֿון וואַרשעווער קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט" אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג.

אויך ער האָט בעת דער איצטיקער מלחמה אַדורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג, וואָס זיין חבר פרידריך. אַלס זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ ריי שלאַכטן, איז אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, האָט געאַרבעט אין די באַטאַליאָנען פון די געפאַנגענע און איז צום סוף אַהיים געקומען.

ער איז געווען איינער פון די אָנפירער פון דער אונטערערדישער בונדישער יוגנט־באַוועגונג, וואָס האָט געפירט אַ זייער רייכע פאַר־צווייגטע טעטיקייט אין דער גאַנצער צייט פון דער היטלער־הערשאַפט. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע אומלעגאַלע אונ־טערערדישע יידישע צייטונג אונטער היטלערס ממשלה — די „יוגנט־שטימע" און געהאַט אין אַ ריי שטעט אַ גרויסע צאָל געהיימע גרופּן.

אויך אברהם פיינער איז געפאַלן ווי אַ זעלנער אויף זיין פּאָסטן בעת דעם ווידערשטאַנד.

## מרים שיפמאַן

גלייך נאָך פיינערן זאָל דערמאָנט ווערן זיין יונגע פרוי, וועלכע איז אין עלטער פון 25 יאָר אַזוי ווי ער געפאַלן אין ווידערשטאַנד. מרים שיפּ־מאַן איז געווען אַ מעטאַל־אַרבעטערין. זי האָט געשטאַמט פון אַ זייער אָרעמער פאַמיליע, האָט געענדיקט אַ יידיש וועלטלעכע שול, איז אַדורך די סאָציאַליסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף", זיך אַרויסגערוקט אַלס מוסטערהאַפטע און געוויסנהאַפטע טוערין, און איז דערפאַר געוויילט געוואָרן אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט". אַ גאַנצן טאָג ביי דער שווערער אַרבעט אין פאַבריק און אַלע אָוונטן אין דער אָרגאַניזאַציע, איז זי געווען די שפּייזערין פון אירע אָרעמע טאַטע־מאַ־מע און 3 יינגערע שוועסטער. אַ פיזיש שוואַכע, פון קליינעם וואוקס, האָט זי אָבער פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע, אומדערמידלעכע ענערגיע, וואָס זי האָט פאַרווענדט אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אין דער אַרבעט צווישן דער יוגנט אין מעטאַל־פאַריין. איר פּנים האָט דערמאָנט דעם אויסזען פון אַ נאָנע. איר גוטסקייט האָט זיך אַרויס־געוויזן באַזונדערס בולט אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פון געטאָ. ווען



אין וואַרשעווער געטאָ: רעכטס — משה קויפּמאַן; לינקס — מרים שיפּמאַן.

די דייטשן האָבן פֿאַרנומען וואַרשע און דער הונגער איז געוואָרן זייער גרויס, האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן און געסלעך פון דער וואַרשעווער אַרעמקייט, אויפגעזוכט ספּעציעל יוגנטלעכע און זיי באַזאָרגט מיט קוויטלעך אויף מיטאָגן אין די אַרבעטער קיכן. די מאַמעס פון די קינדער, וועלכע זי האָט מיט „קוויטלעך" דערהאַלטן ביים לעבן, האָבן זי דערפֿאַר באַשאָטן מיט ברכות.

לאָמיר צום סוף לאָזן ריידן איר אַליין. דאָס איז געווען אין די לעצטע טעג פאַרן אויסברוך פון איצטיקן קריג. היטלערס געפּאַנצערטע דיוויזיעס האָבן זיך שוין קאָנצענטרירט ביי די גרענעצן פון פוילן און זיך געגרייט צו זייער טיגער־שפּרונג. נישט ווייט פון דער גרענעץ, אין די וואָלאָצלאַוועקער וועלדער, האָט זיך געפונען אַ זומער־לאַגער פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־בונד „צוקונפט". אויך פון דער פוילישער זייט איז דאָרט קאָנצענטרירט געוואָרן מיליטער און די אַרמיי־אָנפירונג האָט דעריבער געהייסן ליקווידירן דעם לאַגער. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ, אָפּגעדרוקט אין וואַרשעווער „יוגנט־וועקער", שרייבט מרים וועגן מאָמענט פון ליקווידאַציע:

„ס'איז אומעטיק, ס'ווילט זיך נישט אָוועקפאָרן פון דעם אָרט, פון דער היים, וועלכע איז טייער. טעג נישט קיין געוויינלעכע, טעג וואָס זיינען דורכגעפלאָכטן מיט פרייד און יום־טובדיקייט, טעג, אין וועלכע מיר האָבן מיט אונדזער גאַנצן וועזן זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ וועלט אַ פרייע. נאָך נעכטן האָט זיך דיר געדוכט, אַז שטענדיק וועסטו דאָ בלייבן, אין דער שטילער אַנגענעמער היים"...

אָט די בענקשאַפט און גלויבן אין אַ וועלט אַ פרייע האָט דאָס קינד פון מילע גאַס אויך געטראָגן אין האַרץ אין די שרעקלעכע געטאָ־טעג, ביז דאָס האַרץ איז אַדורכגעלעכערט געוואָרן פון אַ נאַצישער קויל.

## טויבע דאַווידאָוויטש

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט טאָבטשע געהאַט נאָר וואָס געענדיקט די יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שול, האָט געהערט צו אַ „סקיף"־קרייז, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „רויטע פאַלקן" און איז אַליין מיט איר רויטן קאָפּ האָר געווען „אַ רויטע פאַלק". אָט דאָס קינד איז באַלד געוואָרן אַ וויכטיק שרייפעלע אין דער מאַשין פון דער אונטערערדישער באַוועגונג — געווען טעטיק אין „סקיף" און „צוקונפט". דערביי האָט דאָס דאָזיקע געטאָ קינד אַרויסגעוויזן אַזוי פיל חכמה,

דערפינדערישקייט און דרייסטקייט, וואָס מוז אַרויסרופן די גרעסטע באַוואונדערונג.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי האָט געפירט מיט איר פאָטער אין אַמעריקע, האָט זי אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן געשילדערט דאָס לעבן פון די וואַרשעווער יידן. אירע בריוו וועלן זיין וויכטיקע דאָקומענטן ביי דער פאָרשונג פון פסיכישן צושטאַנד פון יידישן קינד אונטער דער נאַצי־בייטש. צווישן אַנדערן האָט זי געשריבן, אַז אויב מען וויל וויסן, ווי אַזוי עס זעט איצט אויס אין די יידישע הייזער, זאָל מען איבערלייענען ז. שניאורס בוך „נח פּאַנדרע״—דאָס קאַפּיטל וועגן דער מגפה. און ווייטער האָט זי געשריבן, אַז מען איז ניט געווען גערעכט צו י. ל. פּרצס „באַנטשע שוויג״. זיין חלום וועגן אַ בולקע מיט פּוטער איז אַ גרויסע וויזיע, און די יידן אין פּוילן טראָגן זיך אַרום מיט דעם דאָזיקן גרויסן חלום, וועלכן קיין שום מענטש אין דער וועלט איז נישט בכוח צו באַגרייפן.

אויך זי האָט געפונען איר טויט, אין עלטער פון 19 יאָר, אויפן שלאַכטפעלד פון וואַרשעווער געטאָ.

*

מיר גיבן דאָ ווייטער די נעמען פון אונזערע חברים, וועגן וועלכע מיר וויסן, אַז זיי זיינען געפאַלן אין די שלאַכטן פון וואַרשעווער געטאָ. די חברים און חברטעס זיינען אונז גאַנץ גוט באַקאַנט, אָבער ליידער האָבן מיר נישט קיין ידיעות וועגן זייער ראָל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און בעת די קאַמפן אין געטאָ. מיר פאַרצייכנען זייערע נעמען לזכרון:

ישראל גערטנער — האַנדלס אַנגעשטעלטער, מיטגליד פון „צוקונפט־שטורם״.

אפרים יושקעוויטש — שניידער, טוער פון יוגנט־סעקציע, מיטגליד פון „צוקונפט־שטורם״.

זיגמונד איגלאַ — האַנדלס אַנגעשטעלטער, טוער פון יוגנט־סעקציע, מיטגליד פון „צוקונפט־שטורם״.

משה ליליענשטיין—פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יוגנט־סעקציע פון פריזירער פאַריין און מיטגליד פון „צוקונפט־שטורם״.

ישראל ראַמאַנאָוויטש — שניידער פון דער וואַרשעווער פאַרשטאַט אָכאָטע, טוער פון „צוקונפט״.

סטאַשעק ברילאַנטשטיין — טוער פון „סקיף״.



לייב גרוזאַלץ

נחום כמעלניצקי — געענדיקט די יידיש־וועלטלעכע שול אויף קראַכמאַלנע 36, מיטגליד פון דער בונדישער אַקאַדעמישער גרופּע „רינגען".

לייב גרוזאַלץ: טוער פון וואַרשעווער „צוקונפט" און פּאַרוואַל־טונגס מיטגליד פון דער יוגנט־סעקציע פון דרוקער־פאַריין.

סעווועק דונסקי — מיטגליד פון „צוקונפט", זון פון אַלטן בונ־דיסט, דעם שוסטער משה דונסקי.

אַברהם אייגער — מיטגליד פון בונדישן אַקאַדעמישן קרייז „רינגען", אַלט געווען 32 יאָר.

יצחק גאָלדשטיין — מיטגליד פון „סקיף" און שפּעטער פון „צוקונפט".

ברוך פעלץ — מיטגליד פון „סקיף" און יוגנט־בונד „צוקונפט".

מלך פּערלמאַן — דורכגעגאַנגען די יידיש־וועלטלעכע שול, דעם „סקיף" און יוגנט־בונד „צוקונפט".

איגנאַץ פּוטערמאַן.

יעקב פייגענבלאַט.

אַדעלאַ יאַנקעלעוויטש.

ישראל מיטלמאַן.

שלמה שוואַן.

ישראל ראַזאַווסקי — פאָטער פון וואָלף און לייב, טעטיקער טוער פון „בונד" און פון פּראָפ. פאַראיין פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע.

מאיר שוואַרץ — זון פון אַ רבין, געקומען פון דער ישיבה צום „בונד", פירער פון „אַרקאַדי־גרופּע", וואָס איז באַשטאַנען פון געווע־זענע ישיבה־בחורים.

לייבעלע ראַזאָווסקי — ברודער פון וואָלף ראַזאָווסקי, געווען טע־טיק אין „סקיף" און „צוקונפט".

בנימין וואַלד — מיטגליד פון יוגנט־בונד „צוקונפט".

און איצט די משפּחה בלאַנעס. 2 ברידער און אַ שוועסטער. דער טאַטע אַן אַלטער בונדיסט, אַ מאַנופאַקטור־אַנגעשטעלטער, אַ פּאַרוואַל־טונג מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון האַנדל־און ביורא־אַנגע־שטעלטע אין וואַרשע. אַלע זיינע 4 קינדער זענען געווען אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג. מיר ווייסן, אַז דריי פון זיינע קינדער זיינען אומגע־קומען אין די שלאַכטן פון געטאָ, אַלס מיטגלידער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

יורעק בלאַנעס — צו 10 יאָר אַריין אין „סקיף", שפּעטער געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע און געווען אַ פּירער פון קינדער־קלוב.

גוטע בלאַנעס — געענדיקט אַ יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שול, פריער געווען טעטיק אין „סקיף", און שפּעטער אין „צוקונפט".

## דער יינגסטער געטאָ־קעמפער

לושעק בלאַנעס. — אין לעצטן באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן זאָגט זיך, אַז דער עלטסטער מיטגליד פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געשטעלט דעם באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז געווען 40 יאָר און דער יינגסטער — 13 יאָר. דער יונגסטער פון די געטאָ־העלדן איז געווען — לושעק בלאַנעס.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער אַלט געווען 9 יאָר. ער האָט שוין געהערט צו אַ „סקיף"־קרייז, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען — „מיכאַלעוויטשעס אייניקלעך". צוליב דעם וואָס זיין גאַנצע משפּחה איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, איז לושעק, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז נאָך געווען אַ יונג קינד, דאָך אַריינגענומען געוואָרן אין דער אונטערערדישער קינדער־און־יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אָגב, דאָס לעבן אונטער דער פּסדרדיקער טויט־געפאַר האָט ביי גרויסע טיילן פון די פאָלקס־קינדער פאַרשאַרפט זייער חוש פאַר קאָנספּיראַציע, און זיי געשטויסן צו ריזיקאַלישע שריט. ווייסן מיר

דאָך, אַז מחנות יידישע קינדער פלעגן, אונטער טויט־געפאַר, זיך אַדורכרייסן דורך די געטאָ־ווענט, כּדי דערנאָך צו ברענגען אַהיים אַ פּאָר קאַרטאָפל אָדער אַ שטיקל ברויט. פיל פון זיי האָבן דערפאַר מיטן לעבן באַצאָלט — באַקומען אַ קויל אין קאָפּ, צעטרעטן געוואָרן מיט די שטיוול פון נאַצישע זשאַנדאַרמען אָדער אַריינגעשליידערט געוואָרן אין די אָפּגרונטן פון די שמוץ־קאַנאַלן. דער באַריכט פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן שטרייכט אונטער די דרייסטקייט פון לושעק בלאָנעס און זיינע פאַרדינסטן אַלס קוריער צווישן די אָפּטיילונגען יידישע קעמ־פער אין די שלאַכטן פון געטאָ. דער יונגער העלד פון „קליינעם בונד", ווי ער ווערט באַצייכנט אין באַריכט פון אונטערערד, איז געפאַלן באַ־דעקט מיט רום.

דער יינגסטער געטאָ־קעמפער!

*

נאָך פאַרן גרויסן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין אַפּריל־מאַי 1943, איז אין וואַרשעווער געטאָ שוין געווען אַ בלוטיקע שלאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 18־טן יאַנואַר פון זעלבן יאָר. בעת יענע קאַמפן זיינען דערהרגעט געוואָרן עטלעכע צענדליק דייטשן. צווישן די דער־הרגעטע יידן זיינען דעמאָלט אויך געפאַלן דריי באַקאַנטע לאָדזער טוער פון „בונד" — דוד כאַלאַדענקאָ, מאיר מירמלשטיין און גוטערמאַן. כאַלאַדענקאָ איז אַ לאַנגע צייט געווען פאָרזיצער פון דער „קולטור־ליגע" אין לאָדזש. מירמלשטיין איז געווען פאָרזיצער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון האַנדלס און ביורא־אָנגעשטעלטע, ווי אויך ראַטמאַן פון לאָדזער שטאָט־ראַט.

ווען דער וואַרשעווער געטאָ איז ענדגילטיק ליקווידירט און פאַרניכ־טעט געוואָרן נאָכן צווייטן גרויסן ווידערשטאַנד, האָט מען די רעשט פון דער באַפעלקערונג אַרויסגעפירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טראַוואַניקי ביי לובלין. צווישן די אַרויסגעפירטע זיינען אויך געווען פיל בונדיסטן. זיי האָבן נאָך אין הערבסט 1943 דאָרט געפייערט דעם 46־יעריקן יובל פון „בונד" און זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דעם אונטערערדישן בונדישן צענטער. אָבער די נאַצי־מערדער האָבן אויך די יידן פון טראַוואַניקער לאַגער אומגעבראַכט. דערביי האָט אַ טייל גע־שטעלט אַ ווידערשטאַנד. מיר וויסן דערוויל, אַז בעת דעם ווידער־שטאַנד זיינען אויך געפאַלן די בונדיסטן מאַלינאָווסקי, ישראל האָפּ־מאַן און מאיר עטקין (די לעצטע 2 אין פּאָניאַטאָוו).



שמעון מאַלינאָווסקי

שמעון מאַלינאָווסקי איז אַלט געווען 33 יאָר. געווען טעטיק אין „סקיף“, געווען מיטגליד פון לאָדזער קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צו־קונפט“, געאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון באַקלייד־פאַריין. בעת דער מלחמה איז ער אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די אַרבעטער־באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די הויפּט־שטאָט. די גאַנצע צייט פון דער נאַצי־הערשאַפט איז ער געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג.

ישראל האָפמאַן איז אין די יינגערע יאָרן געווען טעטיק אין דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג אין וולאָצלאַווקער ראַיאָן. די לעצטע צען יאָר איז ער געווען אַקטיוו אַלס טוער אין וואַרשעווער באַקלייד־פאַר־איין. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, גע־ווען טעטיק אין אונטערערדישן „בונד“ און געפאַלן אין אַקטיוון ווי־דערשטאַנד קעגן די נאַצי־מערדער אין עלטער פון 40 יאָר .

מאיר עטקין איז אַלט געווען 50 יאָר. צום „בונד“ האָט ער גע־

הערט נאָך פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. לאַנגע יאָרן איז עטקין געווען אַ מיטגליד פון לאָדזער קאָמיטעט פון „בונד" און געווען איי־נער פון די וויכטיקסטע טוער אין פאַריין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס בוכהאַלטער אין דער גרויסער מאַנו־פאַקטור־פאַבריק פון עטינגאָן.

לויט די לעצטע באַריכטן, איז נאָך אין אָנהויב 1942 אויף די גאַסן פון טאַרנאָוו פאָרגעקומען אַ שיסעריי צווישן געשטאַפּאָ און אַ באַ־וואָפנטער אָפּטיילונג בונדיסטן, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּשלאָגן אַרעס־טירטע חברים. אַ סך חברים זיינען געפאַלן אין העלדישן קאַמף. מיר וויסן דערוויל בלויז צוויי נעמען — יוסף צעלער און משה פייעראַייזען.

צעלער איז אַלט געווען קרוב 40 יאָר. אין זיינע יינגערע יאָרן איז ער געווען פאָרזיצער פון דער טאַרנאָווער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־בונד „צוקונפט". אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון „בונד" און סעקרעטאַר פון באַקלייד־פאַריין אין טאַר־נאָוו.

פייעראַייזען איז אַלט געווען 47 יאָר. ער איז געווען טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג נאָך אין די עסטרייכישע צייטן. די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון „בונד" און פּרנס פון דער יידישער קהלה אין טאַרנאָוו.

סיי יוסף צעלער, סיי משה פייעראַייזען זיינען געווען שניידער־אַרבעטער. אַ דאַנק זייער ענערגיע, טריישאַפט און אינטעליגענץ האָבן זיי זיך דערוואָרבן אַ שם אַלס מוסטערהאַפטע אַרבעטער־טוער. ווען מען האָט מיט געווער אין האַנט געדאַרפט זיך שטעלן קעגן שרעקלעכן נאַצי־שונא, האָבן זיי אויך דאַן געוויזן זייער טריישאַפט און מוט.

*

מיטן בלוט פון האַרץ האָבן אונזערע חברים און פריינט געשריבן די מאַרטירער־געשיכטע פון זייער פאָלק, מיטן אומדערשראָקענעם גייסט האָבן זיי מנצח געווען דעם אייגענעם טויט. זייערע טאַטן וועלן לויכטן מיט אַ ליכט, וואָס וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן.

# מעסעדזשעס

## צוגעשיקט צו „געטאָ ספּיקס" (חודש־ביולעטין פון דער אַמע־ריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד") צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער אויפשטאַנד

### מרס. עלעאָנאָר רוזוועלט

ווען עס דערגייען צו אונז טאָג־טעגלעך ידיעות פון אַלץ נייע שוידערלעכע פאַסירונגען, אַזוי, אַז דער מוח קען זיי פּשוט נישט מער באַנעמען, איז עס דאַכט זיך אונזער אַלעמענס אַן איבערלעבונג, אַז עס דערוועקט זיך אַ צווייפל אין אונזער הארצן, צי האָבן מיר נישט פאַר־לוירן אונזער פעאיקייט צו פילן ווי מענטשן. אונזער אינספּיראַציע און אונזער טיפער גלויבן שטראָמט דאַן אַרויס פון די הערצער פון יענע מוטיקע און רחמנותפולע מענטשן, וואָס נשמה איז ביי זיי דער איינציקער פאַרמעגן. אפשר איז עס איבעריק אַרויסצוזאָגן דעם פּשוטן אמת, אַז פאַר אונז אַלע זיינען זיי געשטאָרבן, אַז מיר מוזן לעבן פאַר זיי. אָבער דאָס איז איינער פון יענע אמתן, וועלכע ווערן אַזוי גרינג פאַרגעסן. נאָר יענע אמתן, וואָס פאָדערן ווייניק פון אונז, גע־דענקען זיך לייכט. טאָ איז מיין מעסעדזש צו אייך, דאָס וואָס איך זאָג זיך אַליין: „לאָמיר נישט פאַרגעסן".

### פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין

זיי האָבן געקעמפט און זיינען געשטאָרבן ווי יידן, אין דעם קאַמף קעגן די אָרגאַניזירטע דייטשע מערדער. פאַר אונז איז אָט דער קרבן אַ פאַרשטאַרקונג פון דעם בונד צווישן אונז יידן פון אַלע לענדער. מיר ווילן זיין איינס בלב ונפש אין אונזערע יסורים און אין אונזערע

שטרעבונגען צו דערגרייכן אַ בעסערע מענטשלעכע געזעלשאַפט, — אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז אונז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ ציל דורך אונזערע נביאים.

די דייטשן אַלס אַ פאָלק זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט די מאַסן־שחיטות און מוזן באַשטראָפט ווערן אַלס אַ פאָלק, אויב עס איז נאָך פאַראַן אַ גערעכטיקייט אויף דער וועלט און אויב דאָס באַוואוסט־זיין צו קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון פעלקער זאָל נישט פאַרשווינדן פון דער וועלט. הינטער דער נאַצישער פאַרטיי שטייט דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן היטלערן, נאָך דעם ווי ער האָט אין זיין בוך און אין זיינע רעדעס קלאָר געמאַכט, אָן שום ספּיקות, זיינע אוממענטשלעכע פּלענער. די דייטשן זיינען דאָס איינ־ציקע פאָלק, וואָס האָט נישט געמאַכט קיין ערנסטן פּרוואו פון אַ קעגנאַקציע, וואָס זאָל זוכן שוץ פאַר אומשולדיקע מענטשן. ווען די דייטשן וועלן באַזיגט ווערן און אָנהויבן צו יאָמערן איבער זייער גורל, לאָמיר זיך נישט לאָזן ווידער נאַרן, נאָר לאָמיר געדענקען, אַז זיי האָבן אויסגענוצט בכּיוון דעם מענטשלעכן יושר פון אַנדערע, כּדי זיך צו גרייטן פאַר זייער לעצטן און שווידערלעכסטן פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט.

## אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוו

די געשיכטע וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דאָס ערשטע און שטאַרקסטע: „זיי וועלן נישט דורכגיין!" איז געגעבן געוואָרן די אַל־מעכטיקע היטלעריסטן דורכן יידישן פּראָלעטאַרישן געטאָ.

ווען מענטשלעכע ווירדע און קלאַסן־באַוואוסטזיין הייבן־אויף זייער שטים, מוז דער נאַציזם צוריקטרעטן.

דער געטאָ האָט גערעדט. דער ביישפּיל און די לערע פון ערליך און אַלטער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. די פאַשיסטן זיינען נישט אַדורך.

## אַדאָלף עי. בערלע

איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אַ געלעגנהייט צו בויגן מיין קאָפּ פאַר דעם העלדישן גייסט פון יידישן פאָלק צום ערשטן יאָרצייט פונם קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ. עס איז נאָך נישט געשריבן גע־וואָרן אַזאַ שיין בלאַט אין דער לאַנגער געשיכטע פונם יידישן פאָלק,

ווי אַט דער קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן פון אומבאַוואָפנטע מענער, פרויען און קינדער קעגן די נאַצישע מערדערס. זיי האָבן געגעבן אַ וואונדערלעכן ביישפיל צו אַלע די, וואָס גלויבן אין פרייהייט און אין כבוד פון דער מענטשלעכער נשמה און וואָס קלויבן אויס גיכער צו שטאַרבן, איידער צו לעבן אין שקלאַפעריי.

דער קרבן וועט נישט זיין אומזיסט, וואָרעם די העראָאישע פאַר־טיידיקער פונם וואַרשעווער געטאָ האָבן געשטאַרקט דעם גייסט פון יענע פרייע פעלקער, וואָס זיינען אַנטשלאָסן צו פאַרניכטן די נאַצישע טיראַניי און צו באַפרייען זיך און אַלע אונטערדריקטע פעלקער.

## פראָפעסאָר עמיל גומבעל

דער העראָאישער טויט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע און אַלע לײדן פון אייראָפּע וועלן זיין אומזיסט, אויב זיי וועלן נישט ווענדן אונזער ענערגיע צו אונזער עיקר־פליכט, — צו טאָן אַלץ אויף אָפּצואווישן דעם פאַשיזם פון פּנים פון דער ערד.

## וויליאַם גילים

די לײדן פון די יידן, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן און אין די שחיטה־הייזער פאַר מענטשן אין פוילן, האָבן אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון מיטגעפיל אין דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן אויך אַרויסגערופן אַלגעמיינע פאַראַכטונג און האַס — אָפט מאָל געמישט מיט אַ געפיל פון אומגלויבן — קעגן יענע, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק ווי דעם נאַציאָנאַלן לאָזונג פון אַ מלוכה, ביז מיטשולד אָדער פאַסיווער טאָלעראַנץ פונם דייטשן פאָלק.

אונזער מיטגעפיל אָבער איז געמישט מיט גרויס באַוואונדערונג, ווען מיר זעען אַט די אומבאַוואָפנטע מאַכטלאָזע רעשטלעך פון יידישן פאָלק פון פוילן אויפשטיין און קעמפן קעגן די דייטשע חיות. אָן האָפענונג אויף רעטונג, „די שוואַכסטע צווישן די שוואַכע, די אומבאַ־האָלפנסטע צווישן אומבאַהאָלפענע”, שטעלן זיי אַ ווידערשטאַנד ביז צום טויט, מיט ניט געבראָכענעם גייסט און העלדישן מוט.

דער געלער מגן־דוד איז געוואָרן אַ מעדאַל פון כבוד.

די וואַקכאַנאַליע פון אויסראָטונג גייט אַלץ נאָך אָן. די פּריסטער פון דער אייראָפּעאישער „נייער אָרדענונג”, אַט די פּריידיקערס פון

האָס און בלוט־פאַרגיסונג, פאַרשטאַרקן נאָך זייער מערדערישע טע־טיקייט.

אָבער דער טאָג פון באַפרייאונג, דער טאָג פֿון חשבון איז נישט מער ווייט. די אַרמייען פון די פאַראייניקטע פעלקער זיינען אויפן וועג, אונטער די פלאַטערנדיקע פענער פון פֿרייהייט און גערעכטיקייט. מען וועט זיך נישט אָפּשטעלן ביז וואַנען דער דייטשער נאַציזם און מיליטאַריזם וועלן פאַרניכטעט ווערן גרינטלעך און אויף שטענדיק, ביז וואַנען די אונטערדריקטע פעלקער פון איראָפּע, פון אַלע גלויבנס און ראַסן, וועלן ווידער פאַרנעמען זייער פּלאַץ אַלס גלייכע בירגער פון אַ פֿרייער וועלט.

## לודוויג גראָספעלד

די קעמפער פון געטאָ האָבן געקעמפּט אונטער דער פאָן פון דער רעפּובליק, וועלכע זיי זיינען געבליבן טריי ביז צום טויט. די אַקטיווע שטיצע וואָס די קעמפער האָבן געקריגן פון דער פּוילישער „אונטער־ערדישער באַוועגונג, פון דער פּוילישער אונטערערדישער אַרמיי, און, קודם כּל, פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן פאַרבונדן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ מיט דעם כּסדרדיקן קאַמף פונעם פּוילישן פאָלק פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

## ד. דובינסקי

אין דער שוידערלעכער טראַגעדיע פון אונזער פאָלק, אין דער כוואַליע פון שחיטות פון מיליאָנען יידישע מענער, פרויען און קינדער דורך די נאַצישע טייוולאָנים — שחיטות, וואָס גייען נאָך אָן אין אַלע טיילן פון איראָפּע אונטער דער הערשאַפט פון היטלערן — אין אָט דעם ים פון בלוט שטייט דער קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ ווי אַן אייביקער מאָנומענט פאַר דעם העלדנמוט פון יענע טויזנטער, וואָס האָבן אויסגעקליבן גיכער צו שטאַרבן ווי קעמפער, איידער געשאָכטן צו ווערן ווי בהמות פון זייערע אומברחמנותדיקע מערדער. די מאַר־טירער, וואָס זיינען געפאַלן ווי העלדן אויף די באַריקאַדעס פונם וואַר־שעווער געטאָ, רופן נקמה צו נעמען אָן די שונאים, וואָס האָבן קאַלט־בלוטיק פאַרמשפּט אַ גאַנץ פאָלק צו אויסראָטונג. די ציוויליזירטע וועלט טאָר נישט און וועט נישט פאַרגעסן אָט די שחיטות. מיר וועלן נישט פאַרגעסן.

## גאָווערנער דיואי

די וועלט וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם העראָאישן ווידער־שטאַנד פֿון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן קעגן דער אומ־מענטשלעכער אַגרעסיע פֿון די נאַציס.

די לערע פון דעם קאַמף וועט לאַנג לעבן אין זכרון פון דער מענטשהייט.

די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרף זיין שטאָלץ, וואָס דאָס לאַנד האָט געגעבן אַ מקום־מקלט אַ גרויסער צאָל יידן, ווי אויך מיט זייער צושטייער פאַר די האָפענונגען פון דער דעמאָקראַטישער וועלט.

## יוליוס דייטש

פֿון דעם חושך פון נאַצי־באַרבאַריי לייכטן אַרויס די דערגרייכונגען פון וואַרשע ווי אַ ליכטיקער פאַקעל.

ווען די וועלט וועט ציילן זיינע העלדן, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַר פרייהייט, וועלן די יידן דערמאַנען מיט שטאָלץ און די נישט־יידן מיט דער גרעסטער אָנערקענונג, די יעניקע, וועלכע זיינען געפאַלן אין די קאַמפן פון וואַרשעווער געטאָ.

## י. ב. ס. האַרדמאַן

די ברענענדיקע ווערטער, וואָס קומען פון דעם קאַמף־רוף אין וואַרשעווער געטאָ, רעדן צו די אונטערדריקטע אין יעדן ווינקעלע פֿון דער ערד — שלאָגט צוריק, שלאָגט שטאַרק, שלאָגט אָן קיין שום געדאַנק פון שוינען זיך אַליין, אויב איר שטרעבט צו ענדגילטיקער אויס־לייזונג.

## סידני הוק

דער העלדישער ווידערשטאַנד און טויט פון די יידן אין וואַר־שע אין זייער אומגלייכן קאַמף קעגן דער געוואַלדיקער איבערמאַכט דאַרף זיין אַן עמוד האש פֿאַר אַלע יידן, פאַר אַלע, וואָס ליבן פריי־הייט, אין זייער קאַמף קעגן פאַשיזם אויף דער גאַנצער וועלט. אונזערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן פאַרגלייכן דעם קאַמף פון די יידן אין וואַרשע מיט דעם קאַמף פון די גריכן אין טערמאפילן־פאַס.

## פידנעי הילמאַן

דער העראָאישער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ האָט טיף אויפגערודערט אַלע, וואָס שאַצן אָפּ הויך דעם ווערט פון פרייהייט און גערעכטיקייט. דער טויט פון די יידישע קעמפער אין אָט דעם אומגלייכן קאַמף, האָט אַרויסגערופן די באַוואונ־דערונג פון דער וועלט.

דריי יאָר אוממענטשלעכע פּיין האָט נישט דערשטיקט דעם קאַמף־גייסט פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ. די געטאָ־שקלאַפן זיינען געוואָרן העלדישע קעמפער ווייבאַלד זיי האָבן נאָר באַקומען וואָפן צום קאַמף, הגם די דאָזיקע וואָפן זיינען אַזוי נישטיק געווען לגבי דער נאַצישער באַוואָפענונג. מיט זייער בלוט און מיט זייערע לעבנס האָבן זיי אַנגעשריבן אַ העלדיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון איצ־טיקן וועלט־קאַמף קעגן פאַשיזם..

איך בין ספּעציעל שטאָלץ, וואָס יידישע אַרבעטער האָבן גענומען די איניציאַטיוו און זיינען געווען די פירער פונם פאָלק אין אָט דעם ווידערשטאַנד. אַפילו אין גהינום פון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָבן די יידישע אַרבעטער נישט פאַרגעסן זייערע טראַדיציעס פון קאַמף, האָבן נישט מקריב געווען זייער מענטשלעכן כבוד. זיי האָבן אויסגע־קליבן טויט מיט וואָפן אין די הענט אַלס קעמפער. די הילף און די סימפּאַטיעס פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג זאָגן עדות פון אַחדות פון אַלע פרייע מענטשן אין אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן נאַציזם, קעגן אָט דעם בלוטיקסטן שונא פון דער מענטשהייט.

די קאַמפן פון וואַרשעווער געטאָ דערמאָנען אונז אויך, אַז די איצטיקע מלחמה מוז דערפירן צו אַ וועלט פון גלייכהייט פאַר אַלע, אַ וועלט, אין וועלכער עס מוז הערשן אַלמעכטיק גערעכטיקייט און נישט באַוואָפנטער כוח. די לעבן־געבליבענע יידן אין אייראָפּע מוזן באַקומען די מעגלעכקייט אויפצובויען זייערע היימען, צו לעבן אין פרייהייט און גלייכהייט צווישן זייערע מיטבירגער. דאָס אַלץ מוז גע־טאָן ווערן, דאָס איז דער מינימום, וואָס מיר זיינען שולדיק צו באַצאָלן די העראָאישע פאַרטיידיקער פון דעם געטאָ.

## מעטיו וואָל

צוויי מאָל אין לעצטן יאָרצענדליק האָבן טרייד־יוניאָניסטן פון דער גאַנצער וועלט מיט שטאָלץ, באַוואונדערונג און פאַרערונג צוגעזען

דעם העלדישן און דערביי האָפענונגסלאָזן קאַמף פון אַ גרופע אַרבעטער פאַר זייער כבוד קעגן דער געוואַלדיקער איבערמאַכט פון זייערע שונאים. די יידישע אַרבעטער פון וואַרשעווער געטאָ האָבן העלדיש מיטגעקעמפט אין דעם וועלט־קאַמף קעגן די אַרמייען פון נאַציזם, אויסקלייבנדיק דעם קאַמף פאַר רעכט צו שטאַרבן ווי פרייע מענטשן, איידער ווי שקלאַפן — וויסנדיק, אַז טויט איז זייער גורל. אַזוי האָבן אויך די עסטרייכישע אַרבעטער געקעמפט אין 1934 נישט בלויז פאַר דער דערהאַלטונג פון זייערע דעמאָקראַטישע אַרבעטער־רעכט, נישט בלויז פאַר די אַרבעטער־הייזער און די אַנדערע דערגרייכונגען פון רעזשים פון פרייהייט. זיי זיינען אויפגעשטאַנען אין קאַמף קעגן דער געפאַר פון „אַפּיזמענט„, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו פאַרטונקעלען די צוקונפט און וואָס האָט זינט דעמאָלט שוין געבראַכט אַזוי פיל פאַרצווייפלונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קאַמף פונם וואַרשעווער געטאָ באַלאַנגט צו דער גרויסער טראַדיציע פון קרבנות פאַר איבערצייגונג און גלויבן, וואָס איז אַ טראַדיציע פון דער טרייד־יוניאַן־באַוועגונג. עס איז אָבער גלייכצייטיק אַן עלטערע טראַדיציע. לכל הפחות נאָך איין־איינציק מאָל האָט זיך געטראָפן אין דער געשיכטע, אַז אַ קליינע מחנה שלעכט באַוואָפנטע און נישט צוגעגרייטע יידן האָבן געקעמפט ביז צום לעצטן טראָפן בלוט קעגן דער מעכטיקסטער מלחמה־מאַשין אין זייער צייט. דאָס איז געווען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען די בירגער פון ירושלים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, כמעט אומבאַוואָפנטע און ניט געשולטע, קעגן די רוימישע אַרמייען פון אָקופּאַציע.

יידן זיינען ניט געגאַנגען אויפן וועג פון „אַפּיזמענט”, ניט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און ניט מיט אַ יאָר צוריק. זיי זיינען ניט געגאַנגען אויפן וועג פון „אַפּיזמענט”, הגם עס האָט אויסגעזען לאָגיש, אויפן ערשטן בליק אַפילו בכבודיק און אַלענפאַלס אומפאַרמיידלעך אין זייער לאַגע, צו גיין אויפן וועג פון פשרות. די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ האָבן הויך געהאַלטן די פאָן פון פרינציפן, וואָס זיינען אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט — די פרינציפן, אַז דער מענטש קען אומקומען, אָבער דער אידעאַל מוז דערהאַלטן ווערן. כל־זמן אַט דער פרינציפ ווערט אָפּגעהיט פון אַזעלכע מענטשן ווי די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ, מעגן מיר פון דער טרייד־יוניאַן־באַוועגונג האָבן צוטרוי צו דער צוקונפט און צו דעם וואָס זי וועט ברענגען פאַר די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

## ווענדל ווילקי

דער הערצאישער ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין די לוחות פון העלדנמוט. עס איז אַן אמתער כבוד צו ערן זייער אָנדענק.

## נאָרמאַן טאָמאַס

דער העראָאיזם פון די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ וועט זיין אַ ווערטפולער טייל אין דער דורותדיקער ירושה פון קאַמף פאַר פרייהייט.

## דאָראָטי טאָמפסאָן

די יידן האָבן דורך זייער קאַמף איבערגעשיקט אַ רוף צו אַלעמען: דולדעט נישט לענגער! קעמפט! עס וועט קומען דער פרימאָרגן!

## מעיאר לאַ גוואַרדיאַ

איך האָב אויפמערקזאַם געלייענט אייער בריוו פון 25טן יאַנואַר, 1944. איך בין פעסט איבערצייגט, אַז עס וואָלט באַדאַרפט געשיקט ווערן אַ מעסעדזש צו יענע העלדישע פאַרטיידיקער פון וואַרשע, וואָס זאָל זיי זאָגן, אַז איצטער קעמפן זיי נישט מער אַליין. יענע מענער און פרויען האָבן באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג דורך מיליאָנען און מיליאָנען פרייע מענער און פרויען. און אָט די אַלע מיליאָנען אַנטשלאָסענע מוטיקע קעמפערס זיינען צוגעגרייט צום קאַמף און באַוואָפנט מיט די בעסטע וואָפן פון מאָדערנער מלחמה־פירונג. זיי ווערן געפירט דורך מענער פון אייזערנעם ווילן. דאָס זיינען אַרמייען און פלאָטן פון דער ציוויליזאַציע, וואָס וועלן דערגרייכן זייער ציל — בערלין און טאָקיאָ. אָט די אַרמייען מאַרשירן פאָרויס אָן איבעררייס.

גיט איבער דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, אַז זיי זאָלן אָנגיין מיט זייער קאַמף. מיר האָבן זיי נישט פאַרגעסן, און די זון גייט אויף צו אַ נייעם טאָג. זיי זיינען אַזוי לאַנג געטראָטן געוואָרן פון די גראָביאַנישע שטיוול פון די נאַציסטישע בעסטיעס און זייערע משרתים, אָבער באַלד וועט זיך ענדיקן די צייט פון זייערע ליידן.

## פּראָפעסאָר האראָלד לאַסקי

גלייך מיט אַלע יידן בין איך באמת שטאָלץ אויף דעם העלדנ־מוט פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ — אַט דער קאַמף איז אַ כבוד פאַר דער גרויסער טראַדיציע פון „בונד". איך האָף, אַז אייערע חברים וועלן נוצן זייער איינפלוס צו פאָדערן פולע מענטשן־רעכט פאַר אַלע יידן, וועלכע וועלן בלייבן לעבן אין פוילן נאָך דער מלחמה און אַז זיי וועלן טאָן אַלץ וואָס אין זייערע כחות, אַז דער וועג צום שלום זאָל פאַרברייטערט ווערן דורך אַ פולער פאַרשטענדיקונג צווישן פוילן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער מוט פון „בונד" איז טאָפּלט צו באַ־וואונדערן, אויב ער ווערט דערגאַנצט אין אַ גלייכער מאָס דורך שטאַטסמענישן שכל.

## הערבערט ה. לעהמאַן

איך האָב באַקומען אייער בריוו און אים געלייענט מיט גרויס מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש.

איך וויל אויסדריקן מיין אָנערקענונג פאַר אייער אָרגאַניזאַציע, פאַר דעם וואָס איר פייערט דעם ערשטן יאָרטאָג פון קאַמף אין וואַר־שעווער געטאָ. עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַ פאַרברעכן פון מענטש קעגן מענטש, וואָס וועט קיין מאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון די בלעטער פון דער געשיכטע. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אַ געלעגנהייט צו בויגן מיין קאָפּ פאַר דעם אָנדענק פון יענע, וואָס האָבן אַזוי מוטיק געקעמפט פאַר לעבן און פרייהייט.

מיט די בעסטע וואונטשן, בין איך אייער

## עדגאַר אַנסעל מאָאורער

פון היינט אָן, וואו נאָר מענטשן וועלן שטעלן אין קאָן זייער לעבן פאַר זייער פרייהייט און דער פרייהייט פון אַלע אונטערדריקטע, וועלן זיי האָבן די וואַרשעווער יידן פאַר זייערע פאַרבאָרגענע פאַר־בינדעטע.

## פיליפּ מאָרעי

צום ערשטן יאָרטאָג פונם קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ וויל איך באַגייען דעם צוזאָג פון קאָנגרעס פון אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס

(סי־איי־אָ) צו שטיצן דאָס יידישע פֿאָלק אין זיין קאַמף פֿאַר לעבן און פֿרייהייט.

ביים אָנדענק פֿון אונזערע העלדישע ברידער, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער מוראדיקער נאַציִשער מלחמה־מאַשין מיט זייערע נישטיקע אַריינגעשמוגלטע ביקסן און מיט זייער אומפֿאַרגלייכלעך גרויסן העלדנמוט, דאַרפֿן מיר שטאַרקן אונזער באַשלוס צו פֿאַרענדיקן די אַרבעט, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן, צו פֿאַרניכטן זייערע פּייניקערס, אַז קיינער פֿון זיי זאָל נישט מער אויפֿשטיין צו פֿאַרשווערכן דעם העלדנמוט פֿון די יידישע קעמפֿערס. אין נאָמען פֿון מענטשלעכקייט און פֿון מענטשלעכער גערעכטיקייט זאָלן מיר צוריק אויפֿלעבן דעם כּבוד פֿון יענע מענטשן, וואָס זיינען געשטאָרבן פֿאַר פֿרייהייט און גלייכהייט און ווידער אויפֿבויען פֿרייהייט און פֿרידן אויף דער ערד, אויף וועלכער זיי האָבן פֿאַרגאָסן זייער בלוט.

## קאַרין מיכאַעלים

איך בין אַלט און מיין לעבן איז ווייניק ווערט. איך בין דעריבער נישט קיין העלדין, ווען איך וועל זאָגן — און איך מיין דאָס — אַז איך וואָלט צופֿרידן געווען אָפּצוגעבן דאָס ביסל יאָרן וואָס איז מיר פֿאַרבליבן, אַז איך זאָל קאָנען העלפֿן די יידן, וואָס לעבן נאָך אין די געטאָס, צו נעמען נקמה פֿאַר די דערמאָרדעטע.

## אנן אַ'האַרע מעק־קאַרמיק

נישטאָ קיין ווערטער אויף ערן די העראָאישע זעלנער פֿונעם קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ. אַלע האַסער פֿון טיראַניי זיינען אויף אייביק זייערע בעלי־חובֿות.

## יאַן סטאַנטשיק, פֿירער פֿון פּפּ"ס, פּוילישער מיניסטער פֿאַר סאָציאַלער שוץ, שרייבט אין זיין מעסעדזש :

„אין יאָרטאָג פֿון די קאַמפֿן אין וואַרשעווער געטאָ זאָלן מיר באַערן זייער אָנדענק מיט אַ מינוט שוויגן. וואַרשע געהערט צו די קרבנות־גרייטסטע פֿעסטונגען פֿון נישט געבראָכענעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. צום ערשטן מאָל איז וואַרשע איינגענומען געוואָרן דורך דעם אייזן געפּאַנצערטן שונא אין יאָר

1939. דעמאָלט איז דאָס פאָלק אַרויס פאַרטיידיקן די שטאָט... אין די היטלערישע טעג איז דער יידישער אַרבעטער געשטאַנען אָרעם אין אָרעם נעבן דעם פּוילישן, כּדי צו פירן דעם איינציקן אין דער געשיכטע קאַמף קעגן דעם פאַרפּאַנצערטן און מאָטאָריזירטן ברוינעם פאַשיזם.

וואַרשע, די צעבלוטיקטע שטאָט פון קברים און חורבות, איז גע־וואָרן איינגענומען — אָבער זי האָט נישט קאַפּיטולירט. די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטער אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן געקעמפט האַנט אין האַנט אין די געמיינ־זאַמע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין געמיינזאַמע פּאָליטישע אַק־ציעס פאַר פּוילן פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע — די זעלבע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער — אונטער די פענער פון „בונד" — זיינען אַריבער צו דער אונטערערדישער מלחמה מיטן שונא פון אונזער לאַנד און שונא פון פרייהייט".

„דעם פּוילישן פאָלק איז אויסגעפאַלן אַ שווערער און בלוטיקער גורל — וויפיל שרעקלעכער און טראַגישער איז דער גורל פון די יידישע מאַסן. היטלער האָט פאַראָרדנט זיינע בלוטיקע הענקער אומברחמנותדיק אויסצומאָרדן די גאַנצע שוצלאָזע יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן. דעמאָלט האָט זיך אין וואַרשעווער געטאָ אָנגעהויבן אין אַפּריל 1943 צום צווייטן מאָל די שלאַכט פאַר וואַרשע".

„דאָס איז געווען אַ קאַמף נישט פאַרן געטאָ, נאָר פאַר גאַנץ וואַרשע, ווייל די מויערן, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן לויט דער פאַראָרדענונג פון היטלערן, זיינען נישט אימשטאַנד געווען צו צעשניידן וואַרשע אויף צוויי העלפטן. פון איין זייט און פון דער צוויי־טער זייט געטאָ־מויערן האָט געשלאָגן איין האַרץ — דאָס האַרץ פון פּוילישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט. פוןביידע זייטן געטאָ האָט גע־לעבט די זעלבע צוגעבונדנקייט צו פרייהייט און נישט געבראָכענעם ווילן צום קאַמף קעגן טיראַניי".

## ד"ר ווילהעלם עלנבאָגען

דער טויט־קאַמף, וואָס האָט געפלאַקערט אין וואַרשע, האָט אויפ־געטרייסלט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין דער גאַנצער וועלט. ער באַווייזט, אַז דאָרטן וואו אין אַ פאָלק לעבט ווירדע און גרויסקייט, וועלן זיי קיין מאָל נישט דערשטיקט ווערן.

די קאַמפן פון געטאָ וועלן פאַרבלייבן אַ היסטאָרישער סימבאָל און אַ קוואַל פון האָפענונג פאַר דער מענטשהייט.

## אָסקאַר פּאָלאַק

אין גאַנג פון דער יידישער געשיכטע האָט דער „בונד" באַוויזן דעם וואונדער פון דערציען די יידישע אַרבעטער פאַר דערפאָלגרייכן ווידערשטאַנד קעגן אַלע שונאים.
דאָס איז געקרוינט געוואָרן מיט אומשטערבלעכן רום, ווען אין דער שעה פון בייזסטן שטורעם פון דעם מעכטיקסטן שונא איז דאָס געוועזן דאָס יידישע אַרבעטנדיקע פאָלק פון וואַרשע, וואָס האָט געשלאָגן צוריק.

## ד"ר פראַנק קינגדאָן

ווען ביי אונז דערוועקן זיך ספקות, צי דער מענטשלעכער גייסט האָט זיך דערהויבן צו די פאָדערונגען פון אונזער צייט, וועלן מיר דערמאָנען אָט די מענער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן געוואַלטיקן איבערגעוויכט, און דאָס דאַרף אונז דערמוטיקן צו פאַרזעצן אונזער אייגענעם קאַמף אַנטקעגן אַלע כוחות פון פאַשיזם אין גאַר דער וועלט.

## פרעדאַ קווירטשוויי

דער קאַמף פון געטאָ דאַרף באַגייסטערן מענער און פרויען אין גאַר דער וועלט אין זייער קאַמף קעגן דעם זעלבן ברוטאַלן שונא.